# אידישע
# דיכטער
# אין קאנאדע

ח. מ. קייזערמאן־וויטאל

BAnQ
000 644 710

ת. מ. קייזערמאַן־וויטאַל

# אידישע דיכטער אין קאנאדע



געצייכנט פון אלעקסאנדער בערקאוויטש

ארויסגעגעבן פון פארלאג „גיואנסן"
מאנטרעאל, 1934

Copyright
H. M. Caiserman-Wital
1934
Montreal

Printed in Canada

מיט ליבשאַפט מיין פרוי
און חברטע שרה קייזערמאַן.

# א וואָרט

מיין טייערער ה. מ. קייזערמאַן,

איך האָב נישט ליב קיין הקדמה׳ס צו ביכער און איך ווייס נישט צו קאָן מען אָנרופן הקדמה מיינע עטלאַכע ווערטער. וועלכע איך נעם אָן מיט פרייד, צו זאָגן ביים שוועל פון אייער בוך. איך האָב זיך אַליין „אָנגעמיט" דאָס צו טאָן, ווייל צו אייער בוך האָב איך אַן אַנדער מין באַציאונג, ווי צו גלאַט אַ בוך וואָס גייט אַריין אין דער ליטעראַטור. מיין באַציאונג צו אייער איצטיקן ווערק איז אַ נאָענטע, אַן אינטימע און דערפאַר וויל איך, מוז איך עפּעס זאָגן ביי דער געלעגנהייט פון זיין דערשיינען. סאיז אויך דערפאַר, ווייל דאָסדאָזיקע בוך איז אויסגעוואַקסן פאַר מיינע אויגן, כמיין דאָס ביסל סביבה וואָס האָט צו־טון מיטן ליטעראַרישן שאַפן דאָ אין שטאָט, איז כמעט דורכגעגאַנגען דורך מיין אייגן ווען, אַזוי אַז איך פיל זיך ווי אַ שטיקל „שותף" צום געדאַנק אין וועלכן אייער אַרבעט איז געבאָרן געוואָרן.

דורכבלעטערנדיק איינציקע טיילן פון בוך און זעענדיק ווי איר נעמט אַלץ אַריין מער און מער מענטשן וואָס האָבן צו טון מיטן היגן קולטורעל־ליטעראַרישן לעבן, איז מיר תחילת געווען אַביסל שווער אָנצונעמען די ברייטקייט מיט וועלכער איר טוט דאָס. נישט איינמאָל איז אונז שוין אויסגעקומען רעדן און זיך מתווכח־זיין וועגן דעם. נישט איינמאָל זיך געשפּאַרט און — תמיד זיינען מיר דאַכט זיךביידע אַרויס גערעכט, כאָטש געפילט האָבן מיר אַז איינער איז פאַרן צווייטן געבליבן אוימגערעכט. ווען איך בין פון אייך אָפּגעגאַנגען נאָך אַ הייסן וויכוח, אַמאָל אַביסל אינ׳כעס און אַמאָל גאַנץ גוטמוטיק געשטימט, האָב איך דאָך געפילט און פאַר־שטאַנען די גוטסקייט פון אייער כוונה. איך האָב אויך פאַרשטאַנען אַז איר, קאָנט גיכער ווי איך זען דעם אָביעקטיוועדן מאָמענט פון דעם איצט אין אַ געשיכטלאַכן פּערספּעקטיוו. איר זעט דאָס ליטע־ראַרישע שאַפן, נישט נאָר דאָ, דורך אַ קולטור־פּריזמע און דערפאַר קאָנט איר ו ו ע ל ן פולער און ברייטער מאַכן דעם סך־הכל. צונויפנעמען אַלץ וואָס עס האָט א י ן זיך און פ א ר זיך אַ געוויסן ווערט. אייך איז פּשוט ליב און טייער יעדער פּינטעלע וואָס האָט זיך אַ ווירבל־געטאָן אין דער היגער קולטורעלער לופט. אייך איז דאָס ליב און איר ווילט עס נישט אָפּלאָזן פאַרן ווינט. איך פאַרשטיי אויך גאַנץ גוט דאָס הומאַניסטישע אין אייער צוגאַנג. איר טרעט צו מיט אַ ציטערדיק געפיל פון איינעם וואָס מוז, און מיט רעכט, אויסהיטן דאָס מינדסטע וואָס האָט אַ שטיקל קולטורעלן און ליטעראַרישן ווערט, פאַר דער גאַס, וואָס קוקט זיך כמעט

נישט אום דערויף. פון דעמדאָזיקן שטאַנדפּונקט אַרויסגייענדיק, דאַרף יעדער אידישער מענטש וואָס טוט נאָר אַפילו איינמאָל אין אַ יובל אַ טראַכט וועגן אידיש און אידישער ליטעראַטור, בענטשן אייערע הענט פאַר דער מי און פאַר דער ליבשאַפט וואָס איר האָט אין אייער אַרבעט אַריינגעהויכט. אייער בוך איז אַ רוף צו דער אידישער גאַס, אַ נייער מין רוף, אַזעלכער וואָס קיינער האָט עס נאָך ביז איצט נישט געטאָן, פאַרקערט — — —

און ווייל איר זייט דאָ כמעט דער איינציקער, דער איינציקער וועלכן איך האָב דאָ, נאָך אין מיינע פרי־פריע אינגל־יאָרן דערקענט, — דער איינציקער וואָס נעמט מיט ציטערדיקער פרייד און ליב־שאַפט אַ אידיש בוך אין דער האַנט. דער איינציקער וואָס רעדט תמיד וועגן דעם וואַקסן, אויסוואַקסן און דאָס זיך־פאַנאַנדערבליען פון אַ אידישער ליטעראַטור. דער איינציקער וואָס דערציילט אַלעמען, ווי אַן אמת'ער התלבות'דיקער חסיד, וועגן דעם וואַקסן פונם אידישן וואָרט. וואו נאָך האָב איך געזען, אין וועלכן אידישן הויז דאָ אין שטאָט, דאָס אידישע בוך זאָל אַנטקעגנשיינען ווי דאָס העכסטע און שענסטע צירונג. אין קיין הויז דאָ, ביי קיינעם ניט האָב איך זיך געפילט אַזוי היימיש, ווי אין אייערס, ווייל — נאָר צו וואָס רעדן, צו וואָס אַרויסרופן אין זיך דאָס געפיל וואָס די אַרומיקע פּוסטקייט דערוועקט און פאַרביטערט אונז די שענסטע מינוטן פון אונזער אַזוי אויך ניט גרינגן און אָפּט יאָושדיקן טאָג.

דערפאַר, רעדנדיק נאָנט און אינטים, איז מיר ליב אייער פאַרגינען זיך צו זיין ברייטער און נאָסטפּריינטלאַכער. דערפאַר איז מיר דאָס בוך אייערס טייער און איך נעם עס אויף מיטן אייגענעם חשוב'ן און אויפריכטיקן געפיל, און איך לעב דורך דאָס אייגענע וואָס איך האָב דורכגעלעבט דאַמלט ווען איך בין צום ערשטן מאָל אַריינגעקומען צו אייך אין שטוב אַריין — צום ערשטן מאָל אין אַן אָרט וואו דער ענין: אידיש וואָרט, אידישע ליטעראַטור, האָט געלעבט און געאָטעמט ווי ביי זיך אין דער היים. האָב איך אליין זיך דערפילט ווי אין דער היים. און איך האָב, זייענדיק ווייט פון מאָנטרעאַל, זיך אָפט דערמאָנט מיט וואַרימער בענקשאַפט נאָכן הויז: קייזערמאַן. איך ווייס ניט, אפשר האָט יעדע שטאָט איר ווינקל, אירע פאָר אמת'ע ליבהאָבער און חשוב־האַלטער פון דער אידישער ליטעראַטור. איך בין שוין אויך אין אַנדערע שטעט אַריבערגעטרעטן דעם שוועל פון אַ פּאָר „ערב־סאַלאָנען", די גערירטקייט, דאָס אינערלאַכע געמיט מיינס, וועט שוין שטענדיק זיין צוגעבונדן צו דער שוועל וואָס האָט מיך צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן באַגעגנט און אויפגענומען מיט אמתדיקן פיינגעפיל ווען איך דערמאָן זיך דאָס, געדענק איך אָן די ערשטע טעג פון

מיין שרייבן און א דינע איידעלע בענקשאפט רירט אָן מיין האַרץ.

און נאָך א זאַך, מיין ליבער ח. מ. קייזערמאַן.

איך בין אייך פשוט מקנא וואָס אייך איז אויסגעפאַלן דער כבוד און — די טרחה צו זיין דער ערשטער צונויפנעמען יונגן ליטעראַריש־געשיכטלאַכן מאַטעריאַל און אים, אין דער וואַרימקייט פון אייער גוט׳ געפיל און ליבשאַפט, האַלטן פריש און אָפּגעהיט. וויפיל דאַנק עס וועט אייך שולדיק־בלייבן דער היסטאָריקער פון דער אַלגעמיינער אידישער ליטעראַטור פאַר אייער אַנטקעגנטראָגן אים אַזאַ קערבל מיט דאָקומענטן. איך ווייס אַז איר וועט דעמדאָזיקן גרויסן דאַנק און אָפּשאַצונג כשר פאַרדינען.

און — איך שרייב אייך אָט־די עטלאַכע ווערטער נישט דערפאַר ווייל איך וויל אייך העלפן טראָגן דעמדאָזיקן מאַטעריאַל, איך טו דאָס דערפאַר בכדי אָנצוווייזן און דייטלאַכער מאַכן אויף ווי אַן איינציקן וואָס האָט אינזינען געהאַט דאָס וואָס כמעט אַלע אַנדערע דאָ ביי אונז ליגט עס נישט אין דער לינקער פּאָה. און דאָס וואָס ביי אַלעמען איז דאָס סאַמעלעצטע הויבט איר אַרויס אין דער הויך איבער אַלעמענס קעפּ, ווי אַ קרוין, אפשר אַן אומ־פאַרדינטער, אויפן קאָפּ פון אַ גלייכגילטיקער קאַלטער גאַס, וואו ווען נישט די פּאָר איינציקע, וואָלט אפילו קיין איינציק פיינער קולטור־גראָזל נישט געקאָנט אַרויסשפּראָצן און אַ קיום־האָבן.

י. י. סיגאַל.

יולי, 1934, מאָנטרעאַל.

# פאָרוואָרט

איך האָב באַשלאָסן צונויפצוברענגען אַלע קענעדער דיכטער אונטער איין דאַך, און אַזוי באַווייזן אַז ס'איז נישט נויטיק דוקא זיין צוריסן, ווייל יעדער באַזונדער שרייבט לויט דער מאָס פון זיינע כחות, און מיט זיינע אייגענע כלים.

אַ צווייטער מאָמענט, וועלכער האָט מיך באַוואויגן אָנצושרייבן מיין באַשיידענע אַרבעט, איז נאָכאַמאָל אונטערצושטרייכן מיינע אַ שטעלונג וועלכע איך האָב אַרויסגעזאָגט ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן אין דער קאַנאַדער אידישער פּרעסע, און דאָס איז: אַ ליטעראַטור באַשטייט נישט, נאָר פון בערג־שפּיצן, נאָר פון מיטעלע און קלענערע טאַלאַנטן אויך. פּונקט ווי אַ וואַלד באַשטייט נישט נאָר פון אוראַלטע ריזן־ביימער, נאָר פון פאַרשיידענע גרעסערע און קלענערע ביימלאַך. איך וויל גלויבן אַז מיר איז געלונגען דורך כמעט אַ כראָנאָלאָגישער שילדערונג פון די אָנפאַנגז פון דער אידישער דיכטונג אין קאַנאַדע, צו באַווייזן דעם אַנטוויקלונגס פּראָצעס פון אַ אידישער דיכטונג אין אונזער דאָמיניאָן, וועלכע האָט מעגלאַך געמאַכט די אונטערשידן פון פאָרם, פון אינהאַלט, פון טענדענץ און איבערהויפּט פון טאַלאַנט, וועלכע איז כאַראַקטעריסטיש צו איר.

נאַטירלאַך האָבן אין דעם פּראָצעס פון אַנטוויקלונג פאַרנומען דעם אויבנאָן נאָר איינציקע און פון די איינציקע בלויז איינער, וועלכער האָט דערגרייכט דעם סאַמע באַרגשפּיץ — אָבער דאָס צו דערגרייכן איז נויטיק געווען די סביבה פון שאַפן, פון קאַמף און פון ווידער שאַפן — אַ טעטיקייט פון אַ ברייטן שאַפנדן קאָלעקטיוו.

אין בוך גייען אַריין נאָר דיכטער וועלכע האָבן געדרוקט ביכער אָדער בראָשורן (לידער) אין קאַנאַדע. אויך אַזעלכע, וועלכע האָבן זיך געדרוקט אין די פאַרשידענע ליטעראַרישע זשורנאַלן וועלכע זענען דערשינען אין די פאַרשידענע טיילן פון לאַנד, און אויך אַזעלכע וועלכע האָבן מיר צוגעשטעלט פּאַרטיקע לידער מאַנוסקריפּטן. איך האָב נישט אַריינגענומען אַזעלכע וואָס האָבן צופעליק געדרוקט לידער אין טעגלאַכע צייטונגען, כאָטש איך האָב געמאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען צו דערגרייכן אַלע אידישע און ענגליש־אידישע לידער־שרייבער אין לאַנד, מיט דער פריינטלאַכער הילף פון איידאַ מאַזע, מאָנטרעאַל; ב. קאַץ, טאָראָנטאָ און י. זיפּער, וויניפּעג.

געשריבן האָב איך מיין אַרבעט אין עקסטענסיווער־מאָנאָגראַפישער פאָרם. איך האָב זיך געשטעלט אויף דעם שטאַנדפּונקט אַז טאָמער זענען מיינע לעזער נישט איינפאַרשטאַנען מיט מיינע קריטישע אויספירונגען, זאָלן זיי פון די ציטאַטן, וועלכע איך ברענג, קענען אורטיילן זעלבסטשטענדיק.

איך האָב דאָס געפיל אַז די צייט איז שוין געקומען צונויפּ־צוזאַמלען די פאַרשידענע דיכטער, וועלכע האָבן געלייגט אַ פונ־

דאמענט פון א קאנאדער אידישער דיכטונג, און פארצייכענען א טיילווייזע רעזומע פון זייער שאפן. אזוי אז דער שוין געוואָרענער זעלטענער מאטעריאל, זאָל נישט פארלוירן גיין. דערצו נאָך האָבן מיך א גרופע פריינט שטארק דערמוטיקט די ארבעט אָנצופאנגען צווישן זיי, דער נאָוועליסט מ. שמולזאָן, מיט זיין גלויבן אין מיין ערנסטער אָפשאצונג, און אויך די אָנרעגונג פון מיין נאָנטן פריינט י. י. סיגאל (אונזער גרויסער לירישער דיכטער) און די דערמוטיקונק פון מיין טייערע פריינדן חיהלע גראבער (די בארימטע הבימה־קינסטלערן). די לעצטע צוויי האָבן כמעט מיך אויפגעפאָדערט די ארבעט צו אונטערנעמען. כמעט צוויי יאָר האָט מיר גענומען דאָס צונויפזאמלען און איבערלייענען דעם מאטעריאל, און אויסקלויבן דעם פאסיקן טייל. איך בין זיכער אז צווישן די שאפער פון דער ענגלישער דיכטונג אין קאנאדע זענען געווען איינער אָדער צוויי אידן ווי ארנאָלד, און אפשר נאָך איינער. אָבער דער כאראקטער פון זייער שאפן געהערט צו אַן ארבעט וואָס איך האָף צו דרוקן וועגן דער ענגליש־פראנצויזישער דיכטונג אין קאנאדע. עס קען אויך זיין אז ארבעטן פון איינציקע אידישע און ענגליש־אידישע דיכטער, זענען נישט אריין אין מיין בוך, צוליב דעם, ווייל איך האָב נישט נעקענט נעפינען דעם מאטעריאל. אזוי צום ביישפיל האָט מיר הער מ. שאפירא, דער רעדאקטאָר פון אידישן זשורנאל דערציילט פון א פאָר דיכטער, וועלכע זאָלן זיך האָבן געדרוקט מיט 23־20 יאָר צוריק אין טאָראָנטאָ. איך האָב אויסגעפאָרשט די ביבליאטעקן דאָרט און גאָרנישט נעקענט געפינען. האָף איך דעריבער אז די צאָל פון אזעלכע וועלכע זענען נישט אריין אין מיין בוך, איז זייער אַן אומבאדייטנדע. איך האָב אויך פרובירט זיין אזוי אָביעקטיוו, ווי נאָר מעגלאך, און זיך אינגאנצן נישט גערעכנט מיט די סוביעקטיווע מיינונגען פון די דיכטער.

איך האָב נישט קיין פרעטענציעס פון ריינער קינסטלערישער באדייטנדיקייט, און גיב איבער מיין בוך דער אידישער עפנטלאכקייט מיט דער באשיידנקייט פון א מענטשן, וועלכער האָט זיין ארבעט געטאָן אויפריכטיק און מיט ליבשאפט.

הנניה מ. קייזערמאַן־וויטאל.

ערשטע אָנהויבן

## פסח מאַטענקאָ

אַ זייער שיין אַרויסגעגעבן ביכל. דער אָריגינעלער בויגזאַמער איינבינד, און 23 באַצירטע בלעטלאַך פון סאַמע בעסטן פּאַפּיר, זאָגן עדות אויף גוטן געשמאַק פון די אַרויסגעבער. אויפן ערשטן זייטל איז אָפּגעדרוקט אַז גוטע פריינט האָבן דאָס ביכל אַרויסגעגעבן אַ מתנה צום 16־טן געבוירן־טאָג פונם מחבר פּסח מאַטענקאָ.

די לידער זיינען יונגטלאַך, אָנפּאַנגעריש, און האַרמאָנירן אַזוי גוט מיט דער אויסשטאַטונג פון ביכל. אָט זינגט ער וועגן שניי, בילדלאַך און ריטמיש: [1]

שטיל, פּאַמעלאַך, זאַנפט און רואיק
לאַנגזאַם פאַלט דער שניי
איבער דעכער, פעלדער, ביימער,
פלאַנצן אַלערליי.

אָדער:

פון וועלדער מיט ביימער און בלעטער
פון פעלדער מיט בלומען און גראָזן
פון וועלן וואָס יאָגן ווי הירשן
פון ליבענקע ווינטלאַך וואָס בלאָזן.

מען מוז געדענקען אַז 15 יאָר צוריק, ווען די לידער זיינען געדרוקט געוואָרן (געשריבן געוואָרן זיינען זיי אַ פּאָר יאָר פריער), זיינען פיל דייטשע ווערטער געווען איינגעבירגערט אין דער אידישער שפּראַך און דער יונגער דיכטער האָט זיך מיט זיי פריי באַנוצט, ווי צום ביישפּיל ווען ער באַזינגט דעם קעניג „לייב“:

דער קעניג איז געפאַנגען,
דער קעניג איז פאַרשפּאַרט...
וואָס זוכט זיין בליק דער שטאָלצער,
וואָס זוכט ער און ערוואַרט?

פאַרמאָגנדיק אָבער פּייאַיקייטן, רעפלעקטירט ער איבערן שיקזאַל פון געפאַנגענעם לייב, אין איבערצייגנדע פערזן, ווען אפילו נאַאיווע:

ער זעט דעם גרינעם „דזשאַנגעל“
(אַך ווי ער בענקט נאָך אים!)
וואו יעדער מוז אים דינען
און שרעקט זיך פאַר זיין שטים.

ער זוכט זיין היים אין מדבר
זיין רוע־פּלאַץ, זיין היים
זיין שטאָלצן, פרייען לעבן
אין יענעם וועלטן־טייל...

ער האַפט אַרויס פון קנעכטשאַפט
פון שלאָס און קייטן באַלד,
צובּרעכן אַלע גראַטעס,
צוריק אין ליבן וואַלד.

און ווי פּאַסט ער אויף דעם פרילינג: ,

פרילינג, פרילינג, קום אַהער!
וואַרט נישט לענגער, זאָס נישט מער —
ברענג אַהער דיין שטילע ברכה;
גליק און מזל און הצלחה.

און אז זיין געבעט איז פאַרווירקלאַכט, זינגט ער גאַנץ ריטמיש, כאָטש היבשלאַך רייזעניש:

און דער פרילינג איז געקומען:
בלוי דער הימל, ריין די לופט
און די לאַנקע פול מיט בלומען
ווי זי ווינקט צו מיר און רופט.

אַ שאָד וואָס דער 16 יאָריקער מאַטענקאַ האָט ערגעץ אויף אַ וואָלקן אויפגעהאַנגען זיין דיכטעריש האַרץ, און אויפגעהערט זינגען. אַ גליק נאָך וואָס ער איז כאָטש געוואָרן אַ באַגאַבטער אוניווערזיטעט פּראָפעסאָר!...

## ה. הירש

צווישן די ערשטע געדרוקטע פּאָעטישע איבערזעצונגען אין בוך־פאָרם, איז ה. הירש'ס „שיר השירים" (קאָמענטאַריעלע איבערזעצונג). געדרוקט אין מאָנטרעאַל אין יאָר 1918 (16 זייטן). דער מחבר האָט געהאַט אַ ציניש־נעגאַטיווע באַציאונג צו אידיש, ווען ניט וואָלט ער זיך ניט דערלויבט אַזעלכע „פּערל":

דיינע אוילן
האַבן אַ גערוך אַ וואוילן.

אָדער:

צי מיך מיט! זאַנט יעדערער, קום לויפן,
וואַנדערן, ווי די נאָמאַדן,
עס איז גלייך ווי זיין געלאַרן.

אָדער:

דו ביסט מיין ליבנקער, איך בין אייך דיינע.
פיטערסט זיך, יאַנגסט זיך נאָך רויזן...
האַסט אַ געדאַנק דאַ אַ בייזן.
וואַרט־זשע דו פיקסעלע קליינינקע מיינע.

ס"איז ניט קיין איבערזעצונג פון שיר השירים, נאָר איינפאַכע פּראָפאַנאַציע!

* * *

אין 1917 האָט דער זעלבער מחבר פאַרעפנטלאַכט אין טאָראָנטאָ אַ בוך פאַבלען אונטערן נאָמען „100 טראָפּנס טינט" (108 זייטן). קלוגע ווערטלאַך מיט אַ מאָראַל, און פּאָעטישער פאָרם. די ערשטע הונדערט פון די צונעזאָגטע 10 ביכלאַך צו 100 פאַבלען יעדער בוך!

דער פאָלגנדער פאַבל איז אַ כאַראַקטעריסטישער ביישפּיל פון גאַנצן בוך:

דער עץ החיים האָט געזאָגט צום עץ הדעת:
„דו ביסט עס דער גרויזאַמער פאַרעטער”
האָסט אויף אדמס קינדער אַנגערייצט די געטער;
צוליב דיין פרוכט, געוואָרן איז דער גאַנצער כעס!
האָסט געזוכט דעם מענטשנס גליק צו שטערן, צו פאַרדאַרבן,
ווען ניט דו, וואָלט ער דאָך קיינמאָל גאָרניט שטאַרבן.

„לײדער, לײדער איז עס אמת, כּניב עס צו”
האָט דער עץ הדעת אים דערווידערט;
אָבער גראָדע דיזער פאַקט, דעם עץ החיים
שטאַרק ערנידערט
סהײסט, אַז איך בין ביי די מענטשן אַנגענומען מער ווי דו
אײדער לעבן אײביק און אָן וויסן,

ווילן זיי שוין ליבערשט שטאַרבן און מיין פרוכט געניסן.
וויסן מיינט — ניט לעבן, ווייל דער לעבנס־בוים איז שטרענג פאַרבאָטן
פאַר די יעינקע, וואָס זיינען עץ הדעת פאַטריאָטן!!!

דאָס בעסטע וואָס עס קען וועגן די 100 „פאַבלען” געזאָגט ווערן איז: לייכט־הומאָריסטישע פּובליציסטיק, מיט הילצערנע דייטשמערישע גראַמען. דאָס קאָן אויך גילטן פאַר זיין צווייטן בוך „פאַבלען” געדרוקט אין מאָנטרעאָל אין 1918 (191 זייטן).

## יחזקאל א. מ. בראַנשטיין, מרדכי מילער

אין 1919 איז אין וויניפּעג אַרויס אַ בוך לידער „צוויי וועלטן”: איין וועלט „אַנגעוואָרפענע בלומען” פון יחזקאל א. מ. בראַנשטיין און די צווייטע „זון און בענקשאַפט” פון מרדכי מילער (204 זייטן). שיין אַרויסגעגעבן.

יחזקאל א. מ. בראַנשטיין לאָזט אונז ביים סאַמע אָנהויב פון זיין בוך וויסן אַז:

איך האָב זיך ביי קיינעם געלערנט
מיט זיך בלויז געהברט אליין.

און אַז

ניין, איך בין ניט פרי געקומען,
סהאָט מיר ווער אין צייט געבראַכט.
נאָט האָט מיר געהייסן ריידן,
ווייזן אייך דורך מיר זיין מאַכט.

ווילן מיר אים גלויבן, און האָבן זיך גענומען לייענען זיינע „אַנגעוואָרפענע בלומען” וואָס דאַרפן פאַר אונז אַנטפּלעקן גאָטס שטים, און געפונען האָבן מיר: גראַפאָמאַניע! וויל מען וויסן וואָס פאַר אַ בלומען דער „דיכטער” האָט אָנגעוואָרפן, דאַרף מען נאָר בלעטערן, און אויף יעדן זייטל זיי געפינען. שרייבט ער וועגן קאַנאַדערווינטער, פאַרגינט ער זיך:

רירט אַ האַנט דיר
אַז דיין פּנים,
פּרירט אין דיר דיין בלוט.

פאַרוואָס? און דער דיכטער פאַרגעסט אינגאַנצן וועגן וואָס ער „דיכטעט“ און דערציילט:

זעסט ניט קיינעם
דאַך עס אַרט דיר,
שעלטן האָסט קיין מוט!

שרייבט ער וועגן „סקייטינג רינג“ פאַרגינט ער זיך:

וועט ער קלייבן
אויס די שענצטע
מיט איר פלינק אַוועק,
וועלן פאַלן
קנאה בליקן
פיל אויף זיי אַ שרעק!..

אָדער אַזעלכע קוריאָזן:

איך בין דער ווינט
פון לעבן,
אומבאַגרענעצט איז מיין מאַכט,
ברייס די שינדל
פון די דעכער,
פון דעם טייפל מיין האַרץ לאַכט.

איך האָב מורא אַז דער גאַנצער מין שרייבן, האָט זיך גענומען דערפון וואָס יחזקאל א. מ. בראַנשטיין האָט זיך אפשר ביי קיינעם ניט געלערנט. ווען ער „לערנט זיך“ יאָ, וואָלט ער אפשר פאַרשטאַנען איבערצולאָזן דיכטונג צו אַנדערע, באַרופענערע פון אים.

* * *

מרדכי מילערס לידער „זון און בענקשאַפט“ פאַרמאָגן דאַכט זיך עפּעס וואָס איז דיכטעריש. דער אומגליק איז נאָר וואָס אַ געניטער רעדאַקטאָר האָט זיי ניט רעדאַקטירט, איידער זיי זענען געדרוקט געוואָרן. אין איניקע לידער איז דאָ אַ שיינער אָנהויב אָבער זיי ענדיגן זיך באַנאַל. אָט צום ביישפּיל זינגט ער:

איך האָב זיך פלוצים אויסגעוויקלט פון דער נאַכט
און לויטער ווי קרישטאַל בין איך געקומען.

קען ער אָבער ניט אָנהאַלטן דעם טאָן און ענדיקט מיט שאַבלאָנע גאָרניט זאָגנדיקע ווערטער. אַזוי הויבט ער אָן אַנאַנדער ליד אַזוי פּאָעטיש:

האָסט אַזוי צופּראַלט די פענצטער
און צוואַרפן דיינע האָר.

אָבער ער ענדיקט באַנאַל:

זעסט אויס ווי הימל־קלאָר!

אַזוי די גאַנצע אָפּטיילונג „ליבעס לידער“, און אַזוי די אַנדערע אָפּטיילונגען „זומער“, „האַרבסט“ און „צייט לידער“. דאָ און דאָרט

א פּאָעטישער אָנהויב פון א ליד, אָבער אָן דער אויסגעהאַלטנקייט צו פאַרענדיקן עס. אָן אויסנאַם זענען אפשר א פּאָר לידער אין דער אָפּטיילונג „מעלאָדיען". ווי למשל:

נאָך ביים וויגל, אין מיין קינדהייט
פלעגט מיין מאַמע לידער זינגען,
טרויעריקע ווי מיין לעבן,
פלעגן אירע לידער קלינגען.

כוועל שרייבן מיינע לידער
ווער־זשע וועט זיי לייענען?
כוועל זינגענדיק אויסגיין
ווער וועט נאָך מיר וויינען?...

אָבער אינגאַנצן גענומען איז מרדכי מילערס „זון און בענקשאַפט" א גרויסע זאַמלונג פון געמאַכטע, ניט־געלונגענע פערזן, וואָס האָבן דעם איינציקן פאַרדינסט וואָס זיי ווייזן אָן, אַז אונטער א שטרענגער רעדאַקציע אפשר קען מען פון מחבר עפּעס מער דערוואַרטן. דאָס איז טאַקע פאַרווירקלאַכט געוואָרן ווען ער האָט זיך געדרוקט אין די „ניואַנסן", אונטער דער רעדאַקציע פון י. י. סיגאַל.

ווייל דאָ לייענען מיר שוין ניט נאָר אָנהויבן פון לידער, נאָר לידער וואָס ווייזן לייכטע סמנים פון טאַלאַנט, ווי:

זאָל זיך מיר דוכטן, אַז איך בין געקומען צו דיר אומגעריכט,
אָרום און אַרום איז נאָך פינצטער אַזוי,
אַזוי געפּלדיק גרוי...
נאָר פלוצים לייכט אויף זיין געזיכט ביי זיין טיר
ווי אַ שטראַל פון דער ווייט.

אָדער אַזאַ איינפאַכער ליבע־מאָטיוו:

דו קענסט ניט באַהאַלטן
דיין ליבע אין דיר,
ווייל אויפגעבליט האָט שוין פון לאַנג
דיין ליבע צו מיר.

זאָל נאָר מ. מילער ערנסט ארבעטן אויף זיינע לידער איידער ער לויפט מיט זיי אין דרוק, וועט ער פאַרשפּאָרן אַליין דאַרפן איבערלייענען אַזעלכע „פּאָעמען" ווי די „פּראָלעטאַרישע" פּערל, וועלכע זענען דערשינען „אין געווירבל"...

מערץ 1919 איז אין טאָראָנטאָ דערשינען אַ זאַמלבוך „קאַנאַדע“, אונטער דער רעדאַקציע פון ל. ראָזענבערג (96 זייטן). אין זאַמל־בוך האָבן זיך באַטייליקט אַ צאָל דיכטער, וועלכע האָבן זיך שוין פריער געדרוקט אין „קענעדער אָדלער“, „וועג“ און „טאָראָנטאָ זשורנאַל“, ווי: י. י. סיגאַל, ש. נעפּאָם, שלמה האַלפּערן, פּסח מאַטענקאָ, ל. בערקאָוויטש און ל. ראָזענבערג. י. י. סיגאַל האָט אויך כמעט גלייכצייטיק געדרוקט זיין ערשט ביכל „פון מיין וועלט“ און באַלד געצויגן אויף זיך גרויס אויפמערקזאַמקייט פון דער קריטיק, סיי דאָ, סיי אין אייראָפּע, ווי אַ וויכטיקע פּאָעטישע דערשיינונג. מיר וועט אויסקומען זיך אומקערן צו י. י. סיגאַל מיט אַ גרעסערן קאַפּיטל אין בוך. דערווייל אָבער, וויל איך אָנווייזן. אַז זיינע לידער אין זאַמלבוך „קאַנאַדע“ זענען שוין געווען אַן אָנזאָג, אַז אַ נייער דיכטער איז געקומען אין דער אידישער ליטע־ראַטור. קיינער ביז סיגאַלן האָט אין קאַנאַדע ניט געוואַגט אַזוי דרייסט און איינדרוקספול צו שרייבן: '

פאַרחלומט ליגט די ווייטע אויסגעשפּרייטע בערג־געגנט און שווייגט,
און אין דעם ווייטן הימל האָבן וואָלקנס זיך קאַליריקע געצווייגט.

אָדער:

עפּעס האָט אַראָפּגעוואונקען צו די בערג דער מאָרגנדיקער בלייכער טרוים,
עס האָט די ערד די ווירקלאַכע אינגאַנצן זיך פאַרוואַנדלט אין אַ טרוים.

סאיז קלאָר געוואָרן אַז י. י. סיגאַלס באַטייליקונג אין זאַמלבוך „קאַנאַדע“ איז געווען אַ וויכטיקע פּאָעטישע געשעעניש, און אַ נייער אָנזאָג וועגן גרויסע פּאָעטישע דערוואַרטונגען.

ש. נעפּאָם

ש. נעפּאָם איז שוין פון פריער באַקאַנט געווען אין דער קאַנאַ־דיש־אידישער פּרעסע, מיט לידער, באַאיינפלוסטע איבערהויפּט פון מאָריס ראָזנפעלד. אין זאמלבוך „קאַנאַדע" האָט ער דערפאַר ווידער געזונגען אויפן אַלטן שטייגער:

אין טייכעלע קלאָרן
מיט ווערבעס באַזוימט,
זיך שפּיגלט דער הימל
דער בלויער פאַרטרוימט.

אָדער:

קינדער, קינדער כוויל אויך שפּילן,
נעמט מיך אויך אַריין אין ראַד.
שוועבן ווילט זיך, פליען, יאָגן
גלייך מיט אייך אין קאַראַהאַד.

גאַנץ שיינע שורות, אָבער פון אַ מין, וואָס מען האָט שוין אזוי אָפט געהערט! דערפילט דאָס נעפּאָם אַליין, און מיט גרוים פליים באַשליסט ער זיך צו ווידמען צו דיכטערישער אַרבעט, אזוי אַז אין יאָר 1926 דערשיינט אין טאָראָנטאָ זיין גרוים בוך „אין נעראַנגל" (228 זייטן), וואו מיר לייענען שוין לידער מיט אַ מער „איינענעם" טאָן, לידער וועגן פּראָבלעמען, אידעען און נאַטור שיל־דערונגען:

פון גרויען האָט זיך אויסגעשפּינט דאָס בלוי און וויאָלעט
און נישט באַמערקבאַר, אַ פייערל ביים האָריזאָנט
פון זיך איז רויט געוואָרן.

זעט מען אַ בולט נאַטור־בילד, און זינגט דער דיכטער ביי זיין טיר, אַז:

כאיז פאַרביינגעגאַנגען קרענקלאַר,
מיט פאַרדעקטן קאָפּ מיין טאָג;
מיט פאַרלייגטע הענט געזעסן איז מיין שאָטן לעבן מיר
האָב איך אַליין געקוקט צום טיר.

פאַרנעמען מיר אַ טרויעריק בילד, און לערנען וועגן אַ טרויעריק געמיט דורך דער פּריזמע פון אַ דיכטער, פול מיט ערנסט און ערלאָך געפיל. דאָסדאָזיקע טרויעריקע געמיט איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ סאַך אַנדערע לידער אין בוך. דער דיכטער וויל באַהאַלטן זיין וויי:

עס וועט מיין וויי באַהאַלטן זיך,
און שטאַרבן אין מיר אַליין.

פיל פון זיינע לידער זיינען אויטאָביאָגראַפיש, צייכנט ער זיך אין זיי אויס מיט אַ טאָן וואָס מען מוז גלייבן. אין זיינע טעמאַ־טישע לידער אָבער, איז ער צו ליטעראַריש און ער איז אַ סאַך מקריב צוליב דעם גראַם; זיינען אָבער אין בוך פאַראַן שיינע נאַטור־שילדערונגען וואָס מאַכן אַ שטאַרקן איינדרוק, ווי די פּאָעמע „אויפן האַמבער טייך":

דער האמבער טייך האט הויך געלאכט
מיט זיין זילבערדיק געלעכטער,
גערופן צו דער גאלדענער זון ארויף:
„מער ליכט און פייער, מער פרייד און גליק,
דער טאג איז קורץ, דער ווילן שטארק,
גים פון דיין בעכער — זון.

און אין דער זעלבער פּאָעמע:

עס טראגן זיך פארביי די קענו־שיפלאך,
ווי פארצייטיקטע גאנדאלאס מיט אפגעגילטע שפיצן,
די רודערס פאכן אפ דעם וואסער־זילבער שוים
און פארלאך, פול מיט גליק
זיי וויגן זיך אהער, און וויגן זיך צוריק.

און דער ראָמאנטישער סוף פון דער פּאָעמע אזוי בילדעריש און איינדרוקספול:

און ווען א שווארצע האנט, פארמעקט די פארבן פון דעם טאג,
און אויסגעמאטערט פון פיל פרייד,
דער האמבער נעמט די שווארצע טרוימן שפינען —
הערט זיך פון בארג אראפ,
א וויינענדיקע שטים.
דאס קלינגט דער בוים פארהילט אין שווארצע שרעקן,
פארפאלן, קיין רחמנות וועט ער ניט דערוועקן.
פארלארן הענגט דער קאפ איבער האמבער מיך —
דער האמבער זינגט אים זיין מיסטעריעז ליד.

פארשידענע קאפּיטלאך זיינען דאָ אין בוך „ביים אָפענעם פענצטער", „דאָרן־קראַנץ", „נאכט שעה'ן", „פעלד־פרייד", „בלעטער פאלן" און „צום רויטן אויפגאנג". אינים קאפּיטל „ביים אָפענעם פענצטער זינגט נעפּאָם א ציקל לידער וועגן דער אומפארמיידלאכקייט פון לעבנס דערשיינונגען, רעזיגנאציע און עליין זיין:

איך גיי אוועק פון רויש — ער האט מיך שוין דערעסן,
ביים גלעזל וויין אין קעלער־ווינקל שטיל,
ביים פיאנא שפּיל, דארט וויל איך זיך פארגעסן.

אָדער:

איך בין דאך שוואך, און מיך אזוי ווי איר.
שפּילט דער צווייפל אויפן ווינקל מויל,
כהאב דערפילט אז אלץ ארום איז הויל.

אָבער פיל לידער פון דער אָפּטיילונג ליידן פון ש. נעפּאָמס הויפּט חסרון — צו אויסגעשפּראָכענע טענדענץ און ליטעראַרישקייט (איך וואָלט אפשר געדארפט זאָגן — פּובליציסטישקייט).

אין קאפּיטל „דאָרן־קראַנץ" זינגט ש. נעפּאָם מאָטיוון פון פאנטאסטיק און פון פאנטאסטישער ליבע ווי:

און ווייל איך ברען אזוי,
און קוש דיין יעדן טראט.

פארצערסטו מיך אין זיך
צעטרעטסטו מיינע נעכט,
און לאזט בלויז איבער אַש.

אָדער:

האָט א שטומע בענקשאַפט מיך פאַרצויגן
נאָך א ווילדער ליבע,
נאָך א ווילדן רוישיקן טאַנץ,
א בענקשאַפט צום סוף פון א גרויסן טאָג.

אָדער:

סהאָט די נאַכט, מיינע שוועלן באַטראָטן ניט לאַנג
איז געשטאָרבן דער רויש אין איר קלייד,
געוויינט האָט זיך פויל אין מיין האַרץ א פאַרלאַנג;
איז פאַרבלוטיקט געלעגן מיין פרייד.

דאָס זיינען לידער אייגנטלאך פון טיפערע בענקשאַפטן וואָס זוכן א קינסטלערישן תיקון און געפינען אים טיילווייז.

אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען זינגט נעפּאָם וועגן: „נאַכט־שעהן", „אומעט־שימער", וועגן „אָפּגרונט" און וועגן „נאַכט" פון איין זייט, און פון דער צווייטער, מאָטיוון פון פרייד, פעלד־פריידן און קינדער־פריידן, פון ליבשאַפט און פרילינג; און דערנאָך דאָס קאַפּיטל פון וועלכן איך האָב ציטירט: „אויפן האמבער טייך".

אלין לידער וואָס האָבן די כאַראַקטעריסטישע מעלות פון ש. נעפּאָם: אויפריכטיקייט און א געוויסע פאַרב און אויך די פעלערן זיינע: אויבערפלעכלאַכקייט, ניט באַוועגלאַכע זאַצן דאָ און דאָרט, און צופיל באַנאַלע פּראָזאַאישקייט, אויסגעמישט מיט אמתע פּאָעטישע שפּראַך פאָרמען אין זעלבן ליד. טענדענציעז ביז גאָר איז דער לעצטער קאַפּיטל פון בוך: „צום רויטן אויפגאַנג".

לויט מיין מיינונג, איז ד ע ר ק א פּ י ט ל, א פאָרוואָרט צו זיין צווייטן באַנד לידער „פּענטעם", וואָס איז דערשינען אין טאָראָנטאָ אין יאָר 1928 (146 זייטן). דאָס איז ש. נעפּאָמס „באַוואוסטזיניקער" בייטראַג צו דער „פּראָלעטאַרישער דיכטונג", א דיכטערישער צוריקגאַנג צו דעם ניוואָ פון זיינע ערשטע פּאָעטישע ארבעטן. דער גאַנצער „קלאַסן־ווערטער־בוך" האַרעוואַניע, רויט, פלאַם, בעסטיעס, בייכער־פולע, רויב און רויבער און הונדערטער אַנדערע זיינען עם געוואָרן ש. נעפּאָמס פּאָעטישע כלי־זין. און מיינע באַמיאונגען צו געפינען א י י ן פּ ר אָ ל ע ט א ר י ש ל י ד אין זיין בוך, איז דאָס געווען אוממעגלאך. פּרימיטיווע גראַמען־פלעכטערע, פול מיט אונגעוויינלאכער באַמבאַסטייק און דעקלאַמאַטאָרישקייט. לייענענדיק די „לידער" האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז איך זע נעפּאָם אויף א קעסטל אין גאַס, שרייען אויפן קול, מיט טעאַטראַלישע העוית, אָן דער מינדסטער איבער־צייגונג: איך בין א פּראָלעטאַרישער דיכטער! איך בין! גלויבט מיר!...

פון בוך „איין געראַנגל" ביז צום בוך „פּענטעם" איז געשען איין קליינינקייט: דער דיכטער ש. נעפּאָם האָט סוספּענדירט זיין דיכטן, און זיך גענומען גראַם־שטראַמען, גלאַט אין דער וועלט אַריין.

* * *

האָב איך געמיינט אַז ש. נעפּאָם האָט געענדיקט זיין לאַנג־יאָריקע פּאָעטישע קאַריערע, האָט עס מיר זייער ווייי געטאָן. איז אומערוואַרטעט דערשינען דער ליטעראַרישער זאַמלהעפט „ביי אונז“ (געדרוקט אין טאָראָנטאָ, 1931), און איך האָב ווידער געטראָפן דעם דיכטער ש. נעפּאָם זינגענדיק שטיל און בילדלאַך:

אין די גאַסן גייען שאָטנס
שאָטנס גייען אום.
וואָס־זשע זאָלן איצטער שאָטנס,
שאָטנס מיט זיך טאָן?

איז אַ הונגער אַזאַ גרויסער
הונגער איז אין הויז —
שטייען שאָטנס פאַר די טירן,
‏"שאָטנס גייען אויס.

שלאָפן שאָטנס אין די פּאַרקן,
שאָטנס טוליען זיך אין שלאָף —
שאָטנס וויגן זיך ווי צווייגן
שאָטנס יאָמערן דורך נעכט.

אָדער ווי קינסטלעריש מאָלט ער די פּריירי:

ווייטע אומעטיקע פּריירים וועלקן
גייט דער האַרבסט מיט געלע טריט.
רויע ווינטן זינגען לידער,
שטיקער כמאַרעס גייען אַפּ און קומען.

איך וויל האָפן אַז ש. נעפּאָם וועט אונזער דיכטונג דאָ אין קאַנאַדע שענקען (זאָל זיין סאָציאַלע לידער), אָבער לידער וואָס זאָלן זיין אַ כבוד סיי פאַרן דיכטער נעפּאָם, סיי פאַר דער אידישער דיכטונג דאָ.

י. י. סיגאל

ווי אן אמתע אנטפלעקונג, פאר דעם קאנאדער־אידישן ליטעראַרישן שאפן בפרט, און א וויכטיקע דערשיינונג פאר דער אידישער פאעזיע בכלל, איז דערשינען אויף דער פאעטישער ארענע י. י. סיגאל.

יונג, לײדנשאפטלאך, פריידיק און צומאל פראפעטיש, מיט א האַרץ, אן אויער און בלוט וועלכע שרייען:

אין מיין אויער קלינגען קלאנגען מעכטיק וואוטיקער געברום,
לידער גרויסע, וועלכע מוזן פאר די מענטשן בלייבן שטום!
לידער גרויסע, ריזן לידער, לידער, לידער אן א שיעור!
ווילדע לידער וועלכע בלייבן שטרעמדיק אין בלוט ביי מיר...

לויפט צו די קאנאדע פריירים, זאפט אין זיך איין די פרייקייט, ברייטקייט און ווילדקייט זייערע, און אין גרויסע אונרואיקע פערזן זינגט ער:

אין אונזערע פריי־ברייטע פריירים פירט דער ווינטער זיין גרויסע ממשלה מיט וואונדער,
קייקלען שטורעמס זיך ווילדע אויף בערגער, פאלן שטורעמס אין טאלן ארונטער
אין אונזערע פריי־ברייטע פריירים, צאפלט פריש זיך די קעלט־פרייד מיט העלקייט
ווערט באליילעכט דער סטעפ אזוי קלאר־ווייס מיט כשופדיק פרעכטיקער שנעלקייט!
אין אונזערע פריי־ברייטע פריירים, שוועבט נאך שטום אין דער לופטן א בענקשאפט
נאך יענע ווילד־פריילאכע שבטים, וואס וויסן קיין צוים און קיין ענגשאפט...

און ווערט אים גוט אויפן הארצן אין א ווינטערדיקן טאג און א געפיל פון זארגלאזיקייט נעמט אים ארום, זינגט ער אזוי איינפאך, אזוי ריטמיש:

אין מיר לעבט א אינגלישע לוסט נאך א פרייע
און גיי איך אין גאס, גיי איך טיפער אין שניי
און זע איך די אינגלאך זיך גליטשנדיק זארגלאז,
כאפ איך א ווייליקן גליטש מיט זיי...
איך בין נאך א אינגל, איך בין נאך א אינגל.

און ווערט זיין הארץ פארוואונדערט פון די שיינקייטן פון קאנאדער ווינטער זינגט ער אזוי מאלעריש:

הארץ מיינס, הארץ מיינס, זע נאר! זע!
וויפיל זילבער, וויפיל שניי.

מיט דער פולער, פולער האנט
גאט געבענטשט האט אונזער לאנד.

מיט זיין ווייסער הימל־פרייד
אלע וועגן אויסגעשפרייט.

י. י. סיגאל אין זיין ביכל „פון מיין וועלט“ איז פארליבט אינם קאנאדער ווינטער, ער האט אבער ניט ווייניקער ליב די זוניקייט און זומערדיקייט פון אונזער גרוים לאנד:

ווער לאכט עס אזוי הארציק זים,
ווער לאכט עס אזוי העל,
די וועלט, די וועלט האט זיך צולאכט!

און אפט ציט ער אויף זיך ארויף א מאנטל פון ערנסט, פארקנייטשט ער דעם שטערן:

א טאָג פאַרנייט,
ער קומט צוגיין, און האַלט זיך אין זיין וועג,
אונטער אים שוין שטייען נייע טעג
און ווילן אין דער וועלט אַריין
מיט זייער ביסל שיין,
מיט זייער ביסל פיין.

אָדער אַזעלכע אונמוטיקע געדאַנקען ווי:

אַ גאַנצע נאַכט וועט אַט אַזוי דער רעגן פויל זיך קאַפּן,
און וועט זיך ווי מיט קאַצנפינגער אויף די דעכער דראַפּן.
און אויף די גלאַטע שויבן וועט ער פּייקלען און זיך קלאַפּן.

לאַכנדיק, שיינענדיק מיט מערקווירדיקער זוניקייט, וואָס צע־שפּרייט זיך אין שטראַלן, פאַרב־שאַטירונגען און ניואַנסן, הערט מען אין דער זעלבער צייט אין זיינע לידער, טרויער קלאַנגען, וועלכע קוועלן פון דער ליכטיקער פריידיקייט אַרויס, און פאַרוואונדן דאָס האַרץ. אַ פּעסימיסטישער טאָן ווייעט אַרויס פון זיין שאַפן אַפילו; ניט בלויז אינערלאַכער פערזענלאַך־פּעסימיזם, נאָר אויך וועלט צווייפל:

פאַרביינגעגאַנגען דורכן פאַלאַץ וואו עס וואוינט דאָס גליק
און גאָר זיך דאַרט ניט אָפּגעשטעלט און ניט געטאָן קיין בליק.
דוכט זיך, עמיצער האָט דורכן פענצטער מיך גערופן טריי:
קום אַריין אַהער, דו זוכער אין דעם זאַמד, וויסטעניי!
קום אַריין דו שטום־פאַרטרוימטער, קום אַריין, נו קום אַריין.
סאיז דער טיש געגרייט גרויסאַרטיק, און דעם שטאַרקסטן וויין
האָבן מיר געשטעלט. נו קום אַריין וואָס לויפסטו? וואָס?
קום אַריין און טרינק מיט גליק זיך אָן, אָן מאָס!
פאַרביינגעגאַנגען דורכן פאַלאַץ וואו עס וואוינט דאָס גליק...

אַ זעלטענער, נאַטירלאַכער ריטם, קורצע אָדער לאַנגע שורות, גיסן זיי זיך בַיי אים אַרויס אין ריטמישע קלאַנגען, וועלכע גלעטן צאַרט און מעלאָדיש. י. י. סיגאַל איז איבערהויפּט אַ לירישער דיכטער, מען קען אים ניט איינראַמען אין אַ באַשטימטער פאָרם אָדער קלאַסיפיקאַציע, ווייל ערשטנס ענדערט ער זיינע אייגענע פאָרמען זייער אָפט; און צווייטנס, רעאַגירט ער פאַרשידנאַרטיק און גאַנץ אייגנאַרטיק אויף פּאַסירונגען פון זעלבן מין. מען האָט וועגן דער וועלט־מלחמה שוין זייער פיל געדיכטעט, איך ווייס אָבער ניט אויב דאָס אמת גרויס מלחמה־ליד איז שוין געשריבן געוואָרן. י. י. סיגאַל פאַרמעסט זיך אויף דער וועלט־קאַטאַסטראָפע און זינגט אין סימבאָליש־קאָנספּיראַטיווע זאַצן, אָבער שאַרף:

כהאָב מיט עקשנות קעגן שטורם זיך אַוועקגעשטעלט,
סהאָט דער שטורם שוין ווי זאַמד, אַ גאַנצע וועלט
אַוועקגעיאָגט, פאַרוואָרפן ערגעץ אונטער בערג און וועגן.
און איך, פון האָפנונגס־זונען מיין נשמה ברוין פאַרברענט,
איך שטיי אַליין און זוך די שפּורן אין דער גרויער ווייט,
וואוהין דער שטורם האָט ווי אין אונענדליכקייט.
אַ וועלט וואָס איז געשטאַנען נעבן מיר פאַרווייעט
עס ציט מיך אין דער בענקשאַפט־פולער ווייט
און כהאָב זיך זעלבסט אין עלנטקייט געקייט
ווייל איך שרעק זיך אַזוי פיל צו ווערן
פון אַ פרעמדן ווינט באַפרייט!..

אַט ווי י. י. סיגאַל מאָלט, ווי אַזוי די מאָדערן־אינדוסטריעלע שטאָט שלינגט איין די דערפער אַרום. די שפּראַך איז אַזוי אייזן־שאַרף אַז זי טוט אַזש וויי, און דערוועקט אין האַרצן אַ לויטערן געפיל פון רחמנות:

איר אַלע, אַלע אין די דערפער ווייט!
אין גרינע וועלדער איינגעטונקען,
איר אַלע, אַלע וועט דורך טויזנט וועגן
קרומע און פאַרדרייטע,
פון די ווייטסטע שרעקן
און די פאַרוואָרפענע עקן,
איר אַלע, אַלע וועט צו מיר נאָך קומען!
די קלאָרסטע הערצער אייערע מיר ברענגען
אויף מיין מזבח צו פאַרברענען.

אין מיין לאַבירינט פון תאוה
און פון גאָלדיק שיינער זינד
וואו עס שאַלן
און עס רופן טויזנט מעכטיקע סיגנאַלן,
איך וועל עפענען פאַר אייך די קוואַלן —
פון מיין שטאַרקסטער־פרייד!
און טויזנט ליכטער וועלן אייך באַשטראַלן!

י. י. סיגאַלס ברוינזנדע נשמה רוט אָבער ניט; עס דערעסן זיך אים די פאָרמען וועלכע ער האָט נעכטן געליבט. עס דערעסט זיך אים אויך דאָס קלאָרע, דאָס דערזאָגטע, דאָס „באַגרעניצט פאַרשטיין“ און ער זוכט סימבאָלן וועלכע זאָלן באַפליגלען זיינע ווערטער. און געפינט ער זיי, זיינען זיי אָריגינעל און ניי. אַלע אונזערע דיכטער האָבן באַזונגען דעם הערבסט; אָבער ווייניק האָבן דעם טונקעלן געריך פון העבסט אַריינגעבראַכט אין הויז, אין שטאָל, אין דער אייגענער נשמה, אין דער גרויסער ברייטער וועלט אַריין, ווי י. י. סיגאַל אין זיין רירנד ליד:

נישט אויף די בוימער זעט מען אַז דאָס פּנים פונם הערבסט.
נישט אויף די פאַרליבטע פּנימער וואָס ווערן בלעטערלאָז
זעט מען אַז דאָס מידע פּנים פונם הערבסט —
נאָר אין דעם פאַרמערס שטאָל וואו עס ליגן צוואַנציק קי
און עסן גרייטע היי, און גייען מער אין פעלד אויף פּאַשע נישט אַרויס
און אין פרימאָרגנס מיט דין קרישטאָלענער פראָסטיקייט
טראָגט אַרויף אַ אינגל פונם ברונעם צוויי עמער וואָסער אין קיך אַריין
און סנעמט אים אויף דער שלעכטער פאָטער מיט אַ קללה
פאַרוואָס ער איז ניט אויפגעשטאַנען פריער —
אין אַט דער קללה פונם פאָטער וויינט דער הערבסט.
און נישט נאָר בלעטער פאַלן פון די צווייגן אויף די בוימער,
נאָר גאַנצע וועלדער זונקען איין אין דער נשמה
פון דער וועלט.
כאָטש מילן מאָלן מעל, און מענטשן עסן ברויט, און פערד
און בהמות — גראָז,
פונדעסטוועגן איז אַזאַ גרויסער מדבר אויף דער וועלט
און אַלע וועגן זיינען אַנגעווייעט מיט טויטן זאַמד
און סאיז הערבסט,
טויטער הערבסט...

כמעט אין דערזעלבער צייט דערשיינען אונטער זיין רעדאַקציע „די ניואַנסן“ און י. י. סיגאַל דערפילט אַ נייע פאַראַנטוואָרטלאַכ־קייט צו זיך און צו זיין שאַפן, און ער ווערט קאָנצענטרירטער, פילאָזאָפישער.

פאַרן געוועגלאַכן מענטשן זיינען רויע הערבסט־בלעטער וואָס ליגן אויפן גאַס, טויטע בלעטער. פאַרן דיכטער סיגאַל, איז דאָס אַנדערש:

דאָס זיינען בלעטער וועלכע מוזן ווערן רויט און היים.
זיי ליגן אויפן נאַסן קאַלטן וועג און זענען היים.
אין ערגעץ איז דער זומער שוין נישטאָ,
אין זיי איז ער נאָך דאָ...

און טראַכט ער זיינע אומעט־געדאַנקען וועגן טויט, זינגט זיך אַרויס פון אים סענסיטיווע שורות:

די וואָס שטאַרבן נעמען צו דאָס קלאָרסטע ליכט
פון מיין נשמה צו זיך אין קבר אַריין;
די וואָס שטאַרבן נעמען צו ביי מיר די רו,
די ריינסטע רו פון מיינע הענט און פיס
און געבן עס אַוועק די ווערים...

אויב אין זיין ערשטן ביכל איז דער הויפּט־מאָטיוו פון זיין דיכטונג ליכטיקייט, קלאָרקייט און רוימלאַכקייט, און נאָר זעלטן טרויער, איז ער אין די „ניואַנסן" איבערהויפּט טרויעריק, ווייניקער פאַרשטענדלאַך אין פיל פון זיינע לידער און פיל מער אינדיווידועל. יעזוס און קריסטנטום ווערט אַ פּראָבלעם פון פערזענלאַכער רע־פלעקציע און אידישן סענטימענט. דערפאַר איז ער אַזוי איבער־צייגנדיק אידיש ווען ער זינגט:

מיין בלוט איז ריטמיש יעדן זונטיק אַוונט
ווען דער קלויסטער קעגן מיין פענצטער הויבט אָן קלינגען
מיין שטענדיק בייז און כעסיק אידיש בלוט
באַדט זיך, טרויערט זיך איין די קלויסטער קלאַנגען
אינם פרעמדן אַוונט אויף דער וועלט.

ער פרעגט:

יעזוס, ביסטו נאָך מיין ברודער?
יעזוס, ביסטו נאָך מיין ברודער?

אינגאַנצן באפרייט פון קאָנווענציאָנעלער פאָרם, דיכטעט ער אַזוי ניי וועגן הערבסט, ווערן „לאָקאַליזמען" אויסגעבערייט אויף וועלט־מאַסשטאַבן, און ער „דערציילט" אַזוי בילדלאַך:

אויף די בייזע רויע וועגן פון דער וועלט, פון פעלדער און וועלדער
פאַלט שפּינוועבס, שפּינוועבס נאַסער, הערבסט־מידקייט —
סאיז אוים זומער, סאיז אַנהויב ווינטער, פשוט הערבסט.

און ווערט אים אומעטיק אין דאָרף און עס כאַפּט אים אַרויס אַ בענקשאַפט אין שטאָט אַריין, זינגט ער אין זעלבן ליד:

אויף די בייזע וועגן פון פעלדער און וועלדער רויע
וואַקסט אַ בענקשאַפט אין שטאָט אַריין.
אַלע פעלדער בענקען אין שטאָט אַריין,
אַלע פלויטן בענקען אין שטאָט אַריין.

און מען ווערט מיטגעריסן פון דעם אמת וואָס דער דיכטער ווידערהאָלט מערערע מאָל, און מיר גלויבן טאַקע אַז מיר ווילן אין שטאָט אַריין. די פּאָגראָמען און מלחמה־שווידערלאַכקייטן ווירקן שטאַרק אויף זיין געמיט, און ער דער אינדיווידואַליסט, אין זיך אָפּגעזונדערטער — סיי אין פרייד, סיי אין טרויער, ווערט אויף אַמאָל דער דיכטער פון געזעלשאַפטלאַכן אומגליק — וועגן גרויסן מלחמה־קאַניבאַליזם און זינגט אַזוי אומפאַרגעסלאַך:

זיבן מיליאָן אונטער אַ מאַטער שוואַרצער פּאַן,
זיבן מיליאָן שטייען מיט הילצערנע הענט און פיס
און וואַרטן אַז די ערד זאָל זיך אַ ריס טאָן בליצנדיק.

אַן אומגעהייער בילד וואָס דערציטערט דאָס האַרץ און פאַנ־טאַזיע, און ווערט נאָך גראַנדיעזער אין שווידערלאַכקייט אין די ווייטערע שורות פון זעלבן ליד:

וועט די שוואַרצע פּאַן אַ ווייסן גלאַנץ טאָן און ווערן ווייס,
זיבן מיליאָן אין תכריכים.
זיבן ווייסע מיליאָנען,
זיבן ווייסע מיליאָנען,
וואוהין גייט איר מיט אַזעלכע טויטע טריט?

מען קען זאָגן: דער דיכטעריש־בילדלאַכער רעזולטאַט פון דער מלחמה!

ווי שוין דערמאָנט מערקט מען אַז י. י. סיגאַל איז אוועק פון דער ליכטיקער שפּילעוודיקייט פון זיין ערשטן בוך „פון מיין וועלט“ און אַנגעהויבן איבערגיין צו קאָמפּליצירטקייט, צו דערציילערישע פאָרמען, צו פּאָעטיש־ליריש־געדאַנקלאַכקייט. און איבערהויפּט צום מאָטיוו פון טיפן טרויער. דער איבערגאַנג האָט זיך אָנגעהויבן אין שיינע סאָנעטן געדרוקט אין דער „פרייע ארבעטער שטימע“, דערנאָך זיינע שפּאָגל־נייע פאָרמען אין די „ניואַנסן“, „עפּאָכע“ און „רויערד“, און דערפירט צו דער טראַגישער געשטאַלט וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין זיין צווייטן בוך לידער „באַזונדער“, דערשינען אין מאָנטרעאַל, 1921 (200 זייטן).

י. י. סיגאַל האָט שוין דורכגעלעבט די גרויסע אַנטוישונג נאָך דער וועלט־מלחמה, און אַן אַנטוישטער, רייסט ער פון זיין געמיט אַרויס דאָס זעלטן ליד:

עס רייסן זיך איבער די אייזערנע קייטן
און עס ווערט קיינער ניט פריי, און סוועט קיינעם ניט לייכט.
עס וויקלען זיך טויטן אויף טויטן, און טויטן אין טויטן,
און סהאָט נאָך ניט קיינער, ניט קיינער
די אייביקייט פון רו דערגרייכט.
עס וואַקסן די רואיקע שטיינער. —

פון אַלע „מלחמה אידעאַלן“ האָט זיך אויסגעלאָזט אַ גרויסער

באנקראָט, אַ שווערער פּעסעמיזם, קרעכצט י. י. סיגאַל אין זעלבן ליד:

מען האָט שוין די טורעמס די הויכע צעוואָרפן,
און סקלעטערט די אומרו אויף איינציקע ווענט נאָך אַרומעט.
און וואָס מען האָט געהאַט ביז אַצינדער, און וואָס מען ווערט דאַרפן,
דערציילט ניט דער פינצטערער טרויער,
דערציילט ניט דער אומעט.
די שטיינער וואַקסן גרויער און גרויער.

שפּילט מיין געדאַנק זיך מיט גאָלדענע חלומות,
מיט טרוימען מיט שוימען.
קענן דער זון ווערט אַ חלום אַ גאָלדענער
דער רויך פונם קוימען,
דער רויך פונם קוימען.

אַלע קרבנות, אַלע ליידן, אַלע מורא'דיקע אָפּקומענישן, אַלע רעוואָלוציעס אַלע שטרעבונגען און האָפנונגען, זיינען פאַרן דיכטער איין גרויסע אנטוישונג, אַ שלענגל רויך פונם קוימען... און עס נעמט אים אַרום אַ טיף רעליגיעזער געפיל, אַ נאָנטקייט צו דער הייליקייט פון ספרים־שמות און צום שבת, זינגט ער קאָמפּליצירטער אָבער אַזוי אַנדערש, אַזוי אייגנאַרטיק און איינדרוקספול:

אויפדערנאַכט ווען דער זונטיק בלאַסט
און שיידט זיך מיט דער גויאישער רו,
וואַרפט אַראָפּ פון זיך די גויאשע הייליקייט
און קרימט שטיל איבער די פולע קלאַנגען פון קלויסטער,
דאַמאַלסט בין איך מיט אַ שטימונג פאַרשיינט
וואָס הייליקט פאַר מיר אַלטע ספרים־שמות;
און צו מיין מאַמען גלוסט מיר צוגיין און זאָגן:
מאַמע, זאָג אַצינד גאָט פון אברהם —
זיי אַלע האָבן אונזער שבת צוגעגנבעט,
און אים אויסגעשפּרייט אויף זייער זונטיק,
און אים אָפּגעגילדעט מיט זייער גאָלד,
מיט זייער זילבער אָפּגעזילבערט.
מאַמע, זאָג איצט גאָט פון אברהם.

אַנטוישונג און טרויער פירן אויך י. י. סיגאַלן צו עראָטיק. עפּעס אַ מאָדנע „פּערווערזער־עראָטיק" ווי:

דו זאָלסט מיך אָפּהיטן און זאָלסט זיך פאַר מיר היטן,
כפּוילט יעדעס יאָר אַ צאָן אויס אין מיין מויל.

און אין זעלבן ליד:

מיט אָנרופן מיך ביים נאָמען רופסטו עפּעס אָפּ ביי מיר.
איך בעט ביי דיר נישט קיין זאַך, היט מיך בלויז
פאַר די ציין וואָס פוילן אויס,, ביסטו ניט שולדיק דאָך אינגאַנצן
און פאַר די נאָכגעלאָזטע אָדערן — יאָ אפשר...

אָדער:

כוועל אין שפּעטן, שפּעטער לעבן אינם שיין פון זינד,
פון פריסטן נעכטן, פונם פריסטן טאָג
וואָס כהאָב פאַרזוכט די זיסע היציקייט
צופרידנשטעלנדיק זיך מיט אַ פרוי.

אָדער:

אין דער פלייִשיקייט פון דײַנע אויגן,
אין דער אָקסישקייט פון דײַן רוקן.

אָדער:

די פרויען און מוידן מיט אָפענע גלוסטן און צעוואַקסענע בריסט,
מיט הייסן שימל שווייסט די ליבע זייערע צו מיר.

י. י. סיגאַל לעבט אין יענער צייט איבער טיפע אינערלעכע איבערברוכן, ליידן, מאָדנע אינערלעכע איבערגאַנגען, פילט ער אַזוי אײַנזאַם:

איך ווער דאָך קראַנק אַצינדער אין די אַנגעקומענע זומער פריידן,
ווען די טעג מײַנע הויבן אָן שוין ווערן לענגער און ברייטער,
וואוהין זאָל איך מײַן שווערן גוף אַוועקרופן? וואוהין?

ער בלאָנדזשעט אַרום און קען קיין אָרט פאַר זיך ניט געפינען, טרויערט ער:

איך גיי איבער מײַן וועלט אַרום, אַהער, אַהין
און טראַכט פון וואַנען שפּינגל איך זיך אַפּ אַזוי
אין אַזאַ געוועב פון גרינע קנייטשן טרויעריק?

אָדער:

איך גיי און קום און גיי אַוועק צוריק
און קאָן צוריק ניש קומען וואו איך וויל. —

אָדער:

איך בין דערוויַיל דאָס ליד פון אַ פאַרפוילטן גאָלדענעם באַרג,
וואָס פאַרשפּרייט דערשטיקנדיקע גערוכן.

אין דערזעלבער צייט אָבער רעאַגירט ער אויף פּראָבלעמען פון אידישן לעבן וואָס רירן זײַן האַרץ און געמיט. ער זעט ווי דאָס „קלענצט־ברודערל אונזערס" (אונזערע אייגענע קינדער) זיינען שוין אויסגעטאָן פון דער געטלאַכקייט וואָס האָט אַמאָל אָנגעפילט דאָס גאַנצ׳ אידיש לעבן, און אַז אַ נאַרישער ראַדיקאַליזם (ניט קיין עכטער) באַשאַפט עפּעס אַ מעכאַניש, ליגנערישע באַציאונג צום מין דער־ציאונג, וואָס זאָל פאַרנעמען דאָס אַמאָל געטלאַכעס אין אידישן לעבן; זינגט ער מיט טיפער איראָניע:

אוי ברודער אידישער! גלויב אַז עס עקלט מיך
פון מײַנע הענט און פיס און פון מײַנע תאוהס,
פון מײַנע אידעאַלן, בליטן פון די תאוהס.
סאיז דאָך אַזוי פּראָסט צו גלויבן אין קאַרל מאַרקס חשבונות,
אַז דאָס אויסגעדאַרטע שוסטער־מענטשל מיט די מאַלפּע הענט
נעמט אַן זײַן אינגל פאַרן הענטל און פאַרהערט אים
די סדרה, דאָס דאַוונען, און טראַכט דערבײַ,
אַז „פון די נאַרישקייטן" דיראַזיקע, איז ער שוין אַרויס,
נאַר, זאָל דאָס אינגל וויסן פון אַ גאָט אויף דער וועלט,
ווי ער האָט געוואוסט בשעת אינגלצייט.
אַ גאָט אויף דער וועלט,
אַ גאָט אויף דער וועלט!

און זײַן ענטפער צום פּראָבלעם, איז אַ לויטערער וואונש צו

דערמאָנען זיך אין דער עכטקייט און גאַנצקייט פון זיידן, וועלכער איז געשטאַנען אין ווינקל קלייט און געדאַווענט מנחה:

עס ציט מיר צו דער וואַנט פון יענע אַוונטן,
אַוועקשטעלן זיך ביי דער וואַנט אַזוי, אַז אַלטער מענטש ווערן
און דאַווענען מנחה, מנחה דאַווענען!

אַ געלייטערטע רעליגיאַזיטעט מערקט זיך אין פיל פון זיינע לידער. אַן אָנזאָג אויף זיינע שפּעטערדיקע טיף־רעליגיעזע, גרויס־מענטשלאַכע מאָטיוון, וועלכע געהערן צו זיינע בעסטע שאַפונגען, און שטעלן י. י. סיגאַלן אַוועק צווישן די ערשטע און עכטסטע אין אונזער אידישער פּאָעזיע. די הויפּט מאָטיוון אָבער אין בוך „באַזונדער" זיינען מאָטיוון פון טרויער, פאַרצווייפלונג, אַנטוישונג, רעזיגנאַציע, און ער דערגרייכט אין זיי אַ זעלטענע ראַפינירטקייט, איבערהויפּט אין אינטים־פּערזענלאַכע לידער ווי:

מיינע אויגן לעבן מיט צוריקגעקומענע טעג,
קריעה האָב איך שוין געריסן. —

אָדער אין טיפער רעזיגנאַציע:

באַרג אַרויף צו די עלטערע יאָרן לויפן שטענדיק די מענטשן,
וועל איך ניט פון אַלע מענטשן אָפּשטיין און וועל לויפן...
פרעגן פרעג איך ניט נאָך וואָס — איך וויים דאָך:
אַלע לויפן באַרג אַרויף צו די עלטערע יאָרן...

אָדער:

כוועל ביסלאַכווייז דיר אויסטיילן אַלצדינג
וואָס ליגט שוין טויט אין מיר, אין שפּינגעוועלבן;
ביי דיר וועט אַלץ נאָך אויפשטיין צוריק
און יונג מיט דיר נאָך חלומען דיין לעבן.

פון דער צווייטער זייט אָבער, געפינען זיך אין בוך צענדליקע קאָמפּליצירטע, שווערע לידער, וואָס איך רוף „מאַטעריאַלן פאַר לידער", וועלכע געהערן צו אַן איבערגאַנגס פּעריאָדע אין י. י. סיגאַלס פּאָעטישער אַנטוויקלונג. '

דערנאָך האָט י. י. סיגאַל איבערגעלעבט אַ גרויסע דערשיטער־רונג דורכן פאַרלוסט פון זיין טשאַרנאַלע. פיינלאַכער טרויער און רעזיגנאַציע האָבן אָנגעפילט זיין האַרץ, און אַ געלייטערטע קאָנ־צענטרירטקייט האָט גענומען כאַראַקטעריזירן זיין שאַפן, לידיש זינגען וועגן זיך, וועגן אינדיווידיום, וועגן די נאָענטע פון זיין משפחה, וועגן אָרעמקייט, אומעט און טרויער, וועגן אומגליק, אָבער אויך וועגן ליכטיקייט און געבעט. אַ טיפער טראַגיזם וויינט פון זיינע לידער אַרוים ווען ער בעט:

באַשטראַל מיך מיט דיין ליכט און דיין גענאַד
און וויש אָפּ דעם שאָטן פון שלעכטס.
מיינע ליפּן ווילן קושן דעם אָפּשטראַל פון דיין פרייד
וואָס באַהאַלסט און פאַרשטעלסט פון מיר.

און אין זעלבן ליד מיט פיעטעט:

א גוטער גאָט, דערוויטערטער,
דערווייטער זיך ניט מער פון מיר.

אָדער ווען ער באַפרייט אַזעלכע ליכטיק־פרומע פערזן:

אין ברייטן, פרייען וועג צו דיר
אָן אויסגעליטערט ליכט גייט אויף,
און ריין גייט אויף מיין האַרץ צו דיר
און פילט די וועלט פון סוף צו סוף.

דערפילט מען אַז י. י. סיגאַל איז אַוועק פון שטורם און דראַנג און איז געוואָרן סובטעלער און לירישער. און דיכטעט ער וועגן טרויער פון זיין איינזאַמקייט איז עס אַזוי רירנד און שטיל:

איך צינד ניט אָן קיין ליכט אין מיין טונקלן באַוואוין,
איך צי אַראָפּ פון זיך די קליידער בלינד
און לעג זיך אויף מיין געלעגער.

און מיט עכטקייט און פשוט'קייט אין זעלבן ליד:

איך ליג אויף מיין געלעגער
אַלט, שטום, אַליין.
קליין איז די שעה
מיט געשענקטן שלאָף
וואָס רוט אויף מיר.

דער יונגער י. י. סיגאַל אין זיין דעמאָלסדיקן געמיט, האָט אויף זיינע פּלייצעס געטראָגן אַן אַלטקייט און טרייסטלאָזיקייט אָן אַשיעור האָט ער רואיק און האָפנונגסלאָז געזונגען:

אַלע ווערטער פון דיין טרייסט צעפאַלן קאַלט,
רעגנס רינען מאָנאָטאָן: אַלט, אַלט, אַלט.

און מיט גוטמוטיקייט און רעזיגנאַציע פון אַן אַלטן, זינגט ער אַזוי ליריש־בילדלאַך צו זיין פרוי:

איך וועל דיך אויסטאָן פון דיין שוואַרץ געוואַנט,
און אָנטאָן דיך אין ווייסן, לייכט און לינד
און וועל דיך פירן צו דיין קינד. —

איינגעטונקען אין דערינערונגען פון אַלטן אידישן לעבן, געפינען זיך אין י. י. סיגאַלס דריטן בוך „לידער" געדרוקט אין ניו־יאָרק אין 1926 (204 זייטן), פיל מאָטיוון, וועלכע ריידן פון דער אַלט־קייט אין זיידנס שטוב, פון די געסלאַך אין דעם שטעטל פון זיינע אינגל־יאָרן און שפּיגלען זיך אַזוי בולט אָפּ אין זיין געמיט:

איך דערהער אין זיך אַזאַ מין אַלטקייט, שפּעטקייט,
די צאַנקנדיקע ליכט איבער אַ ווייטן שבת'דיקן טיש.

און אין זעלבן ליד:

דאָס ווייסע ליכטלעמפּל ביים זיידנס טויטן קאָפּ.
דאָס קלאַפּן פון אַ צדקה־פּושקע נאָך לויהריקע טריט.
דער ברעג פון קבר,

און — פינצטער.
פון מיין פענצטער רוף איך ווערטער,
צינד זיי אָן מיט גאָלד און בראָנז
און פינצטער.
און אין מיין פינצטער פאַלן ווערטער,
פאַרלאָשענע, פאַרוועלקטע בלעטלאַך.

די ליכטיקייטן און ליבלאַכע שאָטנס פון אַמאָל זיינען אין זיין איצטיקן געמיט, פאַרוועלקטע בלעטלאַך און אַליץ איז ביי אים:

נאָך אַ שיכט פון אומעט
און נאָך אַ שיכט פון אומעט.

און ער בענקט ערגעץ צוריק:

אין יענעם פאַרישובטן ישוב,
פאַרנאַכט ביי די שאָטנס פון שטוביקע ווענט
בעט פאַר מיר אוים אין אַ זייטיקער שטוב אַ געלעגער,
כבין קראַנק און וויל אַזוי קליין זאָל מיין וועלט זיין
מיט רו, מיט אָפּרו.

ער נויטיקט זיך אין רו און אָפּרו, ווייל אַליץ ליגט שוין הינטער אים:

איך בין הינטער אַליץ שוין אַצינד,
איך הער ווי עס קלינגט מיר נאָך.

דאָס גאַנצע בוך „לידער“ איז פול מיטן דיכטער, מיט זיינע טרויעריקייטן, פאַרצווייפלונגען, מיט פּאַטעטישע גוטסקייט און רעזיגנאַציע; מיט לויטערקייט וואָס קומט פון גרויסע, טיפע איבער־לעבונגען, פון איבערמענטשלאַכע ליידן. זיין ערשטער בוך איז געווען פרייד, ליכטיקייט, יוגנט; זיין צווייטער בוך: שטורם און דראַנג; דער דריטער בוך איז ליריק, רעזיגנאַציע, ליידן, אַ בענ־קעניש צו „נירוואַנאַ“...

האָט געמוזט קומען די רעאַקציע, איז זי טאַקע געקומען און אַנטפּלעקט פאַר אונז אַ ג אַ נ ץ נ י י ע ם י. י. סיגאַל, אַ ראַפינירטן ליריקער אויפן וועג פון געלייטערסטן פשוט'קייט, דעם דיכטער פון רעליגיעזן עקסטאַז, פון נייעם אינערלאַכן פריילינג, פון נייעם ריינעם גלויבן, אַ באַפרייטער פון „מאָרבידיזם“ און ווידער אַמאָל י. י. סיגאַל מיט דער דינסטער עמפינדלאַכקייט, מיט דער מוזיקאַלישקייט פון זיין אייגנאַרטיקער פערזענלאַכקייט; עס איז דערשינען זיין גרוים בוך „ליריק“. געדרוקט אין מאָנטרעאַל, אין יאָר 1931 (232 זייטן).

ער ברענגט זיך צורירק אין שטעטל אריין, אין קאָרעץ, און דערמאָנט זיך וועגן די אינגל־חלומות, אַז עמיץ וועט קומען נעמען אים אין דער ווייטער גרויסער וועלט, זינגט ער כמעט זיין ביאָ־גראַפיע:

אַ, קום מיט די אָרעמע וועגן,
מיטן טאָג, אַנהויב הערבסט, און טומאַן,

פרישע קעלט קוועלט אין יונגן פרימאָרגן
קליינע שטאָט — קליינע אידן און אַ מאַרק.

דאָ איז אַזאַ איינגעשטעלט לעבן,
אַזאַ אומעטיקע עלנטע רו.

איך בין קליין און אינגליש, ביים פענצטער
הער זיך איין ווי אַ קלויסטער קלינגט.

ווער וועט קומען און וועט מיך נעמען
אין דער ווייט, אין דער גרוים פון דער וועלט.

טויזנט שטימען רופן מיך און רעדן
און אַ שיינקייט זינגט קראַנק אין מיין בלוט.

אַ אינגלאַך, חברים פון קאָרעץ
און מיידלאַך אין פסחדיק זייד.

ווער וועט קומען און וועט מיך נעמען
אין דער ווייט, אין דער גרוים פון דער וועלט.

אין דער פריסטער יוגנט זיינער, האָבן פּאָעטישע אומרוען פרום
ביי גאָט געבעטן:

אפשפר וועסטו אויפברעכן
דיין נאַכטיקן מזרח,
און אַרויספירן דיין יונגע זון
אויף מיין ענגן שליאַך.
רויטע זאַפטן שמאַכטן,
אונטער מיינע הויטן.
גאָלדענער האָניק
אויף מיינע ליפּן
דיין לויב צו זינגען.

און אונז געוויזן די קלאָרע רייפקייט פון זיין פּאָעטישער באַוואוסטזיניקייט, וואָס איז אייגנטלאַך דער פאַר׳כשופטער גאָרטן פון זיין שאַפן: דערפאַר קען ער איינשלאָפן אויפן קילן גראָז פון זיינע לידער ווי ער דריקט זיך אַזוי אָריגינעל אויס:

איך וועל איינשלאַפן
אויפן קילן גראָז
פון מיינע לידער

ניט דערפאַר ווייל סאיז אַזאַ קאַפּריז זיינער, נאָר ווייל:

דאָ איז מיין לעבן,
דאָ איז מיין גרוב
און מיין רו.

אין דעם וואונדערלאַכן גאָרטן פון זיין פּאָעזיע געפינען מיר זעלטענע בלומען פון זיין קינדהייט, אַ קינדהייט פון דאַוונען, פון פרומע ליפּן פון אָרעמקייט, פון פינצטערניש אין אַלקער, און אַ לאָמפּ אָן גאַזע, אָבער דערפאַר פול מיט גלויבן אַז:

אַ, אינגעלע, יתום,
משיח וועט קומען,
פוניענערזייט בריקן,
אין דער גויאישער גאַס
וועט אַ ביל טאָן אַ הונט.

נאָר אונזערע רעכער
וועלן זיך אַנטאָן אין גאָלדן
און אין אונזערע פענצטער
וועט פינקלען און בליאַסקען
דאָס ליכט פון דער וועלט.

אין דעם זעלבן נאָרטן געפינען מיר די פּאָעטישע פאַרבינדונג פון י. י. סיגאַל מיט די אויסדערוויילטע גייסטער פון אונזער פאָלק: דער בעל־שם־טוב, דער בראַצלאַווער, אָדער דער באַרדיטשעווער — און פול מיט חסידישן עקסטאַז באַפרייט ער דאָס רירנד געבעט:

באַוויליק נאָך איינמאָל דאָס וואונדער פון אַנהויב,
אַ יומטוב אין אויגן,
אַ יומטוב אין פענצטער,
אַ יומטוב קומט אַז אין אַ שטילן פאַרנאַכט
אַזוי ווי אַמאָל.

אַט, מיר זיינען נאָך עטלאַכע אידן אַזעלכע
וואָס זענען געבליבן אַן אַנדענק פון נעכטן,
אַזוי ווי די ליכט אין די לייכטער וואָס צאַנקען
ביים גרוי פון פענצטער פאַרטאָג.

עס צינדן זיך העל
אין אונז די נשמות
און מיר האָבן פאַרשפּעטיקט.

עפּעס האָט זיך צושטראַלט אין דער נשמה פון דיכטער, האָבן ליכט און הייליקייט אים אַרומגענומען, האָט ער אין טיפער פרומקייט געזונגען:

•

אויף דיין ערד וועל איך זיך לייגן
ודוי זאָגן שטילערהייט.

און אויף דיין ערד וועלן מיינע אויגן
איינדרימלען אין קלאָרן טויט.

אָדער:

איך צינד אָן ליבשאַפט —
אין דיינע קרישטאָלענע רערן
אויף די בוימער־מנורות, גאָט,
אויף דער ברייטער, גרויסער שטילער ערד,
דער רואיקער טיש פון דיין שבת,
דיין גאָלדענעם שבת,
דיין הערבסט.

אָדער:

איך בין אין מיין דאָרף צוריקגעגאַנגען.
דער אָוונט איז שוין אויפגעגאַנגען.
און די וועלט איז געווען אַזוי אָפן,
און היימיש, און נאָענט און גרויס
ווי אַ פאָטערס הויז.

אַ ליכטיקייט פון צאַרטער אינטימיטעט, אַן אינטימע פאַר־מענטשלאַכונג פון גאָט און זיין נענאָד, און אַ לויטערקייט ווי ביבל־זאַצן, הייליק און ליריש:

פון מיינע שטילע טעג טוט גיין א וועג
אראפ אין שאטנדיקן קילן טאג.
און אויסגעטאן פון שווערקייט און פון שרעק,
וועל איך מיט דיר זיך טרעפן דארט אמאל.

אָדער:

אין קראנקער רויטלאכקייט איז דורכגעפלעקט די וועלט,
נאר דו ביסט וויים און רואיק, ווי פארנאכט,
איך לאז דיך זיצן אויפן שוועל פון דיין געצעלט
אין זוניקייט און שאטן פון פארנאכט.

י. י. סיגאל האָט מיט זיין גייסט ארומגעוואנדערט די וועלט, און די וועלט, מיט אלע אירע ווידערשפרוכן און זיגזאגן, מיט אירע דערנידערונגען און דערהויבונגען האָט ער אריינגעזאפט אין זיך, אזוי אז דער „איך" מאָטיוו איז די קווינטעסענץ פון זיין שאפן; האָט ער אָבער פארנומען אז „געטלאכקייט" אין זיין ווערק איז פארמינדערט געוואָרן, אין פארגלייך מיטן „איך", האָט ער אָנגע־הויבן דורך פיעטעט צוריק אויפהויבן די געטלאכקייט, די רעלי־גיאזיטעט, צו איר „אריסטאקראטיזם" און פראָמינענץ; צו דער עטישער הויך איבער אלע הויכן, און זיך מיט באשיידנקייט און טיפער עמאָציע געשטעלט אין איר דינסט; דערפאר רעדט ער צו גאָט ווי צו זיין פאָטער, אָן וועלכער עס איז פאָזע, אזעלכע איינ־פאכע שטילע ווערטער:

אזא מין פארלוירן גרוי לעבן
קום לייטערן, לייטער עס מיר.

פארנאכט, פון מיין שטוב ווערן אלע אנטרונען,
גיי אויף דורך מיין הארץ ווי אמאל,
ווי אמאל פלעגסטו אויפגיין צו מיר.

איצט בין איך נאך קינדערישער,
דורך פיין און צעבראכנקייט
בין איך נאך קינדערישער.

און שמייכל אזוי זיך אין תמימות,
אזויווי יאסי דער תם אין בית־מדרש
אמאל, אין בית־מדרש, אמאל
אין קארעץ...

דאָס שטרעבן צו איינפאכקייט, אין די שטילע ווינקלען געליי־טערטער רעליגיאזיטעט, האָט אויך אויפגעהויבן זיין מוט. דער אמאָליקער גלויבן אין זיך איז ווידער געשטארקט, און ער שרייבט ווידער מיט ליכטיקייט, מיט אָפּטימיזם:

כטראג בינטלאך פשוטע לידער
אויף מיינע פארשפיציקטע אקסל.
און ווארף פאר אייך, מיינע ברידער,
דאס ליכט וואס אין מיר איז געוואקסן.

אָדער:

די גוטע ווערטער בעטן איבער,
די שלעכטע — מאַכן בייז און האַרט.
איך וועל דעם שווערן טאָג אַריבער
און ברענג דיר ליכטיקייט ביינאַכט.

אָדער:

די גאָלדענע שעה איז אַ פויגל אַזאַ
וואָס וועט זיכער נאָך קומען צופליען אַהער.
איז ניט היינטיקן טאָג, איז איבער אַ יאָר,
דערווייל וועלן זילבערן־זיך מיינע האָר.

פאַראַן ביי י. י. סיגאַל אַ נטיה פאַר געגנזאַצן, פאַר ווידער־שפּרוכן, פאַר לעבנס־פאַרגלייכן, פירט ער זיי דורך סימבאָליש — אָבער דערציילעריש־ליריש ווי:

אַ פרילינג איז דורכגעפאָרן מיין ערד
אויף אַ שלאַנקן יונגן פערד,
און מיין ערד האָט אַ ווייל געגרינט,
און אויפן גראָז איז געשלאָפן מיין קינד,
אין ווייסן דורכזיכטיקן זייד
אין זון און אין ליכטיקייט
און מיין ווייב אין בלויען קלייד
אז געזעסן שמייכלנדיק און ברייט.

אָבער אין סאַמע מיטן פון דעם בילד האָט עפּעס אַ פאַרגעפּיל אים אַרומגענומען און סאיז דער אָוונט אָנגעקומען:

און דער אָוונט איז געקומען צוגיין,
איך בין געשטאַנען קעגן באַרג אַליין.
און די ערד האָט זיך געוויגט
אין שאָטן ווי אויף טונקעלע שטריק,
און פון מיין שטוב האָט אַ פענצטער געשיינט
ווי דאָס פּנים פון אַ גוטן פריינט.
און איך בין געשטאַנען אַליין
און אַ טרויער פון פאַרגעפּיל
האָט קראַנק מיין בלוט גענאַגט,
און געזאָגט — און ניט אויסגעזאָגט.
דערציילט פון אַ שווערער ווייט,
אין פאַרהוילענער טונקלקייט.

זון און הערבסט, הערבסט און זון, ליכטיקייט און שאָטן, זיינען קאַרדינאַלע מאָטיוון אין י. י. סיגאַלס שאַפן. אויסערדעם קען ער אַזוי גרינטלאַך־טיף די רעאַלע שיינקייטן פון דער נאַטור, און איז אַזוי נאָנט צו דער נאַטור, אַז אין הונדערטער פאָרמען דערציילט ער וועגן איר, אָדער באַזינגט זי. און צו מענטשן באַציט ער זיך, איבערהויפּט אין זיין בוך „ליריק", ווי אַ באַשיידענער „פּרעדיקער", ווי אַ שולדיקער, ווי אַ גוטווינטשער, ווי איינער וואָס בעט מיט טיפער פיעטעט פאַרן שיקזאַל פון דער ליידנדער מענטשהייט און בענטשט מיט ליבשאַפט דעם טראָפּן שוויים פון כשרע האָרעוואַניע פאַרן שטיקל ברויט, און שטראָפט מיט לירישער מילדקייט דעם „פאָרמאַליזם" וואָס שטעקט אין דעם פאַקט אַז „די פרומקייט ליגט פאַרמאַכט צווישן די טאָוולען פון אַן אַלטן סידור" און אַז מיר גייען אונטער!

זיין גוט און פרום — דער וועג פון אַלע טעג
איז קרום און פלאָנטערדיק און פאַרדרייט.
נאָר יעדער ביטערער טראָפּן שווייס איז ערלאַכקייט,
און זיס און בענטשנדיק דאָס גרויע שטיקל ברויט.
ביים הונגעריקן דאָרן קינד אין האַנט
ווי זון איבער אַן אויפגעאַקערט לאַנד.

מיר וואָס אונזער פרומקייט ליגט פאַרמאַכט
צווישן די טאַוולען פון אַן אַלטן סידור,
און אונזער תפלה ליגט פאַרשמאַכט
אין די וועלקנדיקע גראָזן פון אונזערע לידער
ווי אַן אָסיענדיקע שוואַכע גריל
און אַטעמט קיל. —

מיר שאַרן זיך נאָך פרום מיט אונזער וואָרט
ווי נאָך אַן אַנגעשטרענגטן ווייטן אַלטן ניגון.
און ציען־נאָך אַן אויסגייענדיקן טאָן
ווי מידער זשום פון פאַרנאַכטיקע פליגן
אויף לעצטער זון פון פענצטער.

י. י. סיגאַל איז אָבער אין דערזעלבער צייט אַן איבערגעגעבענער ליבהאָבער, ווען סובטעלע סענטימענטן קומען ביי אים צום אויס־דרוק אין נייע פאָרמען און פול קינסטלערישער איבערצייגונג:

א שיינער קאָפּ,
איך וועל דיך קושן,
איך וועל דיך האַלטן
אין די וואַרעמקייטן
פון מיין ליבשאַפט.

אָדער:

אין דיין הויז '
רוט אַ ריינקייט
און אַן איידעלע,
אַ היימלאַכע,
ליגט די זון
אויף די ווייסע בעטן.

אָדער:

א שפּיל מיט מיר,
איך ווער געזאַנג
אונטער דיין באַריר.

אָדער:

איך האָב דיך נאָך ליב, נאָך ליב אַזוי,
מיין יונגער, מיין ניט־געטרייער פריינט,
איז מיר שווער צו נעמען פאַר ביין
דאָס שלעכטס וואָס טוסט מיר היינט.

אָדער:

שטיל בין איך צוגעשוואומען צו דיר
פון טריבע ווייטקייטן צו דיין גוטן ברעג,
האָסט מיר געלאָזן זיצן אין דיין זון.

פון דער פרישקייט פון זיינע ערשטע יוגנט־לידער, וואָס זענען געווען פול מיט אנטציקונק איבער די נאַטור־וואונדער פון דער קאַנאַדער לאַנדשאַפט אין זיין ערשט ביכל „פון מיין וועלט", מיט 17 יאָר צוריק — ביז צו זיין שווערן קאָמפּליצירטן בוך „באַזונדער" מיט 13 יאָר צוריק, פון וועלכן עס האָבן זיך אַרויסגעריסן דיכטערישע פאַרצווייפלונגען ווי:

עס רייסן זיך איבער די אייזערנע קייטן
און סוועדט קיינער נישט פריי, און סוועדט קיינעם נישט לייכט. *)

פון זיין בוך לידער, וועלכער איז דערשינען אין נויאָרק אין יאָר 1926, אַ בוך פון פּערזענלאַכער לייטערונג און לירישער דער־הויבונג, אָבער גלייכצייטיק טרויער, רעזיגנאַציע און אַלטקייט, ווען י. י. סיגאַל האָט געלויבט אין יענער צייט אַז:

אַלץ איז מיר אַוועקגעגאַנגען
ווי אַוועקגעשאַנקען.
בלינדע בליענדע צוזאַגן
אין מיין לעבן, אין מיינע ליבשאַפטן.

אָדער:

אַז אַ זייט פון דער טונקעלער נאַכט
אַ שטערן פון גאָלדענעם פייער
קוקט אין מיין ליידיקן שייער
וואָס שטייט אינדערפינצטער פאַרמאַכט.

אָדער: „שטראָף האָט אויסגעשטרעקט צו מיר די שוואַרצע הענט". ביז צו זיין גרויס בוך „ליריק", וועלכער איז דערשינען אין מאָנטרעאַל אין יאָר 1930, אַ בוך פון גאָט־זוכעניש, פון אַ שטרעבן צו פּשוטקייט און געלייטערטער ליריק; אַ בוך פון צוריק געפונענעם אָפּטימיזם און געזעלשאַפטלאַכן אינטערעס, ווייל שטיל, מיט טיפער פּיעטעט שעפּטשען זיינע ליפּן:

און אַט פאַרגייט מיין וועלט,
און אַט בלייב איך הויל,
איינגעבויגן, קליין,
גיי איך דעם וועג צו גאָט.

און ער בעט:

שיק אַרוים דיין זון אויף מיינע וואַסערן
צינד מיין האָפן אָן מיט מאָרגנליכט.
ברענג די שיפן די פאַרבלאָנדזשעטע
אין מיין מאָרגנליכט.

פאַרשווינדן די פאַרצווייפלונג, דער צעשטערנדער אומעט פון פּערזענלאַכע ליידן, און סאיז געקומען אַ שטימונג פון רעליגיעזן ראָמאַנטיזם, און ער איז מתפּלל:

*) רעזומירנדיק די פאַרשידענע ביכער סיגאַלס, ציטיר איך נאָכאַמאָל די שטעלן, וועלכע איך האָב שוין פריער ציטירט, צוליב אונטערשטרייכן מיינע אויספירונגען.

באוויליק נאָך איינמאָל דעם וואונדער פון אָנהויב,
אַ יום־טוב אין אייגן,
אַ יום־טוב אין פענצטער,
אַ יום־טוב קומט אָן אין אַ שטילן פאַרנאַכט
אַזויווי אַמאָל.

נישט מעהר אָנדייטונגען וועגן חסידישע געשטאַלטן אָדער אויסטייטשונגען — נאָר אמתע איינגנטלאַכע חסידות, באַגייס־טערטע, פרומע, באַשיידענע, עקסטאַזפולע.

זיין בוך „ליריק“ איז געקומען אָנזאָגן די גרויסע בשורה, אַז ער האָט געפונען דעם וועג צו זיך, צו זיין גאָט.

איך צינד אָן ליכט,
איך צינד אָן לידער,
איך צינד אָן ליבשאַפט —
אין דיינע קרישטאַלענע רערן
אויף די בוימער־מנורות גאָט.
אויף דער ברייטער גרויסער שטילער ערד
דער רואיקער טיש פון דיין שבת
דיין גאָלדענער שבת,
דיין הערבסט.

יאָ, ליכט, וואונדערלאַכע און געטלאַכע מענטשן, וועלכע ער זוכט און געפינט אויפן וועג צו גאָט:

אַ, לייטער, לייטער אויף
מיט דיינע יונגע געזאַנגען,
מיט דיינע העלע פסוקים
דעק אָפּ די שעהנע שעה'ן
פון זייער אַלטן שטויב.
קלינג אַ ן אין דער אַלטער שיינקייט
ווי אין אַ גאָלדענעם בעכער
כאַטש אַן איינציקן קלאַנג.

אָבער די העכסטע שטופע פון י. י. סיגאַלס אַנטוויקלונג האָט ער געבראַכט אין זיין נאָר וואָס דערשינענעם בוך „מיין ניגון“ (360 זייטן, געדרוקט אין מאָנטרעאַל) איבער וועלכן איך וויל זאָגן אַ פּאָר ווערטער.

דריי וויכטיקע אָפּטיילונגען געפינען זיך אין דעם בוך: אַ רעליגיעז־עסטעטישע אָפּטיילונג, מיט אַ ספּעציפישן רעליגיעזן טאָן, אַ לירישע אָפּטיילונג מיט אַ געלייטערטן תנ"ך־טאָן, און אַן אָפּטיי־לונג פון ליבע און פאָלקס מאָטיוון אין אַן אמתן פאָלקס־טאָן. ווען איך זאָג דריי אָפּטיילונגען, האָב איך מער אין זין דריי הויפּט־טענדענצן, וועלכע באַהערשן זיין בוך, איידער איינגנטלאַכע אָפּטיי־לונגען אין דעם געוויינלאַכן זין פון וואָרט. שוין די ערשטע סטראָפן פון בוך זענען אַן אָנזאָג פון ליכטיקער דערהויבנקייט. פון וואַנען קוועלט די אינספּיראַציע פאַרן דיכטער? ווי אַזוי קומען צום אויסדרוק זיינע לירישע געזאַנגען? איך בין זיך מתודה אַז איך ווייס נישט. אָבער הערט זיך צו צו דער דינקייט פון וואָרט, צום גרויסן אימאַזש, געזאַנג און בילד:

צוטרייבסט פון מיין וועג
די וויסטקייט
און ברענגסט, אמאל
אוונטן שיינע,
ווי כלות
צו מיינע פענצטער
און
נאך פיינען
און וויינען,
און וואלקן
ציסטו אויף איבער מיין מילדן הימל
א רעגנבויגן לידער פון פרידן
און עס נעמט עפּעס זינגען אַרום מיר,
ווי קינדער אין גאַס נאך א רעגן.

דערזינגט מען צו אזא סובטעלער דינקייט קען ער שוין אָנהאלטן דעם זעלבן טאָן, און ער ברענגט עדות פון פאַרגאַנגענעם נעכטן:

איז מיר דא ווי א קאַלטער ווינטער,
פלי איך צום פאַרגאַנגענעם נעכטן.
דאָרטן גרינען מיינע בוימער,
דאָרטן זילבערן מיינע טייכן,
דאָרטן זינגען מיינע שולן
דורך די שבתדיקע פענצטער
שלמה המלכדיקן תהילים.

און ער פרעגט:

בין איך דען אזא מין פרומער?
ניין, נאר יענע יונגע גאַסן
האבן מיר געבראַכט מיין זומער
האבן מיר מיין וועלט געעפנט
און איך בין אַרויסגעלאָפן
צו דעם פרייען ים פון הימלען,
נאָט איז דאָרטן אומגעגאַנגען
אין דער וועלט פון קליינע מענטשן.

וואָס טיפער מען דרינגט אַריין אין זיין בוך „מיין ניגון“, אלס שטילער וויל מען זיך טוליען — טוליען, „צו וְועמען?“ צום דינעם קלאַנג אפשר? צום טיפן טרויער? י. י. סיגאל פרעגט זיך:

צו וועמען ווילסטו זיך פאַרטרויען?
מיט וועמען און וואו וועט דיר גוט זיין?
אז קיינער דערמאַנט זיך נישט קיינמאל
אז דו ביסט אין שטענדיקן וואַרטן
צווישן די שעהן די גרויע
ווי צווישן פאַרוויאַנעטע שוואַמען.

און ער פרעגט אזוי, ווייל פאַר אים איז קלאָר און ער ווייסט אז:

זיי קומען שוין מער ניט
די שיינע שבתים.
זיי רוען אין ווייטע
פאַריתומטע לענדער.
א פויגל אפילו
וואָס פלעגט אין דער זון
ביי די פענצטער זיך שטעלן
און הערן די פרייד
פון די זמירות־געזאַנגען,
געדענקט זיי שוין אויך נישט.

אָבער ער ווייסט פון ניסים אויף דער וועלט, איבערהויפּט דעם נס פון בטחון, קען ער דערפאַר אַזוי איבערצייגט בעטן:

באַוויליק נאָך אַמאָל<br>
איין פונק בטחון<br>
אַ שעה פון יום־טוב<br>
אין דער גרא פון וואָכן.

ווייל, סאיז קלאָר פאַרן דיכטער אַז:

אין אַלטע ספרים שטייט פאַרשריבן<br>
סימבאָלן, ווערטער פון פרייד און ליכט.<br>
אַזויפיל צוזאָגן און מאָרגנס<br>
וואָס וועלן קומען אומגעריכט.

און גרויס די טרייסט אין יענע לידן<br>
איבער די הערצער, קעפּ פון די,<br>
וואָס זענען אויף די דאָרן וועגן<br>
געקראָכן מיט די נאַקעטע קני.

די גרעסטע שיינקייט, די העכסטע דערהויבנקייט, און די פיינסטע איידלקייט איז ביים דיכטער דער באַוואוסטזיין אַז:

די איידלסטע האָבן דורכגעטראָגן<br>
די האַרבסטע פּיין אויף זייער ביין.<br>
די העכסטע און די שטאָלצסטע זענען<br>
אין טרויער אומגעגאַנגען קליין.

און האָבן מיט די שטילסטע ווערטער<br>
אַנגעקינדיקט דאָס ריינסטע גליק<br>
און ווען דער שלעכטער האָט געקלעפּערט<br>
האָבן זיי גענידערט אין טאָל צוריק.

וואָס העכער עס שטייגט דער דיכטער אויפן באַרג פון ריינסטער קינסטלערישקייט, אַלץ עטישער ווערט זיין פּערזענלאַכקייט, אַלץ שטילער און באַשיידענער זיין וואָרט; עס מעג זיין אַז דאָס איינגן לעבן האָט זיך נישט דערהויבן צו דער איינפאַכסטער פּשוט־קייט פון בעטלער, בעט דערפאַר דער דיכטער אַזוי לירישׂ־איינדרוקס־פול:

באַשער מיר אין מיין צוויט געבורט<br>
אַ פרידלאַך־שטילער בעטלער זיין.<br>
און אַפּן מיט מיין בעטלזאַק<br>
אַריינקומען אין יעדער שטאָט,<br>
כוועל בלייבן שטיין ביים וועג פון מאַרק,<br>
און זען מען קלייבט די שוועלן אָפּ,<br>
און זען מען מאַכט די קלייטן צו,<br>
און דינער זייד פון אוונט־ראָז<br>
שפּרייט ריין זיך איבערן הימל־בלוי<br>
וועט מיר אַ לייכט טאָן אין געזיכט<br>
די רו פון שבת וואָס קומט אָן<br>
פון אַלע זייטן פון דער וועלט.

כאָטש ער ווייסט גאַנץ קלאָר אַז:

מיר וועלן צוריק שוין ניט קומען<br>
צום שוועל פון בית מדרש מ ט פרומקייט.

דער דור פון די ליכטיקע זיידעס
געזעגנט זיך שטום ביים אוועקגיין.
נאר איינער דער שטילסטער פון אונז,
גייט אפ אין דער שטילקייט פון ווייטן
און הערט די לענענדע נאך קלינגען.

און ער פרעגט א פראגע וואס איז אזוי פארשטענדלאך פאר אונזער טראגישן דור:

וואו ביסטו, וואו ביכטו, לעגענדע?
א קום אונז נאך איינמאל צו חלום,
מיטן לויטערן ליכט אויף דיין טלית,
מיט דער קינדערשער פרייד אויף דיין פנים,
מיטן וואונק פון א פינגער צום הימל.

פשוטקייט, באשיידענע מענטשלאכקייט, פארנייגונג פאר גאט איז די לעבנס־אנשויאונג וועלכע י. י. סיגאל האט דע־ווארבן אין זיין גייסטיקן קאנטאקט מיט דעם בעל־שם־טוב און די אנדערע ריזן פון חסידיזם. הונדערטער לידער האט י. י. סיגאל געזונגען אין זיינע לעצטע צוויי געדרוקטע ביכער און אין זיינע נאך נישט געדרוקטע ביכער, ווענן דער ליכטיקער פערזענלאכקייט פון בעל־שם־טוב און אים אונז געשילדערט ווי דער גרויסער פארטיידיקער פון די ארימע, ווי פראסטער אונוויכטיקסטער באדינער פון גאט — וועלכער פארבינדט גאט מיט דער געטלאכקייט אינם כש־ן הארצן פון געפאלענעם בעטלער. איז אויך זיין איצטיקער בוך „מיין ניגון" פול מיט אט די מאטיוון — לידער וועלכע איך וואלט אלע וועלן ציטירן אלס מוסטערן פון אונמיטלבארסטער ליריק:

בעל־שם־טוב לערנט נישט קיין חריפות —
ער האלט פאר זיך א פראסטן סידור
עס הויבט זיך אן דארט פון מה טוב,
און ענדיקט זיך דארט ביים סוף מיט תהילים,
נאר פול איז איטלאך ווארט פון סידור
מיט גרויס געזאנג פארן בעל־שם־טוב
די תפילות שטראלן אים אנטקעגן
ווי ווייסע ליכט מיט העלע פלאמען.
דער סידור, זאגט ער, איז מיין תחינה:
„כהאב אים געירשנט פון מיין מאמען".

סאיז א גרויס וואונדערלאך ליד וואס דארף ווערטערלאך ציטירט ווערן, כדי ניט צו צושטערן דעם תהילימדיקן געזאנג פון דער סאמע העכסטער און ריינסטער פשוטקייט. אבער מען קען דאס נישט טאן אין די באגרעניצטע ראמען פון אט די באמערקונגען. וויל איך דאריבער נאר ציטירן א טייל פון דעם פינאל פון ליד וואס קלינגט אין מיינע אויערן ווי א כאראל פון מייסטערפולן געזאנג:

כוועל נאכגיין שאטנדיק און שווייגן
און זען דעם נס מיט מיינע אויגן.
כוועל זינגען דאס געזאנג פון יעקבן
פון אונזער שטילן פאטער יעקב,
בשעת ער איז אין וועג אין ווייטן
פון עשון אין שרעק אנטלאפן.

און זיבן יאָר גערינט ביי לבנען
און ווידער זיבן — אין היץ, אין האָגל.
כוועל זינגען, גאָט, פון גאַנצן וואָגל
פון ערד צו ערד, פון לאַנד און ימען.
אָ, רוף, אַ רוף אונז שוין צוזאַמען
פון אַלע גלותן און מדינות,
און שיק אונז שוין אָרים אַנטקעגן
דיין העלן שטערן אויף די וועגן.
מיר זאָלן ווידער פאַר דיר קומען,
ווי דו האָסט אונז צונויפגענומען
ווי דו האָסט אונז צונויפגעקליבן
ווי שאָף, אַרום דיין הייליק סיני,
און האָסט אונז פאַר דיין פאָלק געהייליקט,
וועסט אונז דען ניט הייליקן ווידער
ווי כשטייט געשריבן אין דיין סידור?

„ווי עס שטייט געשריבן" נישט אין די מעטאַפיזישע און פילאָזאָפישע שריפטן, וועלכע זענען נישט צוגענגלאַך צו דעם פשוטן פאָלקס־מענטש, נאָר דוקא אין סידור!..

י. י. סיגאַל באַזינגט פשוטקייט אין פיל אַנדערע לידער:

נישט די שטאָט פירט צום וועג פון מיין וואונדער.
ניט די קלוגשאַפט פון ספרים — צו קלאָרקייט.
אַזוי־ווי אַ דאָרף צו אַ טייכנברעג,
איז מיר נאָנט די פשוטקייט פון מענטשן.

און ער ווערט אַרומגענומען פון טיף רעליגיעזע איבערלעבונגען און זעאונגען. ער קלאָגט זיך:

און עס קומט צו מיר ניט קיינער,
און מען ווייכט מיך אויס,
דו — דעראיינציקער וואָס קומט נאָך
ליכטיק אין מיין הויז.

און מיט טיפער דאַנקבאַרקייט און גליק צעזינגט ער זיך:

און איך זע דיך קומען, קומען
מיט דיין ליכט, פאַרנאַכט.
פון די טיפע מערב־הימלען
דאָ אונטער מיין דאַך.

פייערלאַך אוונט־יום־טוב
בליט אויף מיינע ווענט,
און מיין קאָפּ נעמט פרום זיך בויגן
אונטער דיינע הענט.

און דו בענטשט מיך, רופסט מיין נאָמען
שטיל און שטילערהייט,
און איך טוליע איין מיין פנים
אין דיין גאָלדן קלייד.

איך בלעטער סיגאַלס „מיין ניגון", גאַנצע 360 זייטן לידער, און ווידער און ווידער באַגעגן איך פאָרטרעטן, כאַראַקטער שילדערונגען און אַנאַליזעם פון דעם בעל־שם־טובס הייליקער פערזענלאַכקייט — דער וואונדערלאַכער בעטלער.

וואוינען וואוינט דארט א בעטלער,
און צוקנייטשט איז זיין געזיכט.
שפעט אין אוונט ביי א ספר,
און ביי אן אלטמאדיש ליכט,
זיצט ער, לייענט דארטן פסוקים,
תורה — מעשיות פון אמאל:
האט פארקליבן אין די בערג זיך
דער בעל־שם־טוב אין א טאל,
אין אן אלט, אלט גואיש שטיבל.
איבערן פענצטערל — א נעסט,
ווארפט די פויגעלאך די ברעקלאך
פון אלצדינג נאר וואס ער עסט.

איך וואלט געקענט ציטירן ליד נאך ליד ווייל די אויסערגעוויינלאכקייט פון זיין בוך „מיין ניגון“ באשטייט אין דעם, וואס סאיז זייער שווער פאר א נישט ספעציאליסט אויסצוקלויבן א באשטימטע קוואליטעט פערל פון א פערל־אוצר. פאראן צענדליקע לידער, וואס דאס סאמע פארלייענען די שורות איז אונמיטלבארער געזאנג. איך גלויב אז אט די געזאנגען וועלן נאך אפשר אמאל אריינגענומען ווערן אין דער רעליגיעזער ליטורגיע און אז גרויסע קאמפאזיטארן וועלן זיי אריינפלעכטן אין וואונדערלאכע מוזיקאלישע קאמפאזיציעס:

פאראן צענדליקע לידער אין זיין בוך וועלכע שטעלן מיט זיך פאר נייע, פאעטישע פארמען פון אמתער חסידות וועלכע שטראלן מיט הייליקייט.

פאראן צענדליקע לידער, וועלכע כאטש אויפגעפאסט אין ראפינירסטער לירישער פארם, זענען זיי מער „פראלעטאריש“ איידער די גאנצע „פראלעטארישע“ דיכטונג אין אמעריקע. ווער קען זיך אבער אונטערנעמען זיי פארצולייענען אין דער באגרעניצטער צייט פון א פאר קורצע נאטיצן און באמערקונגען?

איך וויל ענדיקן מיט א ציטאט פון א ליד וועגן די „בני אדם־לייט“. סיגאל זאגט:

פארגיב זיי דעם טומל פון שטעט,
דאס רייסן פון דר'ערד דיינע פעלזן,
דאס שפיל אין געפלי אינדערהויך,
דאס בלינדע געשלעג און געיעג
און בלוטיקע חרובע פעלדער,
דאס קינדערשע פאנען־געוויי.

פארגיב זיי דאס שפיל — מאסקאראד —
א בעטלער פארשטעלט פאר א קעניג.
א גזלן פארשטעלט פאר א נביא,
א שווינדלער פארשטעלט פאר א קדוש
אז, ווען סקומט אן די מידקייט פון נאכט,
און ז'ן טרייבסט זיי צוריק אין די אלקערס,
פאלן זיי אלע הויל נאקעטע פאר דיר
אזוי־ווי דו האסט זיי באשאפן.

אין אַט דעם בילד פון מידער אוועקגעפאַלנקייט אין די אַלקערס, אָן ביטערקייט אָדער שטראָף, אנטבלויזט י. י. סיגאַל דעם מענטשן־מין, אזוי ווי גאָט האָט אים באַשאַפן — און מ׳האָט דאָס געפיל: סאיז אזוי גוט:

וואס עס קומט אַז די מידקייט פון נאַכט
און די טרייבסט זיי צוריק אין די אַלקערס
פאַלן זיי אַלע הויל נאַקעט פאַר דיר
אזויווי דו האסט זיי באַשאַפן.

לויט מיין באַשיידענער מיינונג, איז „מיין ניגון", סיגאַלס גרעסטע בוך, און איינע פון די וויכטיקסטע לירישע ווערק אין דער גאַנצער אידישער ליטעראַטור.

א. ש. שקאָלניקאָוו

א. ש. שקאָלניקאָוו האָט זיינע ערשטע ערנסטע פּאָעטישע אַרבעטן אָנגעפאַנגען אין די „ניואַנסן“. שווערלאָך איז זיין שרייבן, כאָטש אַ געוויסער ריטם גיט דעם אונמיטלבאַרן איינדרוק אַז סאיז פּאָעזיע. ווען ער זאָגט אָן אַן אָפּשטעל:

איצט בין איך נאַקעט פון זומער
פאַר דעם הערבסט פייער
פון מיין אוונטדיקן פאַרטראַכטקייט.

איז דער מיין פון די פערזן זייער ניט קלאָר, הגם דער פּאָעטישקייט פון די שורות. זאָל עס אפשר מיינען: אַז אין אָוונט, ווען ער איז פאַרטראַכט, און ווען זיין נשמה פילט האַרבסטיק, איז אין אים ניטאָ קיין לייכט, זומערדיק געפיל. אויב דאָס האָט געמיינט דער דיכטער, איז זיין פאָרם מאָדנע „קאָמפּליצירט“. אויב ער מיינט עס ניט, מוז איך אָפּן צוגעבן, אַז איך הויב ניט אָן פאַרשטיין וואָס די שורות באַדייטן! אין דער זעלבער פאַרלעגנהייט געפין איך זיך לייענענדיק נאָכאַמאָל ליד נאָך ליד אין די ניואַנסן. און געפין איך זעלטענער אַ פאַרשטענדלאָך ליד, איז עס שיין, פּאָעטיש, דורכזיכטיק. אַזוי צום ביישפּיל ווען ער זינגט:

ווען דער הערבסט פון ערשטן פראָסט פאַרטריבן
פון גרוי און ווייסן, שטאַרקן פלאַם,
בלייבט דער שניי אַ ווייסער, אַ גאַנצער אויפן פעלד
און האַלט די שטאָט אין ווייסן צאַם.

האָבן מיר אַ געוויס ווינטער־בילד, אַ פאַרפרוירענעם פּייסאַזש. און זינגט ער וועגן ווייטע מאַמעס:

ווייטע מאַמעס פונם פרעמדן לאַנד
קומט זוכן אייער טרייסט אין אונזער זאַמד.
אונזער זאַמד האָט אייערע וואונדן באַהאַלטן
און סבלוטיקן אין אונזער זאַמד אייערע געשטאַלטן.

איז דער קלאַנג און ריטם איינפאַך, שיין, אָבער דערפאַר איז דער מיין, די באַדייטונג, אַזוי ניט באַשטימט, אַזוי ניט קלאָר! און זינגט ער ווידער אין פאַרשטענדלאַכער שפּראַך:

די נאַכטיקע שעהן האָבן נאָך פינצטער באַגלייט
צו דער גרויסקייט פון טאָג,
און דער נאַכטיקער באַרג ביים שטאָט־ראַנד
איז שוין אויך געשטאַנען אין דער זון
און דער טאָג האָט זיך אַ פריילאַכער מיט רעש
נעגרויסט איבער מיין אָנגעשפּאַרטן קאָפּ צו אים.

ווערט ביי מיר קלאָר, אַז אין שקאָלניקאָוון רעאַגירן צוויי הויפּט־טענדענצן: איינע פון בלינדער „קאָמפּליצירטקייט“, וואָס פאַרנעמט ביי אים דעם אויבנאָן, און די צווייטע, אַ ריין פּאָעטישע טענדענץ, וואָס קומט זעלטענער צום אויסדרוק. קומט זי אָבער צום אויסדרוק, קומט זי אין גאַנץ צאַרטע פערזן אין אַ ריין געפיל ווי:

נוט נאַכט טאַטע, נוט נאַכט מאַמע,
מיין קינד איז שלאָפן געגאַנגען.
אַ קוש פון די רויט־ראָזע ליפּלאַך
איז שטיל אין איר רו זיך פאַרגאַנגען.

שוין אין די „ניואַנסן", האָט שקאָלניקאָוו געזונגען וועגן: רויט־לופּטן, קראַנקן פרילינג, פון פיין און הייסן בלוט, פון נאַקעטן עלנט, פון קבר און אָנגעזאָגט אויף דער „פּראָלעטאַרישער" טענדענץ וואָס וועט זיך אַנטוויקלען אין זיינע שפּעטערדיקע לידער, פון זיי אָבער שיילן זיך נאָר זעלטן אַרויס קלאָרע מאָטיוון ווי:

דיין קנד, דיין בלוט
דיין ליבע דורך איר,
קושט אויס די פרייד
וואָס טרויערט אין מיר.

אין דער צייט וואָס די פּראָלעטאַרישע מאָטיוון זיינע אין די „די ניואַנסן" פעלט סיי איבערצייגונג סיי קינסטלערישקייט. אין די „רויט־ערד" זשורנאַלן האָט שקאָלניקאָוו אָנגעהויבן שרייבן אין אַ פּראָזאאישער פאָרם מיט אַביסל מער איבערצייגונג, און מיר גלויבן אים ווען ער זאָגט:

ניויאַרק! דו האָסט ביי זיך אַזוינע אויגן־פענצטערלאַך
צו אַלע זייטן פון דער וועלט.

אָדער אין זעלבן ליד:

דער ים ליגט ווי אַ קעניג ביי דיין אדם־זייט,
און גלעט דיך, וואַרעמט דיך, ליבט און קושט דיך,
ווייל דו ביסט מורא'דיק גרויס, מורא'דיק שיין און וואויל,
און נאָך שטאַרקער, גרויזאַמער
מיט דיין אונטערערדישן לעבן.

אָדער ווען ער דערציילט אַזוי אינטים:

אַ מלאך איז דאָס געווען
וואָס האָט מיר דעם קאָפּ, דעם פּנים געוואַשן,
די האָר געקעמט, העמדלאַך און היטלאַך גענייט
און געקושט און געליבט, און אָפּגעהיט פון קרנק און טויט...
און געשטילט מיין שרעק־געוויין, און זאַט געמאַכט מיין הונגער
און אויסגעבעט אַ ריין ווייכן שלאָף,
און פאַרווינגט מיט אַ דין שטיל געזאַנג פון איר פרייד
איילו־ליו־לי, איילו־ליו־ליו...

ווער איך נאָך מער איבערצייגט ווי פריער אַז צו געלייטערטער קלאָרקייט מוז שקאָלניקאָוו שטרעבן אויב ער וויל אַז זיין דיכטונג זאָל אַ קיום האָבן. ווייל יעדעס מאָל וואָס ער פילאָזאָפירט איבער אַבסטראַקטער וועלט־טעמאַטיק, איז דער רעזולטאַט: שווערע, ווייניק זאָגנדיקע זאַצן, וואָס גאָט אַליין קען פאַרשטיין, ווי צום ביישפּיל:

טויט איז די וועלט אין דעם האַרץ פון דער ערד.
אַ שוואַרץ שטיינגל, אַ פאַרגליווערטער פלעק
אויף אירע ברענענדיקע פליגלען פון אַלע פייערן, אַלע ליכטיקייטן
און זי קאָן זיך פון איר
מיט טויזנט ווינטן־וואַסערן נעפּלען־זייטן ניט אָפּוואַשן.

ברענען טויטע טעג ווי ווייסטע דערנער פון דער ערד
אינם האַרץ פון דער זון
ברענען אויס קאַלטע, טיפֿע וואונדן אויף אירע גאָלד־אַטעמדיקע פֿליגלען.

אָדער צענדליקע אַזעלכע קאָמפּליקאַציעס! און יעדעס מאָל ווען ער זינגט וועגן קאָנקרעטע, נאָענטע אינטימע זאכן, פּאַסירונגען אָדער געפֿילן, וואָס זיינען אים אַליין נאָנט און אבסאָלוט קלאָר — איז ער דער צוגענגלאַכער דיכטער וואָס באַפרייט פון זיין געמיט אַזעלכע פערזן ווי:

דיר וואָס היטסט שטענדיק מיין געזונט
און לאָזט ניט אַ קריץ טאָן אַ קאַץ, אַ ביל טאָן אַ הונט
אונטער דער טיר פון מיין שאַפנדיקער רו —
און גייסט אַליין — אויף דיינע שטילע שפּיצפינגער
מיר ברענגען אַ גלאָז קאַלט, פריש וואַסער
דיר, איבער דיר, וואַקסט די פולע פרייד פון מיין לעבן.

אָדער אין אַן אַנדער ליד:

איך בין געפאַרבט
פון נאַכט בראַנז
געפודערט פון טאָגגאָלד
און בלי אין בלוט פון דער ערד
און וואַקס אין ליכט פון דער וועלט.

אָדער:

איבער מיין קאָפּ וועסטו שפּילן
אַפילו ווען איך וועל טויט זיין...
און ווי אַ לייב וועסטו מיט גאָלדענע נעגל
דורכשטעכן די ערד, וואָס איבער מיר
און רעדן צו מיין לייב...

אָדער רירנדיקע פערזענלאַכע מאָטיוון ווי:

וויקל זיך אַרויס פון דיינע ווייסע קליידלאַך
פון דיין בערגעלע ערד —
ווער ליכטיק אין דיין לייב, אין דיין לעבן
ווי איך געדענק דיך יעדן טאָג
ווי איך זע דיך יעדע נאַכט
אין דיינע גאָלדענע אַכט יאָר.

אָדער:

אַט, בין איך דאָ
און באַלד שוין ניטאָ.
קום מיט מיר זיך שפּילן.

אָדער:

בלויע שיפן אויף מיין ווינטער־פענצטער
גייען פון הימל אַראָפּ און אַרויף.
וועמען פירן זיי צו מיר
אין דער קאַלטער ווינטער־נאַכט?
וואָס פאַר אַ בשורה האָבן זיי מיר
פון הימל געבראַכט?

האָט מען דעם באַוואוסטזיין, אַז שקאָלניקאָוו איז אַ דיכטער, וואָס דיכטעט ניט נאָר פאַר זיך נאָר אויך פאַר זיינע לייענער.

אין יאָר 1926 איז אין מאָנטרעאָל דערשינען שקאָלניקאָווס „לידער". אַ בוך פון 160 זייטן, וואָס האָט באַוויזן אַז ער רוט ניט, נאָר שאַפט פלייסיק. דער ערשטער טייל פון בוך באַשטייט פון טרויער מאָטיוון, פון טויט און פון ליידן, ווי:

איך בין דער
וואָס שטייט אין שיין פון אַלע צייטן,
און צינדט מיט בלוט די קנויטן פון לעבן —

מיין אָרט איז אויפן בעת עולם
וואו נייע טעג ווערן געבוירן
דורך אַלע טויטן...

אָדער:

דורך דיין שלעכט האַרץ איז אויפגעגאַנגען זיין וועלט
און ער איז ווייגענדיק געבוירן געוואָרן.
טרויער וועט ער דאַ מערן
און דיך וועט ער שעלטן.

אָדער:

האָט זיך פון אַ שטוב אַ טיר געעפנט,
האָט מען אַרויסגעטראָגן אַ שוואַרץ קעסטל.
איז אויף אַ וואָגן ווי אַלטוואַרג אַ רעשטל
געפירט דורך דער שטילער גאַס.

אין די טרויער־לידער, מערקט זיך די נייע טענדענץ שקאָלני־קאָווס צו איינפאַכקייט און שטילקייט, און אויך ווי ווייט דאָס געלינגט אים, איז ער אַ פאָרויס אויף זיין וועג צו קלאָרער דיכטע־רישקייט.

אָבער אין דער צווייטער אָפּטיילונג פון זיין בוך „צו מיין פרוי" געלינגט אים פון זיין געמיט צו באַפרייען געזאַנגען, וואָס וואָלטן פאַר אים אַליין געדאַרפט ווערן די מוסטערן פאַר זיין דיכטערישן סטאַנדאַרדט, ווייל ווען ער זינגט:

נעם צונויף דיינע קליידער
און פאַרלאָז דיין מאַמעס הויז.
קום מיט מיר פון דער שטאָט אַרויס
קום מיר וועלן ערגעץ ביי אַ וועג
זיך אויסבויען אַ הויז
און בלייבן דאָרט אַליין
ביזן סוף פון אונזערע טעג.

פאַרנעמען מיר געלייטערטע ליריק, צאַרטע ליבשאַפט און אמתן געזאַנג.

צווישן די ווינציקע געלונגענע סאָציאַלע מאָטיוון אין בוך וואָס דייטן אויך אָן אויף שקאָלניקאָווס פאָליטישן גלויבן איז זיין ליד:

אַליין אַ שקלאַף —
בין איך געקומען זיך פאַרנוינגן
פאַר די שקלאַפן פון מיין דור.

איך וויל ניט קיין באַפרייאונג פון די הערשער איבער מיר.
אין מיין האַרץ בין איך פריי, ווי די זון אין הימל
אין מיין האַרץ וואוין איך ליבטיק אַליין!

נאָר פאַר די,
וואָס ווילן זיין פרייער פון מיר —
בויג איך מיין קאָפּ און פאַרנייג זיך —
פאַר די שקלאַפן פון מיין דור! —

אביסל טענדעניז, און ניט גענוג איבערציינגנד. אָבער צווישן די הונדערטער ניט געלונגענע סאָציאַלע לידער פון די מערסטע קאַנאַדער „פּראָלעטאַרישע" דיכטער איז דאָס דערמאָנטע ליד דאָך אַן אָריגינעלער פאַרזוך.

אויסער דעם בוך לידער האָט שקאָלניקאָוו זיך געדרוקט אין כמעט אַלע זשורנאַלן וואָס זיינען דערשינען אין קאַנאַדע: „רויערד" אונטער י. י. סיגאַלס רעדאַקציע; „רויערד" אונטער שקאָלניקאָווס רעדאַקציע; „דער קוואַל", „עפּאָכע" „קאַנאַדע", „באַגינען" און פיל לאָקאַלע און אַמעריקאַנער אידישע צייטונגען. זיין שאַפונגס ענערגיע איז אַ גאַראַנטיע פאַר ווייטערע ווערק, לאָמיר האָפן פון גרעסערן פאַרנעם.

אסתר סיגאַל

אסתר סיגאל איז איינע פון די צוזאָגנדיקסטע דיכטערינס אין קאנאדע. א דיכטערן פון פּאָעטישע ערפינדערישקייט, און פיינער אָריענטאציע. איר שפּראך איז בילדלאך און דערגרייכט א געוויסע ראפינירטקייט פון פאָרם. אסתר סיגאל איז די דיכטערן פון אינטימע געפילן, פון פערזענלאכער אינטימיטעט. אָט זינגט זי אין דער „עפּאָכע“:

אויף די תאוהדיקע ליפּן רוט א זאָטער שמייכל.
סווילט זיך מיר אזוי צושטערן דיר דיין רו
ווי דו האָסט מיינע מיר צושטערט,
און גלעט דיין ווייסן שטערן, דיינע ווייכע האר.

עפּעס אזא גוטמוטיקע געמאכטע בייזקייט און אזא צארטלויטערער געפיל פון ליבע, — די ליבע וואָס איז געוואָרן א לייטנדער מאָטיוו אין אירע פילע דיכטונגען. אָט אַן אינטימיטעט וואָס דערגרייכט געלייטערטקייט זינגט זי אין „רויערד“:

קום צו מיר —
אין יענער שעה ווען דו קענסט ניט שלאָפן,
כבין אזוי וואך און ווארטנדיק
אין נעכט ווען דו ביסט אויף...

אָדער אזעלכע פלאמיקע פערזן ווי:

דו ביסט א בייזער צו מיר געקומען —
אזוי האב איך דיך ליב צו זען...
כהאב אזוי ליב צו שפּילן זיך מיט דיינע וואונדן
אין די פלאמען וואו עס יאָמערט צארנדיק דיין בלוט.

און דערפילט זי אז זי האָט צו ברייט אויפגעעפנט דאָס הארץ, דערקלערט זי מיט שטיפערישקייט:

נו, זיי ניט בייז אויף מיר
דו נאריש אינגל!
כאיז נאר א שפּיל אזא ביי מיר.

און ווייל די באָבע אירע האָט איר געלערנט אז:

ווער עס קומט אומגעבעטענערהייט
דארף זיך האלטן שטיל אליין...

נעמט זי אָרום א געפיל פון אונטערדריקטן ווייטיק, פון רעזיגנאציע און זי זינגט:

כבין שעמעוודיק, באשיידן און ניט דרייסט,
דאך קום איך אָפט דארט וואו מען בעט מיך נישט,
און שמייכל צו יעדערן וואָס זעט מיך נישט.

אָבער אסתר סיגאל, ווי שוין דערמאָנט, קען אויך אינטימקינדעריש זיין און מיט א הארץ פול סענטימענטן דיכטן:

לאמיר אפּמאכן ביי זיך אזוי:
מיר זיינען בײדע קליינע קינדער,

מיר וועלן מאַכן זיך אַ שטיבל פון קאַרטן
מיט טיר און פענצטער, און אַ קוימען אויפן דאַך.

אַזאַ בולט בילד פון אונזערע אַלעמענס יוגנט־יאָרן. דער אייביקער מאָטיוו פון ליבע איז אַזוי פאַרשידן געזונגען געוואָרן, אַז סאיז שווער ניי און אָריגינעל צו זיין... ביי אסתר סיגאַל אָבער, איז דער צוטריט און די טיפקייט פון דער עמאָציע ניי מוטערלאַך, עכט און סובטעל. אָט זינגט זי:[1]

אַמאָל וועל איך דיר זאָגן אַז דו טאָרסט ניט זיצן לעבן מיר,
דו דאַרפסט אין מיין שווערער איינזאַמקייט זיך ניט פאַרקלייבן
סאיז צו שווער פאַר דיר מיין עלנט צו פאַרטראָגן...
דו ביסט אַזאַ צאַרט ליכטיקער, אַזאַ שיין און ליבלאַך אינגל
ווען דו קושט מיר מיינע אויגן, זוינגסטו אויס פון זיי דעם געלן צער
און דו ווערסט בלאַס, שווייגנדיק און שווער.

אָדער די מייסטערפולע אָדע פון ליבשאַפט, ניט נאָר צו איר פרינץ, נאָר אויך די גראַנדיעזע דערהויבונג און דערנידערונג פון זיין שווערער האָרעוואַניע:

מיין פרינץ,
מיין מאַן דער בעקער,
ווי עס קומט נאָר אָן די נאַכט
טוסטו אויס פון קאָפּ די קרוין,
טוסטו אויס פון זיך דאָס בלויע קלייד,
ציסט אַ קלייד פון לייוונט אָן.

און אין זעלבן ליד:

אין אַ לייוונטענעם קלייד,
ביי דעם אָנגעהייצטן אויוון,
בריט ער און צעברענט די הענט
און דאָס פייער גרויסט זיך, רייצט זיך:
דאָ ווערן דיינע נעכט פאַרברענט...
דאָרט דיין ליידיק בעט — דער פּאַלאַץ
שטייט פון הימלס אויג באַוואַכט,
דיין פאַרלאָזענע פרינצעסן
דערוואַרט דיין קומען נאַכט נאָך נאַכט.
סטוט די איידעלע פרינצעסן
ניט אויס פון זיך דאָס קלייד,
עס קען דער שלאָף ווער ווייסט חלילה
אויסטרינקען די פולע ברוסט מיט פרייד...

און די קליינינקע פרינצעסן
שטעכט דעם שלאָף די אויגן אויס —
ער זאָל ניט זען דעם וועג צום פּאַלאַץ,
עס זאָל דאָס בעט זיין גלאַט און ריין
ביז עס וועט דאָס ראָז פון מאָרגן
ברענגען דעם פרינץ אין בלוי אַהיים.

איך האָב ציטירט כמעט דאָס גאַנצע ליד, ווייל סאיז כאַראַקטעריסטיש צו דער ערלאַכקייט, גרויסער ליבשאַפט, און געטרייישאַפט פון אסתר סיגאַלס פערזענליכקייט.

דאָס וואָס ביי אַנדערע איז עראָטיק, איז ביי אסתר סיגאַל נאַטור דיכטונג צנועהדיק און בילדלאַך:

דו ביסט אַ גרעזעלע אַ קליינס,
זאָגט מיר שטיל די ערד —
מיר האָט גאָט געבענטשט מיט פרייד און צער,
בלי איך, און וועלק און דאַר,
פרוכפער זיך און גער.

אָדער אַן אַנדער נאַטור ליד ווי:

ווען איך גיי פון טאָג צוריק
אַ געצערטלטע פון שטראַלן,
אַ געבאַדענע אין פרישן טוי,
אַ געאיידלטע פון פיינען
בין איך מילד און גוט אַזוי.

אמתע, אוממיטלבאַרע דיכטונג וואָס מאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק און צווינגט טראַכטן, און צווינגט זען בילדער און איבערלעבן שטאַרקע געפילן.

און וויל אסתר סיגאַל עפּעס זאָגן וואָס איז פילאָזאָפיש און פּאָעטיש אין דער זעלבער צייט, נעמט זי אויף דאָס פּראָבלעם פון טונקעלע מינוטן אין לעבן, און די גוטע מינוטן ווען עס ווערט געבוירן דאָס ליכטיק וואָרט און זינגט אַזוי סובטעל, אַזוי אָריגינעל:

אַ וויסט פעלד דאָס שוויינגן,
קומט אַמאָל אַ פויגל צופליען,
קוקט מיט שרעק,
גיט אַ פּיק מיטן שנאָבל
און פליט אַוועק.
בלייבן נאָר טונקעלע מינוטן
לויערן איבערן פעלד,
ווייטע אומזיכטיקע פליגל
ווייען קעלט...
אַמאָל אין אַ גוטער מינוט
ווערט געבוירן דאָס ליכטיקע וואָרט.
רעד איך צו דיר,
דו רעדסט צו מיר,
מיר בויגן זיך צו,
קוקן זיך צו.
און הערן זיך צו.
זע וויפיל וואונדער —
דאָס פעלד איז גרין
קינדער שפּילן זיך אונטער בוימער
און מיר זיינען יונג.

אָט ליגט פאַר מיר אסתר סיגאַלס בוך לידער אַרויסגעגעבן אין טאָראָנטאָ אין יאָר 1928, און איך לייען און בלעטער און ווער פאַרכאַפּט פון דער קלוגייט אָפּגעהיטקייט פון פאָרם און פּאָעטישן שוואונג וואָס זינגט אַרויס פון דאָרט.

די ערשטע לידער אין בוך, זיינען דאָרפישע מאָטיוון ציטיר איך צופעליק, ליד נאָך ליד:

פריהאָרבסט הויבט שוין אָן אויף די פעלדער צו קומען.
שניידט אָפּ זומער די זיידענע צעפּ
און פאַרוועבט זיי אין סאַמעטענע בלומען.
לאָמיר פאַרגעסן אויף אַלץ וואָס פאַרגאַנגען
אין דער האָרבסטיקער זון וואַקסן גאָלדענע זאַנגען.

אָדער:

פרי שטייט אויף די זון אין דאָרף
און וועקט מיט שלעפּערדיקע פינגער
די שלאָפנדיקע קליינע שטיבאַלאַך.

אָדער:

די פעלדער ליגן נאַקעטע און וויינען,
וואַשן דעם שטויב פון די גאַרבן.
זאָג נאָר ברוינער שניטער, דו
האָסטו ווען געטראַכט פון שטאַרבן?

אָדער:

איך גיי אַנטקעגן טאָג אַרויס
די זון פייערדיק און גרויס.
קוקט מיר גלייך אין פּנים
טרינק איך פון דער זון דעם ווייַן,
און דרעמל אַזוי זוניק איין...

אָדער:

כהאָב היינט צום ראַנד פון שטאָט די זון באַגלייט,
דער הייליקער האָט זיך געקרוינט אין פּורפּור קרוינען
און האָט געגאָסן לויטער גאָלד...

און אַזוי אַ גרויסער טייל פון בוך, געליטערטע, פּערזענלאַך־אינטימע מאָטיוון.

דער סאָציאַלער מאָטיוו אין איער לידער איז אויסגעדריקט אין אַזעלכע רירנדיקע לידער ווי:

מאַן מיט אַקסל פּעסט און ברייט
וואָס טראַגסט די שווערע לאַסט פון טאָג —
די זאָרג פאַר ברויט.

אָדער:

גייסט זוכן ברויט,
איך קוק דיר נאָך —
פאַלט דיין שאָטן טרויעריק צו מיינע פיס
און קושט דעם זוים פון מיין קלייד.

פאַרלאָזט דאָס הויז
טאָג איין, טאָג אויס.

אסתר סיגאַל איז אַ וויכטיקע דיכטערן אין קאַנאַדע.

דער זשורנאַל „רוי־ערד“ איז דערשינען (4 נומערן): אין יאָר 1922־23 אין מאָנטרעאַל, אונטער דער רעדאַקציע פון י. י. סיגאַל, איין נומער אין יאַר 1923 אַרויסגעגעבן אין טאָראָנטאָ פון דער „קולטור־ליגע“; צוויי נומערן אין יאָר 1927 אין מאָנטרעאַל אונטער דער רעדאַקציע פון א. ש. שקאָלניקאָוו, און איין נומער אין יאָר 1929 אין מאָנטרעאַל, ווידער אונטער דער רעדאַקציע פון י. י. סיגאַל. באַטייליקט אין די זשורנאַלן האָבן זיך כמעט די גאַנצע פּאָעטישע משפחה: אסתר סיגאַל, א. ש. שקאָלניקאָוו, יודיקאַ, ל. בערקאָוויטש, ש. נעפּאָם, א. ל. סעלצער, נחמיה סיגאַל, בנימין קאַץ, משה טויב, מ. מלמוד, מ. גרינבערג, אהרן ברוויטמאַן, ש. ד. זינגער, ש. שניידער, רבקה רויזנבלאַט, ש. פּערל און חנה שטיינבערג.

דאָס אַרויסגעבן פון די זשורנאַלן: „ניואַנסן“, „עפּאָכע“ און „רוי־ערד“ אין משך פון 10 יאָר, איז דער אינטערעסאַנטסטער פּעריאָד אין אַנטוויקלונגס־געשיכטע פון דער קאַנאַדיש־אידישער ליטעראַטור. ווייל די זשורנאַלן זיינען געווען די טריבונע פון נייעם קינסטלערישן וואָרט, פון קינסטלערישן עקספּערימענט, וואו עס האָבן זיך קריסטאַליזירט די וויכטיקסטע קאַנאַדיש־אידישע דיכטער.

און אַרויסגעגעבן זיינען די זשורנאַלן געוואָרן, ניט ווייל אַ גרויסער לעזער־קרייז האָט אויף זיי געוואַרט, נאָר ווייל די שרייבער אַליין האָבן געבראַכט פּערזענלאַכע קרבנות מיט דעם וואָס זיי האָבן געשריבן, אַליין באַצאָלט דעם דרוקער, און אַליין צוטיילט די זשור־נאַלן איבערן לאַנד. די פּעריאָדע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אידעאַליזם, נאָנטקייט צווישן שרייבער, און אַן ערנסטע קינסטלע־רישע באַציאונג.

מיט אַ צען יאָר פאַר דער דערשיינונג פון די דערמאָנטע זשורנאַלן, איז שוין אין מאָנטרעאַל געוועזן טעטיק אַ טאַלאַנטירטע שרייבער גרופּע, אַרום וועלכע עס האָט זיך געוועבט דאָס ביסל ליטעראַריש לעבן. דער טעטיקסטער פון זיי איז געווען דער טאַלאַנ־טירטער סקיצן שרייבער שמואלזאָן. אַליין אַ באַגאַבטער מענטש און ליידנשאַפטלאַכער ליבהאָבער פון דער אידישער ליטעראַטור, האָט ער געהאַט אַן אויג אויף יעדן וואָס האָט געדרוקט אַ טאַלאַנטירט וואָרט, אים אויפגעזוכט, געבראַכט אים צו זיין היים און אים באַגייסטערט און ערמוטיקט וויטער צו שאַפן; אַזוי איז מ. שמולזאָנס

הויז געוואָרן דער ליטעראַרישער צענטער פון שטאָט (דערנאָך זיינען געקומען וואָלינער, ראובן ברײנין (דער וועטעראַן פון דער העברע־אישער ליטעראַטור), לעאָן כאַזאַנאָוויטש, דר. וואָרטסמאַן, נ. פּערל־מאַן, קאָנראַד בערקאָוויטשי, ש. נעפּאָם, דער היסטאָריקער ב. זאַק, ישראל ראַבינאָוויטש און אַנדערע).

מ. שמואַלזאָן האָט אין יענער צייט מיטגעאַרבעט אין „קאַנאַדער אָדלער" און געדרוקט זיינע פּסיכאָלאָגישע דערציילונגען אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע", אָבער זיין היים (ווי שוין דערמאָנט) איז געוואָרן דער מיטלפּונקט צו וועלכן עס האָבן זיך געצויגן אַלע, וועלכע האָבן געהאַלטן אַ פּען אין האַנט. ווייל דאָרט האָבן זיי געפונען דעם באַגייסטערטן, קלוגן שמואַלזאָן תמיד בערייט איבער־צולייענען מאַנוסקריפּטן, שטראַפן טאַלאַנטלאָזיקייט, און מיט וואַ־רעמער דערמוטיקונג צו די וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אַ סימן טאַלאַנט. איך געדענק ווען אין די יום־טוב נומערן פון „קאַנאַדער אָדלער" האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן י. י. סיגאַלס לידער. מ. שמואַלזאָן האָט מיט גרויס אינטערעס געלייענט די לידער און דערקענט אין די אָנפאַנגערישע פּרוּוון אמתן טאַלאַנט. „מען דאַרף זיך מיט אים באַקענען, אים אָנווייזן אויף זיינע טענדענצן, און ערמוטיקן אים, ווייל י. י. סיגאַל האָט טאַלאַנט האָט שמואַלזאָן ניט אויפגעהערט זאָגן. אַזוי איז סיגאַל באַפריינדעט געוואָרן מיט שמואַלזאָנען און מיט דער קליינער גרופּע וואָס האָט איר הויפּט־קוואַרטיר געהאַט ביי שמואַלזאָנען. און אַז די נייע סביבה סיגאַלס האָט געהאַט אַ גוטע ווירקונג אויף אים, האָט באַוויזן זיין ערשט ביכל „פון מיין וועלט" וואָס איז דערשינען אין יאָר 1916 אין מאָנטרעאַל (68 זייטן).

# נאָך נאָכקומענדיקע

## שלמה האלפערן.

די לידער אין זאמלבוך „קאנאדע“ פון שלמה האלפערן און ל. ראָזענבערג געהערן נאָך צו דער „פרימיטיווער פעריאדע“ פון אידישער דיכטונג. ווייל כאָטש אין יאָר 1919 האָט מען אין קאנאדע שוין געלייענט דאָ לידער פון אלע אמעריקאנער אידישע דיכטער (די „יונגע“ איבערהויפּט) האָבן ש. האלפערן און ל. ראָזענבערג נאָך געהאלטן ביים סאמע אָנהויב! אזוי, פארגינט זיך צום ביישפּיל שלמה האלפערן:

דו ביסט אמאל געוועזן
א היילונג צו מיין ה ע ר ץ.
געהיילט מיר יעדע וואונד,
געשטילט מיר יעדן ש מ ע ר ץ.

ער האָט נאָך געהאלטן ביי הערץ און שמערץ!

אָדער:

פילסטו דאַן מיין עלנט?
פלאג איך זיך צום טויט,
ווען אין בעט ביינאכט
פילסטו מיט מיין נויט?

דארף מען נאָך?!

## ל. ראָזענבערג.

ל. ראָזענבערג ווידער, דער רעדאקטאָר פון זאמלבוך „קאנאדע“, פארגינט זיך אזעלכע פערל, וועלכע איך ציטיר נאָר ווי א קוריאָז:

א, פארגיב מיר יוגנט מיין —
סהאָט פאריאגט דיך מיינע זינד,
כהאב געפאלגט דעם שטן בלינד,
קען א מענטש פון זינד זיין ריין?

אָדער:

אין דער הויך, א, זאג וואס זוכסטו?
ווען דא אויף דער ערד געפינסטו
בלומען, רויזן אויף די וועגן,
ליפּן, ברוסטן דיינעטוועגן?!

נו, נו...

## ל. בערקאָוויטש.

דערפאר אָבער, האָבן די לידער אין זאמלבוך פון ל. בערקאָוויטש, אָנגעוויזן אויף א נייעם יונגן דיכטער, וועלכער וויל עפּעס זאָגן. אָט פּרובירט ער:

ווען עס נייגן זיך די שאָטנס נידריק אַרונטער
און בלוי־רויט צופלאקערט די זון ביים פארגאנג:
און וועבט אוים גינגאלדענע ראנדן אין מערב
און עס שעפּטשן ווי תפלות בלום און זאנג.

און מיר דערהערן אַן ערנסטער וואָרט און דיכטערישער שטימונג. ל. בערקאָוויטש האָט שפּעטער זיך געדרוקט אין די „ניואַנסן" און אינם טאָראָנטאָ „רוי־ערד". לייענט מען אין די „ניואַנסן" זיין ליד „מיט די רעלצן" הערט מען אַ מאָדערנע שטים.

מיט די פלאַכע בלויע שטאָל־רעלצן
האָבן אין שטערנדיקער נאַכט
מיינע וויטאקן זיך נאָכגעצויגן.
טויזנט ווילדע פייערדיקע אויגן
אין איין מאָסע ווייסער ליכטיקייט...

אָדער לייענט מען אַ ליבע־מאָטיוו געדרוקט אין „רוי־ערד":

ווילט זיך מיר טראַכטן און טראַכטן,
פאַרטראַכטן זיך טיפער און שטילער,
און טראַכטן פון אויגן, פון אויגן
פון דיינע —
וואָס ווילן דיינע אויגן
ווען זיי טוליען זיך מיט בלינדער פאַרלאָרנקייט
צו מיר

אַן עכטער אָטעם פון אַ דיכטער.

## ש. שניידער

ש. שניידער האָט אויך אָנגעהויבן דיכטן אין די „ניואַנסן". זיינע טעמאַטישע לידער: „מיין ווייב, מיין אויסגעטראַכט ווייב"; „דאָס ליד פון מיין זון", וועלכע ציינגן זיין „מאָדערנע" פיזיאָנאָמיע. איך בין אָבער ניט זיכער אויב:

יונגערמאַן,
סאיז דאָך לאַנג אַזוי די נאַכט דיר און קאַלט.
דער זייגער האָט שוין לאַנג צוועלף דיר געשלאָגן
און דו שלאָפסט נאָך ניט.
מיר ביסטו שוין פונם נאַכטיקן מאַנסטער
וואָס לויערט אויף דיר!

איז אמתע אָדער געמאַכטע פּאָעזיע! איך בין איבערהויפּט ניט זיכער אויב אַלע שניידערס לידער זיינען עכטע דיכטונג. ווייל ערשטנס, זיינען זיי אַזוי מאָדערנע קאַלט און גלאַטיק; און צווייטנס קלינגען זיי ווי באַנאַלע אָפּקלאַנגען פון פאַרשידענע אידישע און אַמעריקאַנער פּאָעטן.

פון וואַנען זשע נעמט זיך ביי מיר דער צווייפל? אפשר דערפאַר וואָס צווישן מערערע לידער געפינט מען קלינגענדיקע שורות, ווי:

האָט די נאַכט נאָך איר רו, איבער אונז ניט פאַרשפּרייט,
ליגט נאָך באַגראָבן אין דער פינצטער אונזער פרייד,
פול מיט טונקלקייט און טרויער אונזערע רייד.

אמת, אין די שורות, איז קיין בילד ניטאָ, דערפאַר אָבער

„קלאנג“. לייען איך דאַריבער אַנדערע לידער און געפין קליינע בילד־לאַך ווי צום ביישפּיל:

זיצט אַ מענטש ביים קלאַוויר און טראַכט
און ערגעץ־וואו ווייט פאַרלירט זיך זיין שפּילן. (?!)

אָדער אין זעלבן ליד:

קומט די נאַכט אַרוים פון ברייטן טייך,
הויכט אַן איר אָטעם אויף דער ענגער שטאָט.

טראַכט איך: אפשר איז עס טאַקע יאָ אמתע דיכטונג, איבערהויפּט נאָך אָפּט דערזעט מען ביי אים אַזעלכע אָנהויבן פון לידער ווי:

וועט היינט נאָכאַמאָל די בלינדע נאַכט
אַ מידע פאַלן אויף דער נאַסער ערד.

אָדער:

סאיז אונזער יידנס בלוט
פאַרסמט מיט ברענענדיקער תאוה.

אָבער איך צווייפל ווידער ווען איך לייען ביי אים אַזעלכע ניט מוזיקאַלישע פּראָזע־מוסטערן ווי:

אויפגעריסענער טאַנץ און פינצטערע טענצער
פינצטער לויכטנדיק אין פאַרשפּיצטן פּיין.

און איך קום צום שלום אַז די לידער פון ש. שניידער זיינען אַלע געשריבן אין מאָדערנעם אידיש, צומאָל פּאָעטיש אָבער בכלל פּובליציסטיש, צייטנווייז מוזיקאַליש, אָבער איבערהויפּט פּראָזאאיש, אָן דער מינדסטער אינספּיראַציע. שלמה שניידער האָט זיך אויך געדרוקט אין „דער קוואַל“ און „רויערד“.

## אשר רויזן

אין די „ניואַנסן“ האָט זיך אויך געדרוקט אַ דיכטער אשר רויזן וואָס האָט געמאַכט אַ גוטן איינדרוק מיט זיין גלאַטער שפּראַך, געפיל און ריטם און איז... פאַרשוואונדן.

אָט איז אַן אָנהויב פון זיינס אַ ליד:

אַרום יענעם אָרט,
בלוטיק־נעל איז דאָס גראָז דאָרט,
רויטלאָך זאַמד פינקלט
צווישן גראָז.
און אונטן דאָרט
ליגט דער טויטער קאָפּ בלויז.

זעען מיר אַ בולט בילד און נעמען אינסטינקטיוו אָן אַנטייל אין זיין שילדערן. אָדער ריידנדיק וועגן „טויטע טריט“ ווען די פינצטערניש ווערט גרוי זאָגט ער מיט אַזוי פיל צוטרויען:

איך שרעק זיך פאַרן גלאַנץ פון מיינע אויגן
וואָס די מאַטקייט האָט אין זיך באַהאַלטן,
פאַר דעם שמייכל אויף מיין פּנים
וואָס איז אין מיר פאַרטרויערט.

עס בלייבט צו באַדויערן פאַרוואָס אשר רויזן האָט ניט פאַרט־
נעזעצט זיין גוטן אָנהויב.

„ניואַנסן", אַ מאָנאַט־שריפט, וואָס איז אין יאָר 1921 דערשינען אין 3 נומערן אונטער דער רעדאַקציע פון י. י. סיגאַל, איז אַן צווייפל געווען דער ערשטער ליטעראַרישער זשורנאַל אין קאַנאַדע, אין וועלכן עס האָבן זיך געדרוקט די וויכטיקסטע דיכטער. דער זשורנאַל האָט געגעבן אַ נייעם טאָן דער קאַנאַדער אידישער פּאָעזיע און ליטעראַטור. אויסער י. י. סיגאַל האָבן זיך אין זשורנאַל באַטייליקט פאָלגנדע דיכטער: אַ. ש. שקאָלניקאָוו, ש. שניידער, אשר רויזן, ל. בערקאָוויטש, ש. נעפּאָם און מרדכי מילער. די רעדאַקציע איז געווען אַזאַ שטרענג־קינסטלערישע, אַז דער זשורנאַל איז פאַרבליבן צווישן די בעסטע וואָס זענען אין קאַנאַדע דערשינען.

אין יאָר 1922 איז אין מאָנטרעאַל דערשינען די „עפּאָכע". אַ דריי־מאָנאַטלאַכער זשורנאַל פאַר מאָדערנער ליטעראַטור, רעדאַקטירט פון אַ קאָלעגיום: י. י. סיגאַל, אַ. אלמי, (וועלכער האָט פאַר אַ צייט געוואוינט אין מאָנטרעאַל) און אַ. ש. שקאָלניקאָוו. אויסער זיי האָבן זיך אין זשורנאַל באַטייליקט פאָלגנדע דיכטער: מלך כמיעלניצקי, אסתר סיגאל און צוויי וועלט־אידישע דיכטער: ה. לייוויק און מלך ראַוויטש (אין די ליטעראַרישע זשורנאַלן „ניואַנסן", „עפּאָכע" „רויערד", וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט ערנסט און קינסטלערישן שטרעבן, האָבן באַקאַנטע אידישע דיכטער פון אנדערע לענדער צוגעשיקט זייערע לידער).

# אײדע מאַזע

ווען אײדע מאַזע וואָלט אין די אַלע יאָרן פֿון איר דיכטערישן שאַפֿן אַפֿילו קיין איין ליד ניט געשריבן, און געלעבט, געווירקט, געדינט, געהאָלפֿן און דערמוטיקט און דערהויבן און באַגײַסטערט אַלץ וואָס האָט צוטאָן געהאַט מיט מענטשלאַכקייט און קונסט, וואָלט איר אינטערעסאַנטע פּערזענלאַכקייט אַליין, געוועזן אַ וואונדערלאַכע דיכטערישע דערשײַנונג. צום גליק אָבער, איז ניט געווען קיין איין זאַמלבוך, ליטעראַרישער זשורנאַל, אָדער שריפֿט וואָס איז דערשינען די לעצטע 8 יאָר אין קאַנאַדע, און צומאָל אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, אין וועלכע אײדאַ מאַזעס לידער זאָלן ניט בענטשן מיט דער פֿרומקייט און באַשיידנקייט פֿון איר טאַלאַנט.) טרויער און שטילקייט, צוויי פֿונדאַמענטאַלע אייגנשאַפֿטן פֿון איר דיכטונג, געפֿינען מיר אין אירע ערשטע לידער: אין זשורנאַל „קאַנאַדע“ (1925) זינגט זי:

עס טראָגט דער ווינט מײַנע לידער אין זיך
דערפֿאַר זינגט ער אַפֿט טרויעריק אַזוי
און ברענגט מיר צוריק אײַנציגווייס
אָפּגעריסענע אַקאָרדן פֿון זיי.

און ווען די זון שײַנט אויף העל
און דער ווינט בלאָזט ווייך אַזוי,
דאַן הער איך מײַנע לידער וויינען שטיל
און זיי לײַכטן בלייך אַזוי.

ניט קיין נײַע פֿאָרמען, ניט קיין פֿאַרקנײַטשטער שטערן, ניט קיין פּרעטענציעס אויף יונג אָדער אַלט — נאָר שטילע אײַנפֿאַכע געפֿילן, פֿול דיכטערישן אמת. און שרײַבט זי וועגן נאַטור, וועגן איין איזאָלירטן זון־שטראַל („קאַנאַדע“ 1925), מערקט זיך דיזעלבע שטילע נאַאיוויטעט פֿון אַ צניעותדיקן מענטשן וואָס זעט אַזוי קלאָר אַ קליין געוויינלאַך בילדל:

אַ זאַמדיק בערגל
אַ קליינער קוואַל
אויפֿן זאַמד, אַ זונען שטראַל.

און וועלכער קען אין דערזעלבער צײַט, מיט דערזעלבער אײַנפֿאַכקייט, קאָנצענטרירן אין זיך אויף אייביק אַ מאָס רויען טרויער, וואָס וועט איר גאַנץ לעבן זי באַגלייטן...

ניט קיין בלומען ניט קיין גראַז
וואַקסט אויף מײַן קינדס קבר,
אַ קליינע מצבה, אַ גרויער שטיין,
שטייט און קוקט אויף זיך אַליין.

ניט מיט בלומען, ניט מיט גראַז
וועל איך באַפּוצן מײַן קינדס קבר;
ווי אין האַרצן בײַ מיר די וואונד
מײַן קינדס קבר מוז בלײַבן רוי
ווי ער אין זײַן גרוב,
ווי זײַן שאָטן אין מײַן שטוב...
מײַן קינדס קבר מוז בלײַבן רוי...

אין די לידער פון קאָרמאַנס „אַנטאָלאָגיע פון אידישע דיכ־טערנס" הויבט דער רויער טרויער פון איידאַ מאַזע אָנגעמען פאָרמען פון רעזיגנאַציע, ווען זי זאָגט:

צוליב טאַטע־מאַמע
וואָס זיינען אַלט;
צוליב קינדער
וואָס זיינען קליין,
צוליב זיי
וואָס וועלן ניט פאַרשטיין
מוזן מיר שוין
אַזוי גיין.

וואוהין גיין? און פון וואָס פאַר אַ טרויער געטריבן וואָס מאַכט דעם וועג אַזוי שווער? ענטפערט איידאַ מאַזע:

שווער צו גיין
ביי אַ פינצטערער וואַנט;
דער וועג איז שמאָל,
דערלאַנגט די האַנט;
וועט זיין גרינגער
אַזוי צו גיין;
אין שמאָלן וועג
ביי פינצטערער וואַנט.

טרויער איז געווען דער ערשטער דיכטערישער מאָטיוו פון איידאַ מאַזעס שאַפן — און דערדאָזיקער מאָטיוו פון טרויער (אַזאַ ניט באַגרעניצטע אוניווערסאַלער מאָטיוו) האָט געמוזט זיך קריס־טאַליזירן אין פאַרשידענע פאָרמען פון אורשפּרינגלאַכן מין.

טרויער איז אין איר דערפאַרונג פאַרבונדן מיטן טויט. און טויט איז בא איר געוואָרן דאָס אונפאַרמיידלאַך פאַרגיין פון דער זון, אַזוי אַז ווען זי רעדט וועגן דעם אַלטן גוף פון איר טאַטן וועלכער:

שטרעקט זיינע זיבציק רייפע יאָר
צו דער זון אַרויף.

זינגט זי אַזוי קלוג און גוטמוטיק, אָן דער מינדסטער טריבו־לאַציע:

ווייסט מיין טאַטע אַז ניט לאַנג
וועלן טעג נאָך בלייבן אַזוי שיין;
און ווי די זון וועט ער אויך
שוין מוזן באַלד פאַרגיין.

אָבער מיט דער גאַנצער גוטמוטיקייט פאַרבלייבט דאָך אין האַרצן דער ביטערער געפיל.

פּאַראַלעל אָבער מיטן מאָטיוו פון טרויער, האָט איידאַ מאַזע געשפּונען אַנדערע מאָטיוון ווי: מוטער מאָטיוון, קינדער מאָטיוון, ליבע מאָטיוון, נאַטור און סאָציאַלע מאָטיוון, און אין אַלע דערפילט

מען איבערהויפּט דעם דיכטערישן אמת, ווייל די פֿאָרם איז ניט אַלעמאָל דאָס ווײכטיקסטע אין איר דיכטונג. מוטערלאַכקייט און גוטסקייט איז אַ צווייטע קאַרדינאַלע אייגנשאַפט פון איידע מאַזע שאַפן, איז דידאַזיקע מוטערלאַכע גוטסקייט בולט:

כוואַש מיין קינדס וויקעלאַך
אין קליינעם קלאַרן טייך,
וועט מיין קינד אויסוואַקסן
גרויס, און שלאַנק און גלייך.

און אין זעלבן ליד:

טראַגט קליינע כוואַלעלאַך
מיין וויקעלע אַוועק,
וואו עס וואַשט אַ מאַמע אַן ארעמע
ווינדעלאַך ביי אַ ברעג.

וועט זי אויפהויבן סוויקעלע
וואָס איז אַוועקגעשוואומען
און נוצן פֿאַר איר קינדעלע
טאַ זאָל איר וואויל באַקומען!

אָדער ווען זי פֿילאָזאָפֿירט אין אַזעלכע איינפאַכע, פאַרשטענד־לאַכע, גוטמוטיקע ווערטער, וועגן דעם וואָס הייסט זיין אַ מאַמע:

און וואָס הייסט אַ מאַמע זיין
פון קינדערלאַך־ברעקעלאַך?
אַנטאַן זיי און אויסטאַן זיי
קליידערלאַך און זעקעלאַך.

און וואַכן נאַר און ציטערן;
פֿאַר גישט זיכערע טריט
און אַלעמאָל בעטן נאַר:
באַשיץ און באַהיט!

אין דערדאָזיקער געפיל פון מוטערלאַכער גוטסקייט, מאַניפעס־טירט זיך אפילו ווען זי שרייבט צאַרטע ליבע מאָטיוון ווי (זאַמל־בוך „באַגינען“):

פון מיין טענלאַכער תפילה,
פון מיין זיפץ אין דער שטיל,
ציט זיך אין בענקשאַפט
מיין ליד צו דיר.

אָדער אין זעלבן ליד:

פון מוטערלאַכן שמייכל
צו מיין קינד פון מיר
שמייכלט אַרוים
מיין ליד צו דיר.

נאָר זעלטן שיילן זיך אַרוים פון צווישן די דערוווייל געדרוקטע לידער, אַזעלכע אינטענסיווע, געטרייע און פריידיקע מאָטיוון ווי (אין „באַגינען“):

מיין הארץ איז איבערפול מיט דיין שטילקייט,
מיט דיינע ניט גערעדטע רייד,
און ווי מתנות טייערע

דיינע ניט גערעדטע רייד
היט איך אָפּ דיין שטילקייט — מיין פרייד

און איך שווייג מיט דיר
בויג אָן מיין קאָפּ און האַרד,
נעם אויף איעדן שאַרך;
פון דיין פאַרבאַרגן אויג — איעדן בליק
פון דיינע ניט גערעדטע רייד — מיין גליק.

אין אַלעגמיין אָבער, איז דער „טויט" ביי איידאַ מאַזע אויס־געטאָן געוואָרן פון דאָס גרויל‌אַכע, און מישט זיך אויס מיט די לידער פון ליבע, פון מוטערלאַכקייט, און פון טרויער, אַזוי אַז טויט ווערט ביי איר אַ מין צוריקגיין אַהיים, אַ מין באַהעפטן זיך מיט דער אייביקייט. אַזוי אַז ווען זי זינגט („באַגינען"):

גוט וואָס דו האָסט בוימער און שטיין
פאַרזייט אין דיין געטלאַכן רוים
און וועסט מיר מיטגעבן עפּעס פון דעם
ווען דו וועסט מיך רופן אַהיים.

איז כמעט ניטאָ קיין סימן פון יענעם טרויער וואָס באַגלייט זי אַזוי אָפט.

---

אין די „העפטן" לייענען מיר לידער, וועלכע נעמען אַרום די דערמאָנטע אייגנשאַפטן פון איידאַ מאַזע: טרויער, ליבע און נאַטור שילדערונג.

אָט איז זי אין די בערג און דער אָוונט האָט איינגעוויקלט די שטילקייט אַרום:

עס האָבן באַרג צו באַרג זיך צעגוטוליעט
און איבער זיי דער וואַלד
האָט זיך מיט נאַכט פאַרדעקט
און איינגעשלאָפן.
פון דערווייטנס, באַ אַ זייט,
האָט דער הימל צו דער ערד זיך צוגערוקט
און ביידע אויסגעהערט
די שטילקייט פון דער וועלט.

אָבער באַלד שאַצט זי אָפּ איר וועלט אויף אַזאַ טרויעריקן אופן:

מיין וועלט איז אַ גרוים פאַרלאָזן הויז,
עס וואוינען אין איר נאָר אַ גריל און אַ מויז...

וואָס מער מען לייענט איידאַ מאַזעס לידער אין אַ כראָנאָלאָ־גישן סדר (ווי זיי זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן), אַלץ מער פילט מען איר פעאיקייט. אין כמעט דערזעלבער צייט פון איבערלעבונגען, רעאגירן אויף אַנטקעגנגעזעצטע מאָמיוון:

דערפאַר וואָס בוים טוליעט זיך צו בוים
און באַרג צו באַרג,
און גראָז צו גראָז,
דערפאַר בענק איך נאָך דיר.

דערפֿאַר וואָס שטערן שפּילן זיך מיט שטערן
און רוימען אַרום זיך מיט זילבערנע סודות,
דערפֿאַר בענק איך נאָך דיר.

דערפֿאַר וואָס נאַכט ברענגט מיט זיך חלומות
און וויקלט איין די וועלט אין ציטערדיקער בענקשאַפֿט,
דערפֿאַר בענק איך נאָך דיר.

און אַנדער ליבע־ליד:

עס וואַרטן יעדע נאַכט אויף דיר
די לאָמפּן אין מיין הויז
מיט די העלסטע פֿייערן
קוקן זיי אַרויס.

מיט די וואַרטנדיקע לאָמפּן
העלט אויף אַ דינע ליכט אין מיר.
העל איך אויף מיט אַלע פֿייערן
און וואַרט אויף דיר.

אין איין ליד („אידיש אַמעריקע") רעאַליזירט זי אַז אירע „ניט אויסגעלעבטע זינד" קלאַפּן אין איר טיר:

ניט דורכגעלעבטע מיינע זינד
בעטן זיך צו מיר...

און אין אַ רייע לידער (אויך אין זאַמלבוך „אידיש אַמעריקע") קומט זי נאָכאַמאָל צוריק צו אירע אומעט איבערלעבונגען און טרויערט:

מידע מיינע שעהן,
שווערע מיינע טעג,
מחנות שוואַרצע קראָען
פֿליען דורך מיין וועג.

אָדער:

אַרום מיר איז אַלץ
ווי אַמאָל געווען,
נאָר מיט מיר אַליין
איז עפּעס וואָס געשען.

אָדער:

וואו זאָל איך אַוועק
אַזוי איינע אַליין,
אַז מיין מזל איז שווער
און מיין קינד אַזוי קליין
און שמאָל אַלע וועגן
און פֿון קינד דאָס געוויין,
וואו זאָל איך אַוועק
אַזוי איינע אַליין.

און אַנטבלויזט פֿאַר אונז איר האַרץ און ווייזט אַז דאָס ביסל פֿרייד און ליבשאַפֿט וואָס פֿאָדערט גערעכטיקייט ביי איר אייגענער

יוגנט, ווערט אזוי אָפּט איבערגעוועלטיקט פון דעם גרויסן טרויער וואָס קוועלט און פארפלייצט איר אזוי עמפינדלאכן געמיט.

אין די זשורנאלן „קינדער וועלט” און דערנאָך אין „קינדער זשורנאל” דרוקט איידא מאזע א סעריע קינדער לידער (טיילן פון איר נאָך ניט איינגאנצן געדרוקטן בוך „אין יאָסאָלעס וועלטן”). אָט אידענטיפיצירט זי זיך מיטן חלום פון א קינד, מיט א שמייכל אויף די ליפּן, מיט א געוויסן קינדערשן הומאָר און זי זינגט אויף א קינדערישן אופן:

כוואלט וועלן זיין,
כוואלט וועלן זיין,
כוואלט וועלן זיין א האז,
און נאכלויפן נאך העזלאך
וואָס שפּרינגען אום אין גראז.
כוואלט וועלן זיין א זיידע
מיט א לאנגער ווייסער באָרד
און אומגיין מיט א שטעקעלע
קוים רירן זיך פון אָרט...

און אָט זינגט זי וועגן קינדער, מערקט זיך אויך די פריידיקע שפּילעוודיקייט:

גייט אין גאָס א רעגנדל,
גייט ער זיי אנטקעגן,
וואַקסן מיינע קינדערלאך
ווי בלומענלאך אין רעגן.

אָדער די נאאיווע נאטור באוואונדערונג, וואָס א קינדערישע פאנטאזיע קען מאָלן:

אזוי שיין,
אזוי שיין.
די נאכט וועט אייביק
אזוי שטיין
צוגעבונדן מיט א שלאָף
אין א גאָלדענעם רייף
דעם גאנצן הימל פארכאַפּט
מיט מיליאנען שטערן צוגעקלאַפּט,
אזוי חכמהדיק שיין
די נאכט וועט אייביק
אזוי שטיין.

און ווייל איידא מאזע איז א מאמע וואָס קען די וועלט פון קינדער, לעבט זי זיך אריין אין דער פאנטאזיע פון זייער לעבן און השגה, ווי:

שטייט דער אָנבייסן שוין פאַרטיק
און דער זייגער האַלב נאָך אַכט,
נאר יאָסעלע איז שטאַרק פאַרנומען,
ביי אים איז איצטער האַלבע נאַכט.

פארוואָס איז יאָסעלע אזוי געשפּאַנט? ווייל

אַלע זעלנער אויסגעשטעלט
מיט דעם וואָפן אין די הענט
און דער ים אין מיטן שטורעם
און דעם שונאס שיף דאָרט ברענט.

אַט דערציילט זי וועגן אַ חלום פון אַן אינגל, טוט זי דאָס אַזוי איינפאַך, אידישלאַך, און מען זעט ווידער באַצויבערטע ביל־דער פון אונזער אַלעמענס קינדהייט אין דער אַלטער היים:

די מאַמע האָט פּאַרפּוצט אונזער הויז אַזוי פיין
מיר האָבן שוין מצה, מיר האָבן שוין ווייַן.
אונז אַלעמען, האָט מען באַפרייט פון חדר
און איך קען שוין די קשות פרעגן ביים סדר.

און אַזוי דער גאַנצער צויבער פון אַ סדר־נאַכט. און וויל איך אילוסטרירן דעם שטילן הומאָר וואָס איידע מאַזע שעפּט פון דער קונדייסים־וועלט ציטיר איך:

אַלע שרייען זיי אויף מיר
„טשעפּן ניט די טינט און פּען"!
מוז איך שרייבן מיינע בריוו
אַז קיינער זאָל ניט זען.

אין אַ ווינקל אונטערן טיש,
וואו עס זעט מיך קיינער,
נעם איך טינט און פּענעס מיט
און שרייב מיט יעדער איינער.

גיס איך טינט אַן אויפן דיל
און שרייב שוין מיטן פינגער
איז העפט צו שרייבן נעמט צו לאַנג
אויפן וואַנט איז גרינגער.

איך שרייב זיי גוטע שיינע בריוו,
פון זאַכן אַלערליי
און איך זיץ דאָך אַזוי שטיל,
טאָ וואָס זשע שרייען זיי?

מיטן געפיל פאַר גערעכטיקייט וואָס איז כאַראַקטעריסטיש צו איידע מאַזע, וואָלט געוועזן כמעט אונמעגלאַך אַז איר מוזע זאָל ניט רעאַגירן אויף סאָציאַלע מאָטיוון, און האָט זי געשריבן אַ ציקל לידער אויף געזעלשאַפטלעכע טעמעס. דאָרט שטעלט זי אַוועק די אינטימע פראַגע: צו וועמען זי געהער? ענטפערט זי מיט זיכער־קייט:

איך געהער צו יענע פרויען
וועמעס מאַן איז ניט קיין העלד
ניט ביים יאַגד אין וועלדער,
ניט אין געיעג נאָך געלט.
איך געהער צו יענע פרויען
מיטן לעבן אָנפאַרטרויט
צו אַ מאַן — ווי אַלע מענער
וואָס זוכן שווער דאָס ברויט.

און זי ענדיקט דאָס ליד:

איך געהער צו יענע פרויען
פון יאָר און הויזגעזינד
וואָס צירן זייערע העלדזער
מיט די אָרעמס פון אַ קינד.

ווער קען נאָך אזוי גוט ווי איידע מאַזע די אָרעמע גאַס? דערציילט זי טאַקע:

אין אַרעמע גאַס וואו אַרעמע וואוינען
הענגט דער הימל אַ צעבויגענער
איבער קרומע דעכער.

אין אַרעמע גאַס וואו אַרעמע וואוינען
הענגט דער יאָך אַ באַלאַרענער
איבער רוקנס אויסגעבויגענע.

אין אַרעמע גאַס וואו אַרעמע וואוינען
גייט דער רעגן פויל און לאַנג
אויף גרויע ווענט מיט טעמפּן קלאַנג.

דער קלאַס, וועמעס ווייטיק איידע מאַזע ווייטיקט, מיט דער אָרעמער גאַס, וועלכע זי קען אזוי גוט, צווינגען איר צו דערטראַכטן זיך צום פּראָבלעם אַז:

עס בעט זיך אַ וועלט אויף צו בויען
מיט געזונטע, מיט ערלאַכע הענט.

און:

עס בעטן זיך אַרבעטער פליצעס
צו טראָגן אויף זיך אַט די ווענט.

אָבער מיר לעבן אין אַ געזעלשאַפט וואו אַרבעטער הענט זענען ליידיק:

און עס נידערן אַרבעטער אויגן
פאַרשעמטע אויף ליידיקע הענט.

אין אַזאַ געזעלשאַפט, איז קיין וואונדער ניט וואָס איידע מאַזע חלומט חלומות פון ברויט:

איך טראָג זיך אַרום מיט אַ חלום באַהאַלטן,
עס האָט אַ הונגעריק קינד מיר דעם חלום פאַרטרויט.

ווערט איר פילנדיק האַרץ פאַרוואונדעט און זי פרעגט:

פאַרוואָס איז עס אַזוי
און פאַרוואָס איז עס אַזוי,
אַז די געשטראָפטע
שטראָפן זיך אַזוי,
און די פאַרשעמטע
שעמען זיך אַזוי
און די פאַרלוירענע
באַהאַלטן זיך אַזוי
און די פאַרשאָלטענע
שעלטן זיך אַזוי,
פאַרוואָס איז עס אַזוי,
אוי, פאַרוואָס איז עס אַזוי?

און זי קאָנסטאַטירט מיט באַדויערן:

אַזוי פיל קייטן שוין צעריסן
און נאָך קיינעם ניט באַפרייט.
שוין אַזוי פיל דאָ דערלייזער
און די דערלייזונג איז נאָך ווייט.

און מיט איר מוטערלאַכקייט בעט זי מיט אויפריכטיקן באַ־דויערן:

האסט דעם פייער פון אַ גלויבן
אין אַזוי פיל הערצער אַנגעצונדן,
נאַר מיר האסטו פאַרפעלט...

טוט איר אַזוי באַנג דערפאַר, און זי זאָגט:

ווי גערן וואלט איך אין דיינע טעמפּלען קניען,
דו גרויסע נייע וועלט,
און גערן וואלטן מיינע טריט
צו דיינע מזבחות טרעטן
און מיינע ליפּן
וואס האבן צו אַזוי פיל געטער שוין געבעטן
זיינען נאכניט מיד געוואָרן.

שולדיק אינגאַנצן פאַרפעלט ווערן פון דעם גלויבן איז נאָר צוליב דעם וואָס:

מיין אויג נאַר פון אַזוי פיל זוכן
האט דעם וועג פאַרלוירן
אַז מיין הארץ איז אַ תפילהדיק געצעלט,
קום צינד אַן אין מיר
דעם פייער פון דיין גלויבן
דו גרויסע נייע וועלט.

און אַז דער וואונטש איז אַן אויפריכטיקער באַווייזט איר אָדע צו רוסלאַנד:

מיט דיין איינגן בלוט האסטו ריינגעוואַשן דיין זינד.
פון אַ נייער זון באַשטראַלט, האסטו געבוירן דיין ניי קינד,
דו גליקלאַכע מוטער פון פרייהייט.

די פאַרגאַפּטע וועלט אַרום דיר
האט טויב פאַרנומען דיין שאַלן
און מיט אויגן האַלב־פאַרמאַכטע
געקוקט אויף דיינע אויפגייענדיקע שטראַלן.

און:

נאַר דו אַליין, דו פיל געליטענע,
ביסט פעסט געבונדן אין דיין גלויבן,
די וועלט אַרום דיר אַ געבויגענע
וואַרט פאַר דיין דערהויבן.

אָבער אויב אין דידאַזיקע מער וויניקער טענדענציעזע סאָ־ציאַלע מאָטיוון, ליידן אַביסל פון איר סטיל, האָט זי אָנגעשריבן אַ גאַנצע סעריע סאָציאַלע לידער, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטישער פאַר איר מוטערלאַכקייט:

מיט מיינע שמאָלע פּלייצעס,
מיט מיינע שוואַכן רוקן
העלף איך וועלטן בויען,
העלף איך וועלטן שטופּן.

אַרויף דעם באַרג דעם שמאָלן
מיט אַלעמען אינאיינעם,
פּרואוו איך חכמות קלערן
מיט מיין קאָפּ דעם קליינעם.

אָדער:

גאַטס טישן שטייען הויך
מיט פיש און וויין געדעקט,
סאיז שווער זיי צו דערלאַנגען
מיט הענט פאַרויסגעשטרעקט.

געשטאַנען אויף שפּיץ פינגער
און קוים דאַס שפּייז געזען,
איז בעסער שוין דעם פויגל
וועלכער פליען קען.

איז בעסער שוין דעם וואָרים
וואָס לעבט אונטער דיין פוס,
ווי דיר וואָס ווייסט פון הונגער
און ווייסט פון איבערפלוס.

אויך טליעט אינם האַרץ פון איידע מאַזע אַ ליבע באַציאונג צום שבת קודש, זינגט זי:

שבת צו נאַכט, שבת צו נאַכט,
מיר פון וואַנדערן און אַפּגעשוואַכט
שטייסטו ביי מיין טיר קוקסט אַריין,
זוכסט אַן אָרט פאַר זיך,
דעם אַלטן כוס מיט וויין.
די באָבע איז שוין לאַנג אַוועק
און דער מאַמעס לאָמפּ האָט אויסגעצאַנגט די שיין
און איך דער באָבעס איייניקל
שפּרייט מיין טיש פאַר דיר,
קום אַריין.

---

ערשט ניט לאַנג איז דערשינען איר ערשטער בוך לידער „אַ מאַמע" (געדרוקט אין מאָנטרעאַל 1931, 96 זייטן). אין דעם־דאָזיקן בוך האָט זי אויסגעוויינט די טרער פון אומצייטיקע מאַמעס אין דער וועלט, באַשיידן און מוטערלאַך, אַזוי צנועהדיק:

נידערט, נידערט מיינע לידער
אין דער נידער, אין דער נידער
צו די שטילע, צו די שטומע
זייט ווי תפלות — שטילע, פרומע.

און אין זעלבן ליד:

וואו אַ קראַנקער, וואו אַ מידער
נידערט, נידערט מיינע לידער.

האָט זי זיך געווענדט צו די מאַמעס און צו זיי אַזוי געזאָגט:

איך ברענג רו פון בית־עולם
צו אייך מאַמעס פון דער וועלט.

כאָטש קיינער ווייסט ניט בעסער פון איר אַז:

אין וויען גייט אויף די שטומע פאַרטרויערטע ליבשאַפט
אין הערצער ביי מאַמעס, האָט גאָט אַזאַ ליבשאַפט פאַרזייט:
וואָס וועט ער זאָגן צו מאַמעס מיט חרובע הערצער,
ווי וועט ער זיי טרייסטן פאַר זייער צעבראָכענע פרייד?

און כאַטש איידע מאַזע, די פּילנדע מאַמע אויף דער וועלט, פאַרגעסט פאַר אַ מאָמענט די רו וואָס זי ברענגט פון בית־עולם, און קומט אהין אין לבנהדיקע נעכט וויגן איר „בערגעלע" און זינגט:

די לופט דאָ אַזוי גוט און שטיל
און ווייך דאָס גראָז צום ליגן
און ביי מיין זייט אַ בערגעלע —
איך קום ביינאַכט אים וויגן.

דאָ שטייען בערגעלאך אַ סך,
בערגעלאך איינזאַמע,
נאָר ביי מיין זייט דאָס בערגעלע
דעם בין איך אַ מאַמע.

דורך לבנהדיקע נעכט
בין איך דאָ געזעסן,
לבנה סודות אויסגעהערט
און האָב זיך שיעור פאַרגעסן

אַז ניט די לבנה היט איך דאָ
ניט די בערגעלאַך איינזאַמע,
נאָר דעם קליינעם בערגעלע
וואָס אים, בין איך אַ מאַמע.

אמת, איידע מאַמע האָט טאַקע אויסגעטאָן דעם גרויל פון טויט, אָבער ניט זיין טרויער, און וויפיל די דיכטערן, זאָל ניט וועלן ברענגען רו צו די מאַמעס פון דער וועלט, הערט זי אַליין ניט אויף וויינען און בעט זיך:

רעגן, רעגן איבער מיר
ניט הער אויף צו גיין,
עס זאָל מיין קינד, דאָ ביי מיין זייט
ניט הערן מיין געוויין.

אָדער פרעגט:

פאַרוואָס קענט איר ניט
איר ווייסע שנייען
אויף מיין האַרץ אַזוי פאַרווייען
ווי איר האָט פאַרווייעט
און פאַרשטעלט
דעם בית־עולם פון מיין וועלט.

אָדער:

עס בלאָזט פון דרום איצט דער ווינט,
עס איז שוין פרילינג איצט מיין קינד,
קום צוריק מיין קינד.

הערסט מיין קינד ניט מאַמעס קול
וואָס רופט און רופט דיך אַלעמאָל?
זעסט מיין קינד ניט מאַמעס האַרץ
וואָס זוכט דיך טאָג און נאַכט אַרום?
אין יעדן גרעזל, אין יעדער בלום
און וויינט אַריין אין דרום ווינט:
קום צוריק, מיין קינד!

דערפאַר איז קלאָר אַז ניט קיין רו ברענגט זי צו די מאַמעס

נאָר דינעם, שטילן טרויער, וואָס דרינגט אריין אינגאַנצן באַוואוסט־
זיין. איך וויל פאַרענדיקן מיט אירס אַ קליין פאַרוויגנדיק ליד:

איבער וויקעלאַך,
איבער וויגעלאַך,
הענגען מעשהלאַך
פון ווייסע ציגעלאַך.

זיי שטיל און שלאָף איין
מיין ליכטיקע שיין.
עס ווינט די לבנה
אַ שטערנדל איין.

שטאַרק איז דער שטורעם,
בייז איז דער ווינט,
שלאָף איין מיין קינד,
שלאָף איין מיין סינד.

„באַגינען” לידער זאַמלונג (100 זייטן) רעדאַקטירט פון אַ רעדקאָלעגיע, איז דערשינען אין טאָראָנטאָ, אין יאָר 1928. באַטייליקט האָבן זיך אויסער אײדע מאַזע, אסתר סיגאַל, א. ש. שקאָלניקאָוו, ש. נעפּאָם און נחמיה סיגאַל פון דער „עלטערער גוואַרדיע”, די קאָמוניסטיש געשטימטע יוגנט: שלום שטערן, בנימין קאַץ, מ. גרינבערג, מ. קרייצער, א. ניסנעוויטש און מ. סעגאַל, וועלכע האָבן מיט דער זאַמלונג געוואָלט אונטערשטרייכן אַ „נייעם” אָנהויב אַ „באַפרייאונג” פון דער אַנערקענטער ליטעראַרישער פּידערשאַפט, אַ ווילן צו ליטעראַרישער זעלבסטשטענדיקייט — אַ שטיקל רעוואָלוציע, אַ געשריי פאַר אַנאַרקענונג... „באַגינען” איז פון דער קאַנאַדישאידישער קריטיק אויפגענומען געוואָרן אָדער אינגאַנצן נעגאַטיוו, אָדער מיט פריינטלאַכער אַנאַרקענונג. מיט דער צייט האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז איניקע פון דער יונגער גרופּע האָבן טאַלאַנט. וואָס שאַפן מיט ליבשאַפט זייער בייטראַג צו דער קאַנאַדער דיכטונג.

## נחמיה סיגאַל

נחמיה סיגאַל (אַן עלטערער ברודער פון י. י. סיגאַל), האָט אָנגעהויבן דיכטן ערשט נאָכדעם ווען דער יונגסטער ברודער (י. י. סיגאַל) איז שוין געוואָרן אַ ווייט אָנגעזעענער דיכטער. מיט אַנדערע ווערטער האָט נחמיה סיגאַל פאַרשפּעטיגט. עס פילט זיך אין זיין שרייבן דער איינפלוס פון השכלה און פון די ערשטע העברעאישע פּאָעטן. פּונקט ווי זיי דיכטעט ער פאָלקסטימלאַכע מאָטיוון וועגן שבת מלכתא, צום פאַפּירענעם בריק צום משפּט, דער סדור, די לויה און אַנדער ענלאַכע פאָלקסטימלאַכע סוזשעטן; האָבנדיק אָבער אַ פּאָעטישן אויער און נאַטירלאַכן שפּראַך־קוואַל, געלינגט אים אָפט שילדערן די אַטמאָספערע פון שבת מלכתא:

נאַך טליעט אין מערב אַ שטראַל,
עס מישט זיך שוין פינצטער מיט ליכט,
פון מזרח דער נאַכט־שוואַרצער שאַל,
צעשפּרייט זיך פאַמעלאַך און קריכט.

און ווייל ער איז איינגעטונקען אין בית־המדרש דאָגמאַטיק, און נעכטיקע פאַרעלטערטע פאָרמען פון אַרום בית־המדרש, זינגט ער אין דער זעלבער באַלאַדע:

וואַרפט יעדער זיין אַרבעט אַוועק,
קלינגט מיט שיר־השירים זיין ליד.

אָדער:

„לכה־דודי" מיין פריינט, קום מיט מיר,
מיט ליבשאַפט דיך ברענגען אין הויז,
די שכינה דאַרט וואַרט אויף מיין טיר
ווי אַ מאַמע שטרעקט זי זי אויס.

„בואי בשלום" מיין קינד,
קום גלייך דיינע גלידער זיך אויס,
זעקס טעג זיך געיאָגט נאַכן ווינט,
דעם זיבנטן, רו אין מיין שויס.

מיט ליבשאַפט איז אָנגעפילט זיין האַרץ פאַר אוקראַינע, זיין ליב געבורטס־אָרט, דערמאָנט ער זיך:

אויף די אוקראַינער סטעפּעס וואו ס'איז אויסגעשפּרייט
ווי אַ גרינער טעפּיך גאַטס געבענטשטע פעלד,
גאָלדיק גרינע גראָזן ווייט סאָוויג דערזעט,
אַ שפּייכלער ברויט מיט חלה פאַר דער גאַנצער וועלט.

סטאַדעס שאָף און רינדער עסן דאָרט צו זאַט,
טרינקען פון די ריטשקעס גאַטס געבענטשטן טוי,
וואַס לויפן דאָרט פאַמעלאַך ווי סאַמעט־סטענגעס — גלאַט
און שפּיגלען אַפּ די הימלען זילבער, ווייס און בלוי.

און מיט גרויס באַגייסטערונג זינגט ער אויטאָביאָגראַפיש און איבערצייגנד:

אין יענעם וועלט גן־עדן צווישן לאַנקעס גרינע,
צווישן בערג ווי בריסטן פון יונגער מאַמע
וואַס זעטיקט אַן איר זויגלינג מיט אַ צאַרטער מינע
און ציען זיך נעקייטלט אַרום דער פאַנאַראַמע.

דאַרטן וואו מיין ווינגל מיט מיין מאַמעס לידל
און מיין קינדעריש הערצל ווי סטרונעס פון אַ פידל,
פלעגט זיך ריטמיש שאַקלען, קלאַפּן טאַקט צו ניגון
געוויינט און זיך געפּעשטשעט פון דער מאַמעס וויגן.

און וויל ער אויסדרוק געבן צו זיין „נאַציאָנאַלן" צער און האָפנונג, טוט ער עס ווידער זייער אַלט־מאָדיש, באַקאַנט אָבער דאָך טאַלאַנטירט:

מיר האָבן פון עבר די בריקן געצונדן,
אין ימים דערטרונקען פאַרגאַנגענע טעג,
פאַרבלוטיקטע יאָרן אין חושך געבונדן,
מיר קערן זיך מער ניט צוריק אויף דעם וועג.

מיר וועלן די וועגן פול בלוטיק באַפלעקטע
מיט שטעכיקע דראָטן פאַרפלאָכטן אַ צוים,
די סטעזשקעס די שמאָלע פול דערנער באַדעקטע
מיט פייער באַשפּריצן, פאַרפלייצן מיט פלאַם.

ס'איז אמת אַז אונטער ד׳ לידער שטייט ניט יענע קינסטלערישע פּערזענלאַכקייט, וואָס זאָל זיי געבן אַ מער באַשטימטען פּאָעטישן כאַראַקטער, נאָר גיכער אַ שילדערער פון אויסערלאַכן, אין „פאָרמען" וואָס געהערן מער צום ווייטן נעכטן אין דער אידישער דיכטונג.

# א. ל. סעלצער

א. ל. סעלצער, א דיכטער וואָס האָט ניט געקענט שלום מאַכן מיטן לעבן (און דערפאַר באַגאַנגען זעלבסטמאָרד). אין די לעצטע טעג פון זיין יונג־לעבן האָט ער אָנגעשריבן ס'פאָלגנדע ליד און עס געגעבן דעם דיכטער בנימין קאַץ פאַר די „העפטן“:

ווינג מיך איין —
סאיז גוט אַזוי צו זיין פאַרוויגט
און הערן ווי מזינגט אַ ליד
וויג מיך, וויג מיך איין.

איך חבר זיך מיט אַ שלאַנקן בוים
און בין פאַרליבט אין אַ ווילדן שטיין
און האָב ליב אַזוי צו זיין מיט זיי.

סמאַכט דער טאָג די אויגן צו
סבאָט זיך אַ לעצטער שטראַל
אויף די בערג — אַ חלום געקליידט אין וואַקאַל —
דערציילט סודות פון דער נאַכט.

כגיי אַנגעטאָן אַ הייליק קלייד פון טוי,
ווי דער טאָג ווי די וואַסער־בלום,
אַזוי רואיק מאַך איך די אויגן צו —
וויג מיך, וויג מיך איין.

דאָס ליד אָטעמט מיט רעזיגנאַציע. עס ציט אים צו נאַכט, צו רו. זיינע חברים זיינען: אַ ווילדער שטיין, אָדער אַ שלאַנקער בוים, און זיין געבעט איז „וויג מיך איין“. עפּעס אַן אַנזאָג אויפן טרויעריקן סוף. א. ל. סעלצער האָט געדרוקט לידער אין „רויערד“ רעדאַקטירט פון שקאָלניקאָוון. ליבע מאָטיוון און סאָציאַלע מאָטיוון:

גלאַנצן אירע
שוואַרצע בלישטשנדיקע אויגן
אין דער נאַכט אַריין:
שפּיגלט זיך מיין פּנים
אין די פינקלדיקע שטראַלן
פון אירע ליכטיקע אויגן.

דאָס בלוט — ברויזט שטיל
עס הויבט זיך די ברוסט;
אין שטילקייט
פאַלט איר אָטעם אויף מיר.

פאַלן אירע ליפּלאַך
ווי וויינטרויבן פון בוימל
אויף מיינע ליפּן;
דופּטיק דער זאַפט
אין מיין האַרץ אַריין.

אָדער אַן אַנדערע שילדערונג: [1]

עס שלאָגט הויך דער פּולס,
עס קלאַפּט האַסטיק דאָס האַרץ
און ספיבערט מיין גוף,
אָטעם, נאָך אָטעם הויך איך אויס
אין דער שטילער נאַכט אַריין.
און אַ מידער שלאָף איך איין.

און ווייטער:

וועקט דער פרימארגן מיך אויף
וויש איך אויס די אויגן,
בינד אַרום מיינע צעקלאַפּטע פינגער
און לאָז אין נאָס זיך אַרויס
זוכן ברויט...

א. ל. סעלצער האָט ליב דאָס פעלד, דעם דאָרף דאָס נוצלאָכע לעבן פון פּויער, זיין כשרע אַרבעט, און ער גיט אויס־דרוק צו זיין ליבע, אין אַ גרויס ליד „זאַט פעלד“, געדרוקט אין „רויערד“:

קילט פאַרנאַכטיק, שטיל דאָרף,
רויטלט זיך מערבדיקער זון־אונטערגאַנג.
ניט אַ שפּיגל אין פענצטערל, אַ דורכפליענדיק פויגעלע
פליט אין נעסט אַריין.
שפּרייט זיך זאַפטיקער טוי אויף פויערשע הייזלאַך אויס
שלאָפן הינער אויף לייטערס איין.
מיט שוואַרץ ברויט און מילך ווינט מען קינדער איין.
שווימט רואיקע, דאָרפישע נאַכט אַן.
ציט מען טורעצקע פאַרהענגלאַך
איבער פענצטערלאַך אַריבער
און סשלאָפן געזונטע פויערים איין.

אַ שאָד וואָס א. ל. סעלצער איז אַזוי יונג געשטאָרבן. עפּעס האָט אין אים געטליעט אַ פונק וואָס איז נאָך צו קיין באַשטימטן אויסדרוק ניט געקומען. זאָלן די עטלאָכע שורות זיין אַ גוט וואָרט אויף זיין פּריצייטיקן קבר.

## בנימין קאַץ

בנימין קאַץ איז געקומען אין קאַנאַדע אַ יונג אינגל, און דאָ באַקומען זיין דערציאונג. אין יאָר 1928 האָט ער פאַרעפנטלאַכט אַ ביכל דערציילונגען און צוויי איינאַקטערס, און אָפט געדרוקט לידער אין דער קאָמוניסטישער פּרעסע. זיין ערשטע סעריע לידער אין זאַמלבוך „באַגינען“ אָטעמט מיט — פּראָלעטאַרישן פּראַגראַם, מיט דער טענדענץ פון וועלן אריינזווינגען אין זיך דאָס „מוטיקע וואָרט“ פון „שעפערישן שיכט“ טראַץ דעם וואָס דער דיכטער אין אים, זינגט אָפט מאַלעריש:

אין זילבערנעם שיין פון פאַרוואָרפענע דערפלאַך,
אין גלאַנץ פון פאַרשפּרייטע, ווייס־ליכטיקע שטרעקעס,
גייט אויף נאָך אוקראַינישע פעלדער אַ בענקשאַפט
נאָך לאַנקעס און טייכן און היימישע וועלדער.

אָדער:

אין בלויע קאַיאָרן
ווערט האַרציק דער מענטש
און געלייטערט זיין וואָרט.

די פּאָר ציטאַטן באַווייזן אַז בנימין קאַץ פאַרמאָגט אַ דיכ־טערישן „פונק“ וואָס וויל ניט און קען זיך ניט אונטערוואַרפן דעם פּובליציסטישן באַפעל פון פּאַרטיי מענטשן קאַץ, און דערדאָזיקער פונק קומט צום אויסדרוק אפילו אין סאַמע מיט פון דער געוועג־לאַכסטער פּראָלעטאַרישער פּרעדיק, וואָס די מערסטע לידער זיינע אין „באַגינען“ שטעלן מיט זיך פאָר. און ווייל מיך אינטערעסירט מער דאָס קינסטלעריש וואָרט איידער די טעמאַטיק, זוך איך די דיכטערישע שורות און פריי מיך, וואו נאָר איך געפין זיי; אָט געפין איך אין „גרויסע“ לידער אין „קאַמף“ אַזעלכע איינציקע ערלאַכע סטראָפן:

איבער שטעט און איבער דערפער, איבער מיילן איבער שטרעקעס
האָבן מיר פאַרצויגן, האָבן מיר צעצויגן הענגנדיקע דראָטן!

אָדער אַזאַ איינדרוקספולער אָנהויב פון אַ גרויסער פּובליציס־טישער פּראָקלאַמאַציע, ניט קיין פּאָעמע:

פינף יאָר — אויף געדענקען און געדענקען!
אַזאַ אַפגלאַנץ, אַזאַ זכר, אַזאַ אָנדענק —
ערשטע פינף, ערשטע שווערע, ערשטע זיגערישע יאָר
סאיז וואָר און לויטער וואָר,
אַז אין פאַרמעסטונג מיטן וואָרט,
אַז אין פאַרמעסטונג אין עקשנות
האָבן מיר אין וואַכעדיקן גאַנג
שוין לאַנג, און לאַנג
פאַרזייט ווי מיט יאַ־ערדיקע קערנער.

דערדאָזיקער „פונק, צווינגט בנימין קאַצן זיך אַליין דיסציפּ־לינירן און רייניקן זיין ליד, רוט ער ניט און פאַרעפנטלאַכט באַלד אַ בוך לידער אונטערן נאָמען „ספּעדיינע“ (געדרוקט אין טאָראָנטאָ

יאָר 1930, 64 זייטן). שוין אַן ערנסטערע באַציאונג, סיי אין דער טעמאַטיק, סיי אין דער פאָרם. די פּאָעמע „ספּעדיינע“ איז דאָס געזאַנג פון אַ גאַס וואו עס געפינען זיך קאָנצענטרירט די אַלע לאָקאַלן פון די פּראָגרעסיווע באַוועגונגען אין שטאָט:

וואו טונקעלע שאָטנס דערגענצן די טעגלאַכע זאָרגן
ביז שפּעט אין דער נאַכט,
אין קריג, אין געשרייען, אין ווייטיק
וואָס גייט אויף ווי דער רויך פון ליולקעס.

די פּאָעמע דערציילט אויך פון אַ יוגנט וואָס האָט געשטראַמט אַהערצו פון פאַרשידענע לענדער, און האָט זיך דאָ אַריינגעיאָגט אין פאַבריקן וואָס האָבן:

צעמישט זייער לשון,
צעשטויביקט זייער חלם.

זינגט דער דיכטער:

האָבן ליכטיקע מאָרגנס
זיך שטיל אַנגעצונדן
הינטער גראַטעס און פענצטער
און האָבן געוואונקען, און האָבן גערופן
און זיינען פאַרגאַנגען
אין רויש פון געשווינדל.

און אין זעלבן ליד:

אין אָוונט פלעגט קומען די מידקייט אַנטקעגן
און אויף רויט גאָלדיקע טאַצן האָט פרייד זיך געטראָגן,
פלעגט הלום צעגלאַנצן, ווי זילבער ראַקעטן
און לאָזן אַ בענקשאַפט, אַ ווייטיק
וואָס קריצט אויף די ליפּן אַ קללה.

דער דיכטער ב. קאַץ בענקט „ערגעץ־וואו“ זינגט ער:

ערגעץ־וואו וואָלט בענקשאַפט אויפגעהערט,
ערגעץ־וואו וואָלט גליק אויף סטרונעס מענטשלאַכע
צעשפּילט
— ערגעץ־וואו

און דער באַדייט דער דיכטערישער פון די פּאָר פּערזן, איז פיל מאָל „פּראָלעטאַרישער“ איידער די פיל פּראָלעטאַרישע טענדענציעזע לידער „פון פויפּסט“ „פון מוסאָליני“, פון „מיינער“, „בריוטרעגער“ און „מאַטראָז“. דידאַקטיקע פּראָפּאַגאַנדע לידער, וועלכע ב. קאַץ האָט פריער געדרוקט אין דער פּאַרטיי צייטונג, האָבן ניט געדאַרפט אריינגענומען ווערן אין בוך „ספּעדיינע“, ניט חלילה ווייל זיי זיינען „רעוואָלוציאָנער“, נאָר איינפאַך דערפאַר ווייל סאיז פּובליציסטיק׳ ניט קיין דיכטונג. אויך די גרעסערע פּאָעמען זיינען: „די ווילד־הריגה“, און „מאָנטרעאל“ וואָלט בנימין קאַץ אַליין געדאַרפט אַזוי איבערדיכטן אַז פון זיי זאָל ווערן פּאָעמען — ניט פּובליציסטיק, ווי זיי זיינען עס איצט. און אַז ב. קאַץ וואָלט געקענט (ווען ער איילט זיך ניט אַזוי) דיכטן קאָנצענטרירטער און

קינסטלערישער, באווייזן טיילן פון זיין גרעסערער פּאָעמע „אויפן רוקן פון ניאגארא. אָט קוקט ער אויפן וואונדערלאכן וואסער־פאל און מאָלט אזוי בילדלאך און געדאנקען־פול:

און קוקסטו נענטער ארונטער
זעסטו,
ווי עס גייען וועלטן אונטער
נעל און וויים און צונטער.

און אין אייביקן געשווינדל
איז דורכזיכטיק
דער נעפל־זייל
וואָס טראגט א גרוס
צו הימל און צו וואלקן
פון בייזוואונדער,
פון איינעם פון די זיבן וואונדער
אויף דער וועלט.

און אין זעלבן געזאַנג:

רוישט און רוישט און רוישט דאָס וואסער
צונויפגעלאָפן פון אַלע קוואלן
יאָגן זיי און שאַלן
פון באַגער
וואָס האָט פאַרטראגן זיי אַהער.

און איך האָב דעם איינדרוק אז מען האָט א רעכט פון בנימין קאַצן צו דערוואַרטן מער דיכטונג, ער מוז שלייפן זיין ליד, און זיך ניט יאָגן מיט דער אויבנאויפיקייט, איך וואָלט געזאָגט גרירנשאצונג, וואָס כאראקטעריזירט א גרויסן טייל פון זיין ארבעט.

אין דער קאָמוניסטישער פרעסע, אין די פּאָר זשורנאַלן, „אין געווירבל" און „העפטן" האָבן זיך אויך באטייליקט, אויסער די פריער דערמאָנטע: מ. וואָלינער, גרשון פּאָמעראַנץ, אברהם נייער, אהרן ברייטמאַן און וולאדימיר קראַסני. א טייל פון זיי האָבן געדרוקט נאָר איינציקע לידער, אנדערע מער — ניט גענוג אָבער פאַר א געוויסענהאפטע ליטעראַרישע אָפּשאצונג. איך וויל אָבער אז אין דער רשימה פון די קאַנאַדער אידישע דיכטער, זאָלן אַלע אפילו די באשיידנסטע, געפינען א פּלאַץ. אפשר וועט עס דינען פאַר א שטאַרקונג און דערמוטיקונג.

## גרשון פּאָמעראַנץ (פּסעוודאָנימען: אַ נייער, גרשוני)

גרשון פּאָמעראַנץ האָט אָנגעהויבן שרייבן אין פּוילן ווען נאָך זייער יונג, און באַלד געצויגן אויף זיך אויפמערקזאַמקייט. געקומען איז ער מיט פרייד אויסגעשרייען, מיט אַ געווויסן אימפּעט און מיט אָפּטימיזם:

עפן הימל
טיר און טויער,
איבער גאַסן,
איבער מויער,
איבער מדבר,
איבער לאַנד,
זאָלסטו ניסן
מיט פולער האַנט
שיין, ווייסער שיין.

און וואָס וועט זיין אַז דער הימל וועט עפענען טיר און טויער וואָס וועלן מיר טאָן?

און מיר!
מיר וועלן רופן,
מיר וועלן וועקן,
טראַגן פרייד
אין אַלע עקן.

אָדער אַן אַנדער ליד:

מיט איילִיקע טריט,
שפּאַן איך דיר אַנטקעגן
אויף אַלע דיינע וועגן
טאַג!

(זייער ענלאַך צו דוד האָפּמאַנס אַ מאָטיוו.)

אָבער פּאָמעראַנץ איז אויפגעוואַקסן אין אַ צייט פון שטורעם און בלוט; פון מלחמה און פּאָגראָם, האָט זיין נאַטירלאַכע פרייד נישט געקענט אָנהאַלטן. ער האָט באַלד באַגעגנט שווערע שעהן און האָט אויסגעפונען אַז:

אין דער סאַמע נידער
פון מיין געמיט,
ברענט אַ פלעמעלע אַזאַ,
שטיל אַזוי און טונקל
טאַג און נאַכט,
אין שעהן
פון שווערן פּיין,
און פון אַלע וועגן
קומט וויסטער עלנט
מיר אַנטקעגן.

פון דעם מאָמענט אָן האָט ער דעם שיקזאַל פון זיין ליד צום טרויער און פּיין פון דער וועלט פאַרבונדן, דערוויסט ער זיך אַז:

דער האַלדז פון דער וועלט איז צעשניטן,
גיסט זיך בלוט איבער מויערן און גאַסן
ציטערט דער בעל־חי.
וויקלט נאַכט זיך פאַנאַנדער.

(די ערשטע צוויי שורות שטאַרק באַאײנפלוסט פון לייוויקן.)

סאיז שילדערונג פון פּאָגראָם שטימונג וואָס מאַכט אַ טיפן אײנדרוק. אָבער נישט קיין פאַרצווייפלונג איז דער רעזולטאַט פון אַזעלכע פיינלאַכע איבערלעבונגען, דאָס וואָלט געווען אין קעגנזאַץ צו זיין געזונטער נאַטור. ער הויבט אָן רעדן אין נאָמען פון קאָלעקטיוו (נישט אַלעמאָל אַזאַ קינסטלערישער וועג!) און זאָגט:

ווי קטורת אויף פאַנעז פון מזבח
ברענען אונזערע הערצער, פאַרנאַכט
ווען די זון פאַרגייט,
ווי שוועלן
ליגן מיר דער וועלט צופיסנס
און וואַרטן,
דער טאָג זאָל קומען
דורכניין אַ געבענטשטער
אַ געלייטערטער
דורך אונז.

גרשון פּאָמעראַנץ איז וואָס מען רופט אין ענגליש אַ „הירא־וואָרשיפּער", ער איז דאָס געווען ווען נאָך זייער יונג און איז עס פאַרבליבן ביז היינטיקן טאָג, ווידמענט ער דערפאַר לידער צו זיינע העלדן — אַ מין ביאָגראַפישע דיכטונגען צוגעפּאַסט צו דעם אָדער יענעם באַשטימטן העלדס פערזענלאַכקייט. אַזעלכע לידער מוזן זיין טענדענציעזע. אָבער גרשון פּאָמעראַנץ געפינט די פּאַסיקע פאָרם פון אַ „פיינער" קוואַזי־קינסטלערישקייט ווען ער זינגט זיי אויס; איז דער העלד דער הרב אהרן ראובן טשאַרני, בעט ער מיט פיעטעט:

גאָט פון אַלע וועלטן
פאַרלאָז זיי נישט
אין שעהן,
שווערע שעהן —
פון שווערן פיין!

איז דער העלד דער דיכטער י. י. סיגאַל, צעזינגט זיך פּאָמעראַנץ מיט וואַרעמקייט אָבער אביסל פלאַך:

פון אונזער גאַנצער משפּחה
איז ער איינער געבליבן —
איינער אַליין
ביי זיינס:

וועט זיין!"
גאָט וועט זיין,
גאָט איז געווען„

איז אים גרינג אַזוי יעדער יאָר —
אין פרייד פאַרגייט זיין וואָר
און אין שעה'ן/ פון שווערסטן פיין
זאָגט אים זיין יעדער טראָט:

וועט זיין,
וועט זיין,
וועט זיין!

און איז עס זיין סאַמע גרעסטער העלד אונזער ה. לייוויק, זינגט ער אַזוי סוביעקטיוו:

איבער ביינער
טרוקענע —
אונזער לעבן
גייט אויף,
ווי אַ זון
דיין געשטאַלט.

איך ווייס,
דו ווייסט —

ספּאַלט די לעצטע בייטש
איבער דיין צעפּייניקט לייב;
די לעצטע קייט
אויף דיין מידער האַנט

צום לעצטן מאָל
גענאַגלט דיך צום קרייץ
אין לעצטן קאַלעכאויוון,
און —
ניט געטויט — — — —

אַז פּאָמעראַנץ קען אָבער מיט פּאַטאָס, און אַ געוויסער מאָס איבער־צייגונג זינגען, איז קלאָר ווען מען לייענט זיין פּאָעמע „קאַנאַדע”:

די הענט פון אונזערע טאַטעס
האָבן דיינע פעלזן צעריסן.
מיט גלי פון זייערע לייבער
דיינע וואַסערן געטרוקנט,
מיט ווילדע גראָזן פון דיינע אינזלען
די פאַרוויסטע —
דעם הונגער געשטילט.

און די אויפגייענדיקע באַגינענס
האָבן אונזערע מאַמעס —
מיט עופעלאַך יונגע אויף אַקסלען
אין אַקער זיך געשפּאַנט,
מיט זייער וואַרעם בלוט
דיינע פעלדער געמיסטיקט
און —
אין שפּעטן אַוונט,
אין פאַנאַדערגעוויקלטע געצעלטן,
אויף די רוקנס פון דיינע בערג
וואַרעמקייט.

איך קען ליידער נישט ציטירן די גאַנצע פּאָעמע· אָבער קלאָר איז עס אַז פּאָמעראַנץ קען דערגרייכן אַ דיכטערישן טאָן ווען ער ווידמעט זיך נאָר דערצו... באַוואוסטזיניק געהערט ער צו דער פּראָלעטאַרישער משפּחה, אָן צווייפל צו דער בעסערער גרופּע זייערער. מען דערפילט דעם אמת ווען ער שרייט אוים מיט וויי:

עס זענען פאַרשלאָסן אַלע טירן
פאַרהאַמערט אַלע לאַדנס
פאַר אונז.

עס קומט קיינער נישט אַנטקעגן!
נישט מיט ברויט,
נישט מיט זאַלץ
בענטשן אונזערע טריט
עס האָט פאַרגעסן
אונז די וועלט!

אָדער:

איז דען פאַראַן
אַ ווינקל אויף דער ערד
וואו אַפילו אַ שטויב
זאָל נישט געווייקט זיין אין פּיין?

איז דען פאַראַן
אַ גרעסערער צער
ווי טראָגן
אַ געשענקטן לאַבן ברויט
אַ וואַרעם ביסל געקעכטס
פאַר ווייב און קינד
אין פאַרוואַרלאָזטער היים —
און שטיין
ביי דער אייגענער שוועל
אַ פאַרשעמטער
פאַר זיך אַליין — — —

און אָנגעצונדן פון דעם פלוך פון אַזאַ געפאַלענער סאָציאַלער אָרדנונג, צעשרייט ער זיך:

אַט אַזוי אין מיטן אַ טאָג
וועל איך אַריינשרייען
און איבער גאַסן און געסלאַך,
אינם רעש פון שטאָט,
נאָנקעס און דעכער
וועלן פאַלן מיינע רייד:

וועט טאַקע אייביק אַזוי זיין?

איבער יעדער פרייד
וועט לויערן אַזאַ פּיין
און סוועט קיינמאָל
קיינמאָל אויף פּנימער
נישט אויפגיין די שיין
פון פרייד
פון גוטס.

וועלן טאַקע שטענדיק
שטענדיק פאַרברעכן זיך הענט,
און עס וועט קיינמאָל
קיינמאָל ניט אייגן זיין
דאָס ברויט, דאָס קלייד
די אָרימע פיר ווענט?

אַס שטאַרקסטן אָבער זיינען זיינע אַרבעטער מאָטיוון אונטערן פּסעוודאָנים א. נייער, כמעט אַלע געדרוקט אין קאָמוניסטישן אָרגאַן „דער קאַמף„:

געוויינלאַך זיינען אַזעלכע לידער נאָנט צו פּאַרטיי פּראָפּאַגאַנדע, אָבער צום גליק הערט זיך פון פּאַמעראַנצעס ליד אַן אמת, איבער־צייגנדיק וואָרט. איך בין גערירט און גלויב ווען ער זינגט:

עס וועט אַ שיין טאָן אַ טאָג
מיט זון און מיט יום־טוב
מיט מחנות און פענער,
פון קעלערס און געסלאַך
פון פאַרחושכטע שטיבער
וועט אַרעמקייט זיך אַ וויג טאָן
ווי גאַנג פון מאַשינען
אַ גיי טאָן מיט גבורה,
מיט מוט און מיט גלויבן
פאַרפייניקט געשריי

צעבראָזגן אין שויבן;
פלויטן צעוואָרפן,
צעפּיצלען די קייטן
און גייען . . .

איך גלויב אים, ווייל דער אימפּעט פון זאַץ זיינעם טראָגט אין זיך ריטם און אמת:

אין פּוסטע פאַברירקן וועלן שווייגן די רעדער
נאָדלען וועלן דרימלען אין אייגענער שטילקייט
און שוועסטערלאַך
מיט ברידער אין מחנה —
הענטלאַך פאַרפלאָכטן
אין זוניקע רייען,
וועלן אויפלויכטן
מיט וואונדער
אין ליכטיקן דרויסן.
זיך צעזינגען מיט זון
מיט אימפּעט, מיט שמחה
פון אַרבייט, פון לעבן!

דעמזעלבן פייער פון אומצופרידנקייט פון קאַמף, פון געשלאָסענע רייען, און פון דיכטערישן אמת, געפין איך אין אַלע זיינע לידער געדרוקט אונטער א. נייער פּסעוודאָנים. עס מאַכט ניט אויס אויב ער פרעגט מיט ברען:

וואָס ווייסטו פון אַ יום־טוב,
וואָס ווייסטו פון אַ פרייד?
ביסט נישט געגאַנגען אין אונזער מחנה
האָסט נישט געהערט אונזערע רייד.

אָדער ער מאָלט אַ בולט בילד:

סהאָט די זון אין אַ טענצל זייך פאַרגאַנגען
איבער די פאַרמרהשחורהטע ווענט
פון אונזערע פאַבריקן
געגלעט מיט הענטלאַך, ווייסע
די רעדער.

פּאָמעראַנץ איז איינער פון די איינציקע פון זיין קרייז, וואָס פאַרדינט אפשר דעם נאָמען „פּראָלעטאַרישער דיכטער". קודם כל זיין האַרץ וויברירט מיט ליבשאַפט פאַר דעם גורל פון דער אַרבעטער וועלט.

איך צווייפל ניט אַז פּאָמעראַנץ אונז נאָך געבן ערנסטע פּאָעטישע אַרבעטן.

גרשון פּאָמעראַנץ איז אויך דער מחבר פון די פּאַראָדיעס איבער קאַנאַדער דיכטער.

די פּאַראָדיעס ציינן אַ געזונטן חוש פון סאַטירע, אויב ניט הומאָר. ער האָט זיך אויך געדרוקט אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע" און פיל טעגלאַכע צייטונגען. פון גרשון פּאָמעראַנץ דערוואַרט איך ערנסטע אַרבעטן, ווייל סאיז קלאָר אַז ער האָט וואָס צו זאָגן, און באַציט זיך ערנסט צו זיין באַרוף.

# ש. פערל

איך קען ביי זיך ניט באַשטימען אויב טאַלאַנט און קולטור זיינען צוויי באַזונדערע אייגנשאַפטן. מיין גלייכער פאַרשטאַנד זאָגט מיר אונטער אַזביידע זענען לייבלאַכע שוועסטער — אָדער שוועסטער און ברודער. דאָס לעבן אָבער צייגט פאַלן וואו די צוויי אייגנשאַפטן זונדערן זיך אָפּ איינער פון צווייטן און עס קען געמאָלן זיין אַ טאַלענטירטער דיכטער אָן קולטור און פאַרקערט, אַ קולטור־מענטש וועלכער האָט קיין טאַלאַנט נישט.

אין דעם הויט און ביינער זעקעלע
טראַגט יעדערער פון אונז אַ האַרץ.

(דאָס מיינט אַ מענטשלאַכער וועזן מיט אַ האַרץ, וועלכעס ווערט פאַרגליכן פון דיכטער):

ווי שוועבעלאַך אַ פּעקעלע?!

קען מען זיך נאָך פּאָרשטעלן אַ מער נישט אָרגאַנישן, נישט קולטורעלן פאַרגלייך?! פון דער צווייטער זייט, ווען דער דיכטער עפנט אויף דאָס האַרץ און זאָגט מיט אויפריכטיקייט:

ווילסטו אַ טרונק, אַ פּאַפּיראָס —
קום קלאַפּ אין מיין טיר.
פרירסטו היימלאָז אויפן גאַס —
קום שלאָף מיט מיר.

איז קלאָר אַז דאָס איז אַ געפיל וואָס ווערט פאַרשטאַרקט ווען מען לייענט זיינע שורעס:

אויסגעקנאַקט די ביינער
אויף די בענק אין פּאַרק,
אויף אייזערנע פאַרענטשעס
איינגעקאָרבט דעם קאַרק.
איינגעדעקט דאָס לייב
מיט צייטונגען ווי וואָל.

(ווי אזוי קענען צייטונגען זיין ווי וואָל?)

אָבער דערפאַר צוויי אמת קינסטלערישע שורות:

איז מיין דרימל איינגעפרוירן
ווי טוי אויף קאַלטן שטאָל.

און ווען ער פאַרגלייכט:

דער שטאַלענער פּוס — דער עלעווייטער.

אָדער:

ווי צוויי שטיקער זשאַווער
איינגעשרומפּן מיינע הענט.

איז קלאָר אַז די פאַרגלייכן זענען נישט אָרגאַניש — נישט קולטורעל.

ש. פערל געהערט צו דער „פּראָלעטאַרישער משפּחה" פון דיכ־טער. דערפאַר זענען פיל פון זיינע לידער אַזוי טענדענציעז און פול מיט די פּאַטענטירטע פּאַרטיי ווערטער: „פונקן מוט, צאָרן, איינגעקלעמט, טאַסקע, רעוועט, פינעט, רויטע פאָנען וועלן בלענדן, אַרבעסלאָזע־מאַסע, שקלאַפעריי, מעשוגענער הונט, רויטער מאַי, א. א. וו." ווי אַזוי קען אַזאַ פּראָזאַאישע פּראָקלאַמאַציע טערמי־נאָלאָגיע זיין אמת־פּראָלעטאַריש אָדער קינסטלעריש? ליידן טאַקע דערפאַר זיינע לידער פון צו אויסגעשפּראָכענער טענדענץ, אָדער גלאַט זאָגאַכצען ווי צום ביישפּיל:

בוימער פון שטאַל, פון אייזן,
בלומען פון קופּער, פון גאָלד.

לעב איך מיר מענטשן — מיליאָנען
לעב איך אין אַ רוישיגן וואַלד,

בילן סטאַדעס מאַשינען,
ווי מילך עלעקטריק רינט

מיט רעלסן, אויטאָס, טראַמווייען
די ערד איז באַשפּינט.

איז דאָס אַ פּראָלעטאַרישע באַשרייבונג פון אַן אינדוסטריע־עלער שטאָט אָדער לאַנד, מיט פּרעטענציע פון רעוואָלוציאָנערן צאָרן? נאָך מיין מיינונג אַ „פון ווערטער פאַרפרוירענער פּייסאַזש" — סיי דער פּייסאַזש סיי דער ווערטער זענען פאַרפרוירענע...

אביסל פריידיקער און טאַלענטירטער איז די דריטע אָפּטיילונג פון בוך „זומערדיק לאַנד". אָט זינגט ער:

איבער בלאַטעס שפּרייט די זון איר קלייד.
צעזיפּט איר גאָלד איבער יערן פּלויט.

ווערט די ערד אַ וואַלענע, אַ ברוסטיק־וואַרעמע,
שניידט אויף דער אַקער איר שוואַרצע הויט.

אָדער „שניי נאַכט אין וואַלד":

צווישן בלויע כוואַליעס
שווימט אַ שיף מיט שטערן
פאַלן זילבערנע ראַקעטן
אויף נאַרעס דרימלענדיקע בערן.

בוימער באַדן זיך אין פראָסט
אויף שניי באַקאַלעכטער ערד,
הענגען שנייאיקע צווייגן אַראָפּ,
ווי זילבערנע בערד.

און עס ווערט פאַר מיר קלאָר, אַז וואָס מער קולטור דער יונגער דיכטער פערל וועט איינזאַפּן, אַלץ לייכטער וועט ער זיך קענען

דיסציפלינירן. און נאָך אַ זאַך: אַז שרייבן זאָל ער וועגן די מאָ־מענטן, וועלכע ער לעבט איבער קינסטלעריש, און זיך נישט לאָזן פאַרפירן פון דער פראַזע, מעג זי אפילו זיין אַ פראָלעטאַרישע.

די אָפּטיילונג „שקלאַפן פאַרדאַמטע", און „אַ קינד פון פאָדאָליע" זענען לויט מיין מיינונג די שוואַכסטע פון בוך. דאָס בוך אַליין איז שיין אַרויסגעגעבן, און קען באַטראַכט ווערן אַלס אַ גוטער אָנפאַנג.

ש. פּערל האָט זיך געדרוקט אין „קאַמף", „רויערד" און אַנדערע צייטשריפטן.

## מ. סעגאַל

אַ גליק וואָס אין מ. סעגאַלס גרופּע לידער אין זאַמלבוך „באַגינען" געפינט זיך דאָס ליד „האַרבסט" וואָס אָטעמט מיט אמתן געררך פון האַרבסט, ווען ניט, וואָלט מען די סעריע מ. סעגאַלס ניט געקענט קלאַסיפיצירן ווי לידער, נאָר מער ווי קורצע שלעכטע „דערציילונגען". מ. סעגאַל מוז דאָך פאַרשטיין אַז סאיז ניט גענוג אוועקשטעלן שורות פּאָעזיע־מעסיק, אָן וועלכן עס איז ריטם, און נאָר דערפאַר, ווייל זיי זענען ניט געגראַמט מיינען אַז דאָס זענען מאָדערנע לידער! ציטיר איך דערפאַר דאָס איינציקע ליד פון דער סעריע:

עס קריכן די טעג
שטיליע און שטומע
ווי קריכנדיקע שלאַנגען
אַ וויסטער אומעט נעמט דורך דאָס האַרץ
ווי קלעמנדיקע צוואַנגען.

סבלאָזן ווינטן,
סרוישן רעגנס,
האַרבסטיק און פאַרגרויט,
ספּאַלט דעם נעפּל אין האַרצן
גרוילאַך און פאַרגעלט.

קריכן האַרבסטיק טעג אַרום
ווי קריכנדיקע שלאַנגען
דרינגען טיף אַדורך דאָס האַרץ
און קלעמען שטיל — ווי צוואַנגען.

אין זשורנאַל „געווירבל" האָט מ. סעגאַל געדרוקט אַ סעריע לידער. טיילן פון וועלכע דייטן אָן אויף טאַלאַנט. אזוי צום ביישפּיל שילדערט ער:

און די ביימער, נאַקעט אויסגעצערט
האַלטן שטאַרק זיך אין דער ערד
וואיען ווינטן דאָרט אַרום,
שוויינן פעלדער ווינטערדיק און שטום.

אָדער:

פון ווייטנס קומט אַ ווינטל אַן
דערפילסט די פרישקייט פונם פעלד
פון הויכע סטויגן היי
און סטוט דיר אזוי ווי
וואָס קיינער קומט ניט מער
צו דיר אין פעלד אַריין.

און ציינגן אַז מען קען פון מ. סעגאַל עפּעס דערוואַרטן.

* * *

## מ. וואָלינער

מ. וואָלינער איז ערשט איבער 3 יאָר אין קאַנאַדע, און האָט זיך געדרוקט אין די קאָמוניסטישע בלעטער „קאַמף" און „האַמער".

אין „געווירבל“ לייען איך אַ געלונגען ליבע־ליד זיינס, וואָס דערציילט אַז דאָס דאָרף איז אים ניט פרעמד:

הוסטיאַ, הייסט דאָס שיקסל, משה רופט מען מיך.
פערד, אַ פערד מיין פלינקער, יאָג ניט אַזוי גיך.

ער דערציילט (סאיז אַן אמת פּאָעטיש מעשהלע) אַז אַ לעמפּל צאַנקט דאָרט ביים הויז, און וויל אַז זיין פערדל זאָל דאָרט שטיין בלייבן:

כוועל זיך דאָרט פאַרגנבענען, און אין שויב פון קיך
גרינג און שטיל אַ קלאַפּ טאָן: הוסטיאַ — איך!

וועט דאָך עמיץ פרעגן:

העי, ווער איז עס דאָרטן, אין דער נאַכט, אין שפּעט?
סקאָן דער באַטקאַ הערן און אַראָפּ פון בעט;
איך! וועט הוסטיאַ זאָגן, און אונטער הימל־בלוי
וועלן מיר ביידע לופן צו דער סקירדע שטרוי.

טיילן פון ציטירטן ליד זאָגן עדות אויף טאַלאַנט. ווינטש איך טאַקע אַז מ. וואָלינער זאָל עפּעס צוגעבן צו דער אידישער דיכטונג אין קאַנאַדע.

הרב יהודה לייב זלאָטניק

הרב יהודה לייב זלאָטניק איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1887 אין פלאָצק. אין יאָר 1911, צו 24 יאָר, איז ער געוואָרן רב אין גאָמביין. ער איז דער גרינדער פון דער מזרחי אָרגאַניזאַציע אין פוילן, וועמעס גענעראַל סעקרעטאַר ער איז געווען און זי פאַר־טרעטן ביי דער ציוניסטישער קאָנפערענץ אין לאָנדאָן, אין יאָר 1920. דעמזעלבען יאָר איז ער געקומען אין קאַנאַדע און זיך באַ־זעצט אין מאָנטרעאַל. ער האָט נאָך יונגלווייז געשריבן שירים אין העברעאיש און אידיש. אייניקע פון זיי זענען געדרוקט געוואָרן אין העברעאישן „הקול" און „די מנורה" פון ווארשע.

* * *

איך האָב נישט די אבזיכט צו שרייבן וועגן זיינע צאָלרייכע בראָשורן, פאַרצווייגטע פובליציסטישע טעטיגקייט, אָדער וויכטיקע ביכער און אַרבעטן אויפן געביט פון פילאָלאָגיע, פאָלקלאָר און עט־נאָגראַפיע. וואָס עס אינטערעסירט מיך איצט איז נאָר אַ געוויסע דיכטערישע טעטיקייט זיינע דאָ אין קאַנאַדע,, זיינע אַרבעטן וועלכע זענען פאַרעפנטלאַכט געוואָרן אין פאַרלויף פון די לעצטע 14 יאָר. זיין ערשטע ד י כ ט ע ר י ש ע אַרבעט דאָ אין לאַנד איז — „קהלת, דער מענטש און דאָס בוך". אַ בוך פון 144 זייטן קינסטלעריש באַצירט און געדרוקט, וועלכער איז דערשינען אין מאָנטרעאַל אין יאָר 1929.

ניין, דאָס איטאַליעניש שפריכוואָרט: "Tradutori -- Traditori" איז נישט אַלעמאָל אמת. די איבערזעצער זענען נישט אַלעמאָל פאַררעטער. אויסער דעם פאַקט וואָס מען קען נישט פסיכאָלאָגיש אי־בערגיסן אַ בוך פון איין שפראַך אין אנדערע שפראַכן, הונדערט פּראָצענטיק — מוז מען אויך נעמען אין אכט סיי דעם גראַרד קולטור און קינסטלערישקייט פון איבערזעצער, סיי די רייכערע אָדער אָרעמערע פאָרמען פון דער שפראַך אין וועלכער די איבערזעצונג ווערט געמאַכט. מען זאָגט דאַנטעס אליגערים מייסטערווערק „אינפערנאָ", וועלכעס איז איבערגעזעצט געוואָרן אין כמעט אַלע שפראַכן, זענען 2 פון דידאָזיקע איבערזעצונגען קינסטלערישער פון אָריגינאַל. דאָס קען אין אַן אנדער מאָס אָנגעווענדט ווערן אויף דער איבערזעצונג. איך וואָלט געזאָגט, איבערדיכטונג, פון דאָס מאָנומענטאַל דיכטעריש ווערק קהלת („קהלת בן־דוד, מלך אין ירושלים", אַן איבערדיכטונג, וועלכע איז צושטאַנד געבראַכט געוואָרן פון ווירדיקן אידישן געלערנטן רבי יהודה לייב זלאָטניק.). אַרום דעם בוך „קהלת האָבן זיך אָנגעזאַמלט פיל קאָמענטאַרן, אָנמערקונגען, און פירושים, וועלכע מאַכן דעם אָריגינאַל צוגעגלאַך דעם געלערנטן לייענער, האָט רבי זלאָטניק באַשלאָסן צו מאַכן אַן איבערזעצונג אַ פרייע, נישט אַ ווערטערלאַכע, וועלכע זאָל מאַכן קהלת צוגעגלאַך דעם דורכשניטלאַכן לעזער און פאַר אים עפענען די קוואַלן פון דער

טיפער לעבנס פילאָזאָפיע און דיכטונג. נישט קיין גרינגע אויפגאבע, ווייל דער איבערזעצער האָט געמוזט באפרייען אין דער איבערזעצונג דעם אָריגינעלן טעקסט פון די שוין דערמאָנטע קאָמענטארן און פירוישם, כדי צו שאפן א גאנצקייט פארן לעזער. און רבי זלאָטניק איז אָן צווייפל דער אידעאלער מענטש אזא ארבעט אונטערצונעמען. זיין נאָנטע באקאנטשאפט מיטן אָריגינאל און אלע קאָמענטארן, זיין ערודיציע אין דער אידישער שפראך און שפראך פאָרשונג און זיין דיכטערישע פעזענלאכקייט — האָבן טאקע דערפירט צו אן איבערדיכטונג פון פאָשוטסטער פאָלקסטימלאכקייט, וועלכע איז פון גרויסן קינסטלערישן באדייט. דער געלערנטער פילאָלאָג, רבי זלאָטניק, האָט בעסער איידער ווער עס איז אנדערער פארשטאנען אז, „ווי ווייט מעגלאך זאָל א פשוטער, אידיאמאטישער און ניט געקינצלטער אידיש באנוצט ווערן. עס איז ניט געווען קיין פארלאנג ארייינצופירן תנ"ך אויסדרוקן און תנ"ך רעדנסארטן אין דער איבערזעצונג, פארקערט דער איבערזעצער האָט זיך באמיט אויסצוהיטן דערפון". און דער רעזולטאט דערפון: א פילאָזאָפיש דיכטעריש ווערק אין דער איינפאכסטער אידישער שפראך, וועלכעס קען געלייענט ווערן פון יעדן דורכשניטלאכן מענטשן. עס איז גענוג צו ציטירן סיי וועלכע צופעליקע טיילן פון דער קינסטלערישער איבערזעצונג, כדי צו באשטעטיקן דאָס נאָר וואָס געזאָגטע, דער סאמע ערשטער טייל: '

ב. נישטיק און נאריש,
האט געזאגט קהלת,
נישטיק און נאריש
אלץ איז נאריש!

ג. וואס מ'שטיינס־געזאגט, האט דער מענטש
פון זיין גאנצער פראצע און הארawאניע,
וואס ער פראצעוועט און הארעוועט
זיינע גאנצע פאר יאר, נעבאך?

ד. עס גייט אוועק א דור
און עס קומט א דור,
און די וועלט בלייבט אלץ די זעלבע.

ה. עס האט אויפ׳געשיינט די זון אין מזרח
און זי איז אונטערגעגאנגען אין מערב;
און ווייטער לויפט זי, נאכאמאל צום מזרח,
דארט נאכאמאל אויפצושיינען.

אזוי קלאָר און לייכט יעדעס וואָרט, יעדער זאץ און אזוי פאָלקסטימלאך, פארשטענדלאך. און וואו נויטיק האָט הרב זלאָטניק אריינגעפלאָכטן העברעאישע זאצן פון קהלת, וועלכע זענען געוואָרן א חלק פון אידישן רעדנסארט, ווי צום ביישפיל:

ט. דאס וואס איז איינמאל געווען
דאס וועט נאכאמאל זיין.

און דאָס וואָס איז איינמאָל געשען
דאָס וועט נאָכאַמאָל געשען,
ואין כל חדש תחת השמש,
ניטאָ קיין נייעס אונטער דער זון!

אָדער:

ז. כהאָב מיר אָנגעקויפט קנעכט און דינסטן —
אַ באַליאַסטרע מיט באַדינער,
משרתים און יוצר משרתים;
סטאַדעס שאָף און סטאַדעס רינדער,
מער ווי ווער עס איז פאַר מיר אין ירושלים.

אָדער:

כ. אין די פאַרבאַרגענישן פון דיין געדאַנק,
שילט ניט דיין קעניג;
אין די באַהעלטענישן פון דיין שלאָפצימער,
שילט ניט דעם עושר.
כי עוף השמים יוליך את הקול —
ווייל די פייגל־אויף די דעכער,
וועלן דערפון זינגען,
און פאַנאַנדערטראַגן דיינע ווערטער.

אַ צווייטע וויכטיקע פּאָעטישע אַרבעט, וועלכע רבי זלאָטניק האָט מיט גרויסער קינסטלערישער באַגייסטערונג געענדיקט און נאָר אַ טייל דערווייל פאַרעפנטלאַכט אין „יובל־בוך פון קענעדער אדלער" 1933, איז זיין איבערזעצונג פון איוב איבערגעגעבן אין פאָלקס־טימלאַכן אידיש. אַרויסגייענדיק פון זעלבן שטאַנדפּונקט ווי אין דער איבערזעצונג פון „קהלת" האָט רבי זלאָטניק זיך אונטערגענומען איבערצודיכטן דאָס טראַגיש־פּאָעטישע מאָנומענטאַלע ווערק „איוב", אויף אַן אויפן, וועלכער זאָל דאָס ווערק עפענען פאַרן דורכשניטלאַכן לעזער און פאַר אים אַנטפּלעקן די מייסטערפולע שיינקייטן און בילדלאַכקייטן. און דאָס איז אים זייער געלונגען. כאָטש פריי איבערזעצט איז דער טעקסט אַזוי נאָנט צום געדאַנקן־גאַנג פון מחבר און צום גייסט וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן גרויסן ווערק. דאָס צו אילוסטרירן, דאַרף מען נאָר לייענען שורה נאָך שורה און שטוינען וועגן דער גרויסער טרעפלאַכקייט פון איבערגעבן און אויס־טייטשן, און איבערהויפּט דעם פאָלקסטימלאַכן לשון, אויף וועלכן רבי זלאָטניק האָט אַזוי דערפאָלגרייך אָנגעווענדעט. איך ציטיר צופעליק:

י"ב.

1. און איוב האָט געענטפערט און געזאָגט:

2. אמת איר רעדט אייך איין
דאָס איר זייט די וועלט,
איר זייט „ספאָלק",
און ווען איר שטאַרבט —
שטאַרבט מיט אייך אַוועק
די גאַנצע חכמה.

4. איך בין אַ ליצנות, אַ געלעכטער ביי מיינע פריינט
די פריינט די גליקלאַכע,
וואָס גאָט ענטפערט זייער יעדן פאַרלאַנג,
זיי לאַכן אויס דעם פשוט־ערלאַכן!
אומגליקלאַכן מענטש.

„איוב" געהער צו יענעם סאָרט פּאָעמען אין דער וועלט־דיכטונג וואָס בלייבן אייביק ניי. כמעט אַלע געשיכטס שרייבער שטימען איין אַז „איוב" איז איינע פון די זעלטנסטע פּאָעמען אין דער וועלט דיכטונג. הונדערטער איבערזעצונגען, שטודיען, וויסנשאַפטלאַכע קאָנטראָווערסן וועגן אַנטשטייאונג, צייט א. א. וו. פונם ווערק „איוב" זאָגן עדות אויף דער ליטעראריש־עטיש־עסטעטישער וויכ־טיקייט פון ווערק. רבי זלאָטניק וויסנדיק דאָס אַלץ איז דאָך צוגע־טראָטן צו זיין איבערדיכטונג. ווי מאָדערן, היינטוועלטיק, איינפאַך און שיין קלינגען די פאָלגנדע שורות:

י"ג.

1. אַלץ האָט מיין אויג געזען,
מיין אויער האָט געהערט און פאַרשטאַנען.

2. אַלץ וואָס איר ווייסט —
ווייס איך אויך,
איך בין גאָרנישט געפאַלן קעגן אייך.

3. אָבער איך וואָג צו רעדן צו גאָט
און אַ וכוח האָבן מיט אים
וויל איך —

4. ווער זייט איה?
איר קלאַפּט מיט ליגנס,
כלומרשט דאָקטוירעם —
אָבער פאַלש ווי די עבודה־זרה.

5. וואָלט איר שטיל געשוויגן,
וואָלט דאָס געווען אייער גרעסטע חכמה.

דער ערשטער סימן פון אַ קונסט־ווערק איז דער אמת פון איבערלעבונג, און לייענענדיק רבי זלאָטניקס איבערזעצונג דערפילן מיר אוממיטלבאַר דאָס דורכלעבן אַלע ליידן, אַלע שטרויכלונגען, אַלע פּראָטעסט ווייען, וועלכע די שורות שילדערן. דער ביטראַג פון רבי זלאָטניק צו דער אידישער דיכטונג, איז דערפאַר אַזאַ וויכטיקער און גרויסער.

## חנה שטיינבערג

חנה שטיינבערג איז אַ באַשיידענער מיטגליד פון דער מאָנטרעאַלער פּאָעטישער משפחה. אירע ערשטע לידער האָט זי געדרוקט אין „רויערד", אַ סעריע ליבע מאָטיוון. דער סענטימענט אין זיי איז אמתדיק און איבערצייגנדיק:

כוויים ניט
פאַרוואָס דאָס איז אַזוי,
נאָר אימיצער אין מיר
אַ שטאַרקערער פון מיר
רייסט זיך פון דער העלער הויט
אַ פאַל טאָן אויף דער קני פאַר דיר
און פיינלאַך מיינע פינגער אויסשטרעקן
— אין צער.

אָדער:

נאַכט,
שלינג מיך איין!
צעשטער מיך!
אדער נעם מיך מיט, מיט זיך
אויף דיינע פליגלען
ער־עץ אין דיין ווייטער וועלט.

אָדער אין זעלבן ליד:

ליבע נאַכט,
העלף מיר אין מיין פיין!
טו מיר עפּעס,
טו מיר אַזוינס
כזאל אויפהערן —
ניט דאַרפן טראגן
מיין פאַרוואַגלקייט.

מיט ברויזנדע ליידנשאַפט אָטעמען אירע שורות און זי מאָלט מיט אַזעלכע בונטערע פאַרבן:

אַזאַ פאַל־טאָן וועל איך אויף די קני
און ווי ים, אין זיין שטורעמדיקן אַנגסט
לעשט די כוואַליעס אין דורשט פון זיין זאַלץ,

אַזוי וועל איך שטרעקן מיין האַלדז
דורשטיק, צום גענאַד פון מיין האַנט,

וועסטו גלעטן, און גלעטן מיין קאָפּ מיט דיין האַנט
אויף דיינע פינגער, ווי שוימיקער ביר
וועט שפּילן דיין ליבשאַפט צו מיר,

וועל איך אין פריידיקן ציטער
נידערן — נידעריק בויגן מיין קאָפּ
צו דער ערד.

און פאַלן וועל איך
פאַלן
און פאַלן
וועל איך

חנה שטיינבערג פאַרמאָגט אַ באַשטימטע אינטענסיטעט פון געפיל, זוכט זי ווערטער, מיטלען, וועלכע זאָלן איבערגעבן דעם נאַטירלאַכן אימפעט פון אינטענסיווער ליבשאַפט פון איר האַרץ, זוכט זי און געפינט:

קומט פון ערגעץ אַ טויב
שטעלט זיך אַפּ ביי דיין טיר,
טוט אַ בלענד און אַ בלי
טוט אַ שטראַל מיט איר ווייס
טוט אַ פּאַך מיט איר זייד
אין איר איילענדער פרייד.

אַזוי, קומט ביי איר פון ערגעץ די ליבע ווי אַ צאַרטע טויב:

און זי נייגט זיך צו דיר,
פאַלט כורעים פאַר דיר
און זי וואַרקעט און מאַנט
און זי בעט אַזוי היים
און זי מאַכט אַזוי מילד
מיט אַ לויטער געמיט
ווי אַ תפלהדיק ליד.

אויב נישט אַלע שורות אָדער פאַרגלייכן זענען גלייך פּאָעטיש, עכט, איז אָבער פאַראַן אין איר ליד, אַ געוויסער אמת, וועלכן מען מוז גלויבן:

אַזאַ העל ליכט שפּרייט זיך איבער אונז
איבער אונזערע טרויעריקע קעפּ,
איבער אונזערע עלנדע הענט.
ווער האָט צו אונז פאַרלוירענע
זיין ליכט געווענדט?

אָדער:

איך אינגאַנצן, הענג אַזוי
אין ווייסן בלענד פון מיינע אויגן
ווי אַ טונקל־הויטיקער צו אַ מאַב געבוירן.
אַלע פאַרבן פון אַ רעגנבויגן
צינדן זיך אין גרינעם פלאַם פון מיינע אויגן.

אָדער:

פרייד און אומעט
איינס אין אַנדערן
זיך הילנדיק,
זיך פילנדיק
פאַרשפילנדיק.

אָבער די פאָרם אין וועלכער זי דריקט זיך אַמשאַרפסטן אויס איז דער פלאַמיקער פערז פון צנועדיקער־עראָטיק, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן:

דו ציסט זיך צו מיר
ווי עס ציט זיך דער בליץ צו דער ערד
ווי דער ערשטער, פאַרשוכערטער רעגן
אויף דער יונגער צואַקערטער ערד.

אָדער:

אַ, מיין פרייד
כוואַרף מיין בענקענדיק האַרץ
צו דיין שטויב,
צו דיין רוים,
צו דיין ליכט,
כבין פאַרבלענדט.

אַ וואלקענדל טוקט זיך
אין זיידענעם ראַז.
אין אַ רוהיקער שעה
דו נידערסט צו מיר.

און אין זעלבן ליד:

פליסטערט האַפערדיק,
שפרייטסט דיין ליכט אַרום מיר,
וועבסט דיין זייד אַרום מיר,
וועבסט דיין ראַז אַרום מיר.

בלענדסט
און פאַרוועבסט.
סשאַרכט דיין זיידענער פליגל
אין מיין לופטיק געצעלט,
כציטער פון באַגער.

חנה שטיינבערג האָט אין די ווייניק אָנגעשריבענע לידער געוויזן אז מיר מעגן פון איר נאָך מער דערוואַרטן.

## מירל ערדבערג־שאַטאַן

מירל ערדבערג־שאַטאַן האָט דאָ נאָך ווייניק געדרוקט, אַז מען זאָל קענען אַרויסזען איר פּאָעטישע פיזיאָנאָמיע. אָבער עטלאַכע לידער דערציילן שוין פון גאָט־זוכעניש, פון שטילקייט, ליידן און פריידן. אָט דריקט זי אויס אַ שטאַרקן באַגער:

איך האָב געוואָלט מיין וועג
מיין גאָט צוריק געפינען
און בוקן זיך צו אים.

האָט זי דערפאַר איזאָלירט זיך אין דער טונקלקייט פון איר היים:

אַלע טירן, פענצטער פון מיין געלט
האָב איך פעסט פאַריגלט
אַלע שויבן־שפאַלטן
גוט פאַרהאַנגען:
אַלע שטראַלן פון דער זון פאַרטריבן
ווייל אין בין־השמשות וויל איך צוריק
מיין וועג,
מיין גאָט געפינען.

ווי אַ געזונטער מענטש קוקט זי אויף דער וועלט, זי ווייסט אַז אירע „פּלייצעס זענען שמאָל“, אין פאַרגלייך מיטן נחת און גרויל פון דער וועלט זינגט זי:

סאיז מיר שווער אַזוי צו טראָגן
אויף די שמאָלע פּלייצעס מיינע
די וועלט מיט איר עול —
נחת און גרויל.

סאיז מיר שווער זיך איינצוקלאַמערן
אין די ברייטע אַרעמס אירע
און מיטלאַכן הויל געלעכטער
און מיטזינגען פּוסטע שירה.

סאיז מיר שווער זיך צו באַהעפטן
מיט די שמייכלען מיט די פרייד
זייַן איך אין מיינע ד' אמות
ווי אַ אבל שטילערהייט.

און די דאָזיקע אָפּגעזונדערטקייטן קלינגט ניט טראַגיש, נאָר ניכער אַ געזונטער רואיקער טרויער, אויב מען קען זיך אַזוי אויס־דריקן, אַ טרויער אַ לייכטער וואָס פילט זיך אין אַנדערע לידער אירע, ווי:

פרעגנסט, פאַרוואָס סאיז תמיד
אַזוי בלאָס מיין פרייד
מיט גרויען נעפּל פאַרצויגן
און ווי אַ וואַנדערער פאַרשטויבט
וואָס טראָגט רוישיקן אומרו אין זיך?

און זי ענטפערט:

מיין פרייד?
דאָס איז אַ בלאַסער שטראַל
וואָס בלאַנדזשעט אום
אין אַלע עקן וועלט
אונטער גרויע הימלען
וואו אַלטע קלויסטער דרימלען.

גלויבן מיר איך, כאָטש מיר ווייסן אַז אין די דערמאָנטע לידער פעלט נאָך דערווייל דער דיכטערישער שוואונג פון עכטע איבער־לעבונגען, וואָס זאָל אונז ווייזן די פּאָעטישע פּערזענלאַכקייט פון דער דיכטערן, אינם ליכט פון אַלע אירע פּאָעטישע לייסטונגען.

איך האָף אַז קאַנאַדע וועט איר געבן די באַגייסטערונג פאַר ערנסטער אַרבעט.

# יודיקאַ

יודיקאַ איז ניט קיין נייער נאָמען אין דער אידישער דיכטונג. אין קאַנאַדע איז זי נאָך קיין 6 יאָר ניט, און האָט שוין אַ נאָמען מיט נייע אַרבעטן.

זון, ליכטיקייט, לויטערע הימלען, לופטיקייט, בענקשאַפטן און איבערהויפּט נאַטור־דעסקריפּציע, זענען כאַראַקטעריסטיש צו איר שאַפן. דיכטעט זי דערפאַר וועגן די צייטן פון יאָר, פרילינג, זומער, הארבס, וועגן נאָנטסטע, וועגן דער מאַמע און וועגן שטעטל מיט טויזנט סודות ליכטיקע:

בענקשאַפט לויטערע, ווי אַ קיל געטראַנק
קוועלט, און גיסט אַריבער ברעגעס פון געמיט
די איינזאַמקייט איז שטום אַזוי און טראַכט צופיל
און נאַכט ליגט ווי אַ בלאַסע בלימאַלע וואָס בליט איר בלויע ליכט.

איר בענקשאַפט איז לויטער, און איר נאַכט איז בליענדיק אַ בלוי ליכט, און איר איינזאַמקייט טראַכט:

די ווייטנס שווימען צו, פאַרקייטלען זיך מיט איצט,
אַזוי פיל אומרוען און פריידן קומען אַן
ווי וואַלן לויטערע אין ים פון שטילע זומער־נעכט
יאָגן זיך די ווייטע לעבנס, טראָגן זיך צו מיר צום ברעג.

און מאָלט זי אַ זומער בילד זעט זי ווי:

אויף לאַנקעס צאַפּלען זיך די לעצטע רגעלאַך פון טאָג
די אָנהויב רגעלאַך פון קומענדיק פאַרנאַכט
אַ שפּיל ווי דאָמינו, פון ווייסע ביינדלאַך און שוואַרץ
אַ שפּיל פון גרעזעלאַך, וואָס לייכטן אויס און ווערן בלאַס.

ליכט און פרייד זענען שטענדיק זומער־מאָטיוון, און די דיכטערן יודיקאַ, וועמעס שפּראַך שימערירט ווי פאָספאָרישע ליכטיקייטן, זינגט אין זעלבן ליד:

צעשפּליטערנדיקע פריידן גייען אויס דאַ
צו ליכטנדיקע ווייען גייען אויף
און שטילע רייד פון ווייטקייטן פאַרשלונגען
קומען מיט די ווייטקייטן אַרויף.

אָדער אין אַן אַנדער זומער־ליד:

שעהן ווי איך גיי אַזוי
צעליכטיקט, העל
אַרויסגעשיילט פון פינצטערניש

און אַלץ אַרום איז נישטיק איצט און קליין,
די זאָרג אַליין ליגט מיד
און חלומט עפּעס וואָס.

פילט מען ניט נאָר די ליכטיקייט פון יודיקאַס פערזענלאַכקייט, נאָר אויך אַז מיט אומצייליקע פעדים איז זי פאַרבונדן מיט דער נאַטור — איך מיין איבערהויפּט מיט די ליכטיק־פריידיקייטן פון

דער נאַטור; שטילע, פּשוטע לויב־געזאַנגען צום געזונטן און פּשוטן לעבן, אויפריכטיקע פרייד־געזאַנגען אין כמעט אַלץ וואָס זי שרייבט, צו דאָס איז דאָרף־לופט, זון־ליכט אָדער פרייליכע פרימאָרגנס, אָדער גאָר גאָלדענע פאַרנאַכטן. די שווערע רעאַליטעטן פון איר וואַנדער־לעבן אין אַ נייער, פרעמדער, בייזער סביבה, האָבן נאָר זעלטן פאַרטונקלט אירע לויטערקייטן, ליכטיקייטן, זוניקייטן און בלויקייטן — אַזוי אַז וועגן פרימאָרגנס זינגט זי נאָך אַלץ אַזעלכע אָפּטימיסטישע, פריידיקע מאָטיוון ווי:

איך האָב אייך ליב אַזוי —<br>
איר זומערדיקע<br>
פרייליכע פרימאָרגנס<br>
וואָס וואַכן אויף<br>
אין וועלט —<br>
ווי שטיפערישע מיידלאַך<br>
פול מיט יוגנט.

און אַלץ איז נאָך אַזוי ליכטיק, דורכזיכטיק, בענקנדיק און שוועבנדיק, ווי גלייך קיין ערד, און רויקייטן, און מיאוסקייטן, צאָרן קאַמף, נידערלאַגן און אונטערגאַנגען, זענען כמעט פאַר דער דיכטערן ניט עקזיסטירנדיק, זינגט זי דערפאַר ווייטער אין זעלבן שיינעם סוביעקטיוון ליד:

ווי אַ שוואַלב ביים פענצטער<br>
שטיי איך<br>
פול מיט ליכטיקע פריידן<br>
און קוק<br>
ווי הימלען פילן זיך<br>
מיט ליכטיקייט,<br>
ווי בעכערס ווײַן<br>
אין דורכזיכטיקע גלאָזן:<br>
און עס טאַנצט מיט אייך אויף<br>
פאַרשלאָפענע פאַרלאַנגען<br>
פון מיין יוגנט:<br>
און בענקנדיקע ווערטער<br>
פלעכט איך אין זיי איין<br>
ביי יעדן בויג<br>
פון שוועבנדיקן ווינטל.

און זי דערציילט:

איך בין נאָך היינט<br>
אַ גאַנצער קנויל<br>
פון זון און ווינט:<br>
פון בלום מיט טרוים,<br>
מיט פרייד<br>
פון אויפגעבליטער יוגנט:<br>
איך טוליע מיינע<br>
הייסע באַקן<br>
צו<br>
נאָר וואָס אויפגעבליטע<br>
שויבן<br>
פון פרימאָרגן.

און עס ווערט נאָכאַמאָל קלאָר אַז יודיקאַ איז אַ גאַנץ טאַלענ־

טירטע דיכטערן, וואָס זינגט הויפּטזעכלאַך וועגן ליכט און „לופטן“ און ווייניקער וועגן ערד און שווערע רעאַליטעטן; מער וועגן ליכט, איידער וועגן טונקלקייטן. קוקט מען זיך אום צו איר קינדהיים ווי זי איז רעפלעקטירט אין טייל פון אירע לידער, און צו דער שטורעמדיקער צייט פון איר שאַפן, ווען:

עס האָט אַ שפּיי געטאָן די צייט מיט פייער
און וועלט פאַרבלוטיקט איז געווען אין אירע וואונדן.
דאָס קליינע הייזעלע האָט זיך אָפּגעטראָגן
פאַר רויך און שטויב, אויף גרויסע וויסטע פעלדער.

און מען קומט אַריין אין איר פאָטערס היים, אַ היים מיט:

גרויע ווענט, אַ סאָפע, טיש, מיט שטולן,
אַ ריינער דיל, מיט שמאַטקעלאַך צעלענט.
דער לאָמפּן־שיין, מיט שאָטנס אויסגעצויגן,
איין פענצטער נאָר באַהאַנגען מיט גאַרדינען.

דער טאַטע זיצט, שטעכט און ציט אַ נאָדל;
דער קאָפּ געבויגט מיט אומעטיקן כעס,
אַלע קינדער זיצן מיר און שווייגן
און די מאַמע זיצט מיט זיך און נייט.

וואונדערט מען זיך פון וואַנען אַזוי פיל פרייד, אַזוי פיל ליכטיקייט ביי דער דיכטערן יודיקאַ, אַפילו ווען זי מאָלט שאָטנדיקע לעבנס דערשיינונגען, אַפילו ווען אונטער די שווערסטע עקאָנאָמישע באַדינגונגען, מוז זי איר פּערזענלאַך לעבן אַריינפּאַסן און צופּאַסן צו נייע און שווערע פליכטן? אין אַ גאָרטן אָן אַלעגאָרישן דערזעט זי די פרייד, זינגט זי אַזוי זוניק:

דער גאָרטן אַ באַלויכטענער מיט ליכט
און פאָרן גאַנג פון טראַט צעשפּילט זיך דער אָרקעסטער
אין דעם קלאַנגען־רויש פון וויי און גליק
הויבט פאַרגאַנגענהייט זיך אויף ווי אַ גאָלדיק שטויב.

אין ליכט, אין פולן גליק פון בלויע זומער נעכט
כוואַליעט זיך די פרייד פון יונגע דורות
וואו אַלץ איז וואַך, אַ יעדער קלענסטער גליד
אין רויש פון האָפנונגען, הייסעסטע פאַרלאַנגען.

אָדער די תפלה:

גאָט, דו האָסט אַזאַ זוניקן טאָג אויפגעבויט
ווי אַ בלויער עמאָל ליגט דער הימל געשפּרייט
און זון, ווי אַן אומענדלאַכער ברענענדיקער קאָפּ,
מיט גרין דורכגעצויגן די גרויזאַכע ערד.

און מענטשן מיט יום־טובדיקן פרילינג אויף זיך
און מענטשן פאַרקלערט מיט אַ זון ליכט אין זיך.
אַ ליכטיקער שוועבן אין פּאַלאַץ פון טאָג
אַ גרויזאַכער וועבן פון שטאַרבלאַכן זיין.

יודיקאַס באַזעצן זיך אין קאַנאַדע, איז אַ גרויסער געווינס פאַר

דער יונגער קאַנאַדער אידישער דיכטונג, וועלכע זי באַרייכערט שוין מיט דער זוניקייט פון איר טאַלאַנט.

*　　*　　*

סאיז נאָר וואָס דערשינען איר ניי בוך לידער „וואַנדערוועגן“. 100 זייטן, געדרוקט אין מאָנטרעאל. שוין אויפן ערשטן זייטל, רעדנדיק צו איר קינד, רוימט זי אים איין:

מיר זיינען וואַנדערער, פון שוועל צו שוועל
פון זון צו זון, פון צייט צו צייט. —
ביז גאַרער גרוים פון וועלט,
ביז גאַרער נישטיקייט.

אָדער:

און איך, איך וואַנדער מיט מיין קינד
אַרום דעם ווייטן נעסט —
צוויי היימלאָזע אין טיפן בענקען.

אָדער:

אויף די גאַסן וואַלגערט זיך דער אומעט
ווי עס וואַלגערט זיך דאָס גרויע ליכט
פון האַרבסטיקן באַגינען.

אָדער:

צו דער ברוסט פון דער צייט
ליגט דער עלנטער פּנים פון וועלט
און איך גיי אויף איבער איר
ווי אַ בלוטיקער פלעק פון דער ערד.

די דערמאָנטע ציטאַטן זאָגן עדות אויף ערד און טרויער וואָס לעגן אַרויף זייער שטעמפּל אויף יודיקאַס דיכטערישן מאַניר, כאָטש פון צייט צו צייט איז ווידער גובר איר שטראַלנדער אָפּטעמיזם:

איך רו נאָר אָפּ.
אין שוים ביי מיר שלאָפט איין מיין זון:
און בלויער הימל ליגט, ווי פאַרהאַנגלאַך פון זייד
אויף מיינע פענצטער.

און זי פרעגט:

וועמען פעלט אַצינד דאָס ליכט פון טאָג?
ווער נאָר מעסט אַצינד די טיף פון נאַכט?
אייביק איז אַזוי געווען.

טאַקע פאַרבליבן וואַנדערער טראָ׳ן די יאָרן זייט זי האָט זיך דאָ באַזעצט, טאַקע זיך נישט איינגעוואָרצלט אין היגן לעבן, ווייל זי אָבער קומען צום פולסטן דיכטערישן אויסדרוק, קומט זי ווידער צוריק צו צו אירע פּאָזיטיווע, געמיטלאַכע מאָטיוון, און זי זינגט צו זיך:

אייביק, וועט די וועלט זיך ווייטער ציען
ווי די פור
וואָס פּאָרט פאַרביי די פענצטער,
ווי דער רוף פון שפּילנדיקן קינד.

אָדער א ליבע מאָטיוו:

נעם אַרום מיך ליבסטער פון מיין יוגנט,
נעם אַרום מיך טרוים פון פרילינג פריידן:
דיינע קושן זיינען היים, נאָר מידע
דיינע ליפּן ציטירן אין פיבער.

איך האָב דעם איינדרוק אַז דאָס נייע בוך יודיקאָס איז אַ וויכ־טיקער ביישטראג צו דער יונגער קאַנאַדיש־אידישער דיכטונג.

נ. י. גאָטליב

נ. י. גאָטליב האָט אָנגעהויבן דיכטן אין ליטע, וואו ער האָט פאַרעפנטלאַכט אַ פּאָר קליינע בעבלאַך לידער, און גענומען אַ טיכ־טיקן אַנטייל אין קולטורעלן לעבן דאָרט, אַזוי אַז קומענדיק אין קאַ־נאַדע מיט 2 יאָר צוריק, האָט ער שוין פון דאָרט מיטגעבראַכט אַ באַשטימטען דיכטערישן צערטיפיקאַט. דאָ האָט ער באַוויזן אין משך פון איין יאָר פאַרעפנטלאַכן אַ היבשן בוך לידער, „זעגלען אין זון". אַ טייל פון די לידער זענען שוין געדרוקט געווען אין „קאַנאַדער אַדלער". זיין בוך איז איינגעטיילט אין 9 קאַפּיטלען: „אַטלאַנטיק", „אין לאַנד דאָ", „אַ שטיבל אין וואַלד", „גרינע פריידן", „אין שטומער קעניגרייך פון בערג", „אינדיאַנער זומער", „דערנער אין שניי", „ליבע צו ליבע" און „צווישן שטויב און שטערן".

אָט ווי ער מאָלט בילדער באַפּוצטע מיט געדאַנקען:

אויף אַלע זיבן ימים שווים, מיין שיף
צעוויקל זיך אין זון, מיט זעגלען שטאָלצע
און מעסט מיר אויס פון אָפּגרונטן די טיף
און פּראַל מיר אויף די ווייטסטע האָריזאָנטן.

און ער רופט, כאָטש אַביסל פּובליציסטיש, זיין מוזע צו הויכע הימלען:

אויף אַלע זיבן ימים שלאָג מיין האַרץ
מיט פליגלען פון די שטורעמדיקסטע ווינטן
און ביז צו הויכע הימלען־בלויע וואַרף
די כוואַליעס ברויזיקע פון קלאָרסטער דיכטונג.

און קומט ער אויפן אַטלאַנטיק, נעמט אים אַרום אַ געפיל פון באַוואונדערונג און פון ודוי, זינגט ער:

אַטלאַנטיק,
ריז קדמונישער, פאַרשייטער קלוגער ריז
געקומען כבין צו דיר פון ווייטן לאַנד, פון ווייטע ערדן
זיך בוקן דאָ פאַר דיר, און איפנעמען דיין שטאָלצע ליד
און מיט דיין גרויסקייט, דיין ווילדער גרויסקייט זיך באַהעפטן.

ער באַשרייבט מאָמענטן און בילדער פון אָפּפאָרן, פון איבער־לאָזן די קליינע היים, פון מאַמעס טרערן און ברודערס בליקן ביים געזעגענען זיך, פון וואַנדערונגען דורך אייראָפּעאישע גרויסע שטעט, פון ווין, און פּרוי און ליב, ביז:

האָט אויפגעאַנקערט זיך אין האַרץ אַ שיף
אַ שנייאיק בלאַנקע שיף אין קלאָרע זונען
און אַנגעזעגלט זיך אַקעגן זון
און מיטן שטאָלצן ים אַוועקגעשוואומען

ווי די דערציילערישע פאָרם זאָל אים ניט געפעלן, מוז דער דיכטער זיך היטן פון אַזאַ אויסגעשפּראָכענער פּובליציסטיק אין זיינע לידער (ווייל „ימסגעזיכט", „דאָזיקן פרימאָרגן", „שטאָלצן ים",

ווערטער וואָס געפינען זיך אין טיילן פון נאָר וואָס ציטירטן ליד, זענען אַביסל באַנאַלע שפּראַך־פאָרמען וואָס ווירקן ווי אַ דיסאָנאַנץ, און שטערן די אילוזיע פון פיל פון זיינע לידער.)

זייענדיק אויפן ים, ברייט זיך אויס זיין וויזיע, און ער דער־פילט אַז די וועלט איז פריי, אַז דער ים איז הפקר און אַז „אפילו אין וואָגלען איז דאָ אַזוי פיל זיסקייט", באַפעלט ער:

א שווים מיין שיף, אַ שווים צו ווייטסטער ווייט
און מעסט מיר אויס די טיף פון אָקעאַנען.
די וועלט איז גרויס, די וועלט איז ברייט, די וועלט איז פריי
און סאיז אין וואַנדערן, אַזוי פיל פרייד פאַראַנען.

און דער דיכטער דערזעט אויף אַמאָל אַזוי פיל פאַרב, ליכט, און שיינקייט, צעזינגט ער זיך:

און פלוצלונג, מליאַנען צושוימיקטע שיפן
אין ווייסן נעקרינטע, אין בליען געצירטע
און פלינקער פון פויגל, און שלאַנקער פון שוואַנען
צעפלאַטערט זיך האבן אויף ליכטיקע ימים.

ביז אַ שטורעם ברעכט אויס אויפן ים, פילט מען ניט אַז דער דיכטער גאָטליב איז איינגעוויקלט אין דער גרוויזאַמקייט, אומרואי־קייט און דעפּרעסיע פון שטורם, פאַרקערט, ער שטייט ווי אין אַ זייט און מיט אַ פענדזל מאָלט ער דעם שטורם, מיט ווערטער ציר־לאַכע, קלינגנדיקע. דאָס איז גאָטליבס גרויסער חסרון. אַ חסרון, ווייל עס ווערט אַזוי ווי אַ „צענטראַלע" פאָרם אין דאָס מערסטע וואָס ער שרייבט און ווערט דערפאַר מאָנאָטאָן. אָפט פילאָזאָפירט ער:

אייביק רוישן קען אַ ים נאָר
מענטשן רוישן און פאַרבליען.
מיט די הייסטע, רויטסטע פאַרבן
ברענען אויפן ים די שקיעהס.

אָדער פילאָזאָפירן וועגן דעם וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען, ווען מען וועט שוין דערגרייכן דאָס ווייטע קאַנאַדער לאַנד, וועלכעס „יום־טובט דאָרט מיט וויין און האָניק":

וועט אַ לייכט באַגעגעניש אונז פירן
אין אַ פרי אַ ליכטיקן שפּאַצירן.

וועט זיך וועג, אַ יונגער זוניק וויקלען:
הימלען שיינען, בוימער בליען, פויגלען קלינגען

ווערטער קלאָרע, גרוסן פרישע, פריידן פרייע
אַנקום לויטערער אין לאַנד אין נייעם.

* * *

פון רוסישע סטעפּעס ביז בערג פון קאַנאַדע. דאָס שפּרייזן דורך לענדער: ליטע, דייטשלאַנד און פראַנקרייך, דאָס אריבער־

פאַרן דעם אַטלאַנטיק און דאָס דערמאָנען זיך וועגן מלחמה־יאָרן, וועלכע ער האָט איבערגעליטן אין רוסלאַנד, דעם גרויסן טרויער וואָס זיין ליבע, קליינע, היימלאַנד, ליטע, האָט אים פאַרטרויערט, זיינע דערפאַרונגען אין בערלינער און פאַריזער יארידן „פון וויין און פון גאָלד און פון נאַקעטע לייבער" ביז:

אויף די בערג פון קאַנאַדע, אויף שפּיצן אויף הויכע
איצט פלאַטערט מיין אומרו אין ליכטיקע רוימען
באַרינגלט מיט פעלזן אין זוניקע קרוינען;
אויף בערג פון קאַנאַדע, אויף שפּיצן אויף הויכע
איצט פלאַטערט מיין אומרו אין לויטער בלויען
איצט ברען איך מיט הימל, מיט זון און מיט ווינט.

ער איז שוין דאָ אין לאַנד, און זיינע ערשטע פּאָעטישע אימ־פּרעסיעס זיינען: גרויקייט, טרויער, אומעט און לאַנגווייל. ער פאַרט ארום איבער קאַנאַדע און עס וואַנדערט מיט אים מיט, זיין טרויער, און עס דוכט זיך אים ווען ער זאָגט מיט אזא זיכערקייט כאָטש מיט אזוי ווייניק קינסטלערישע איבערצייגונג:

איך וואַנדער, און וואַנדער, און וואַנדער.
און קניפּאויף דעם פלאַנטער פון וועגן . . .
סאיז לאַנד שוין דאָס גאַנצע באַקאַנט מיר
פון קרוינשטאַט ביז ימישע ברעגן.

איך וואַנדער און וואַנדער און וואַנדער
פון איין עק מדינה אין צווייטן
אין לאַנד דאָ, אין קאַנטן אין אַלע
דער אומעט דערזעלבער, צעשפּרייט איז.

עס דוכטן זיך אים, אז קאַנאַדע, און טרויער, און אומעט, איז סינאָנים! טראַצדעם וואָס:

ווידער צעברויזן זיך לידער
מיט פרישע מיט קרעפּטיקע קלאַנגען
סע הויבן די פיס זיך און ווידער
איך וואַנדער, און וואַנדער, און וואַנדער.

אָבער אין דעם, דוכט מיר, פאַרבייט דער דיכטער קאַנאַדע, מיט זיין ווייטער היים, און מישט צונויף אין איין קנויל פון דערינע־רונגען און איינדרוקן, ווי צום ביישפּיל, אין א פרייטיק־צו־נאַכט:

אַלטע אויסגעגרויטע יאַדלעס, יאַדלעס פון מיין היים, מיין ווייטער גרויען דאָ אויף באַרג אויף גרינעם, טרויערן אויף גרינעם שפּיץ היינט איז פרייטיק, יונגער פרייטיק, אינגלישער פאַרשייטער פרייטיק מאַמע, מאַמע, מוסט אַוודאי גרייטן שוין צום פרומען טיש.

ווען ער מיט ביטערקייט קאָנסטאַטירט:

קיינער צערטלט מיך נישט, צערטל איך אַליין זיך
צערטל איך אַליין זיך אין דער נאַכט דער בלינדער.
אז מאַמע ווייט פון מיר איז, און מיט מיר איז קיינער.

פול מיט לאַמענטאַציע איז די אָפּטיילונג פון בוך, ניט נאָר צוליב זיין עלנט און איינזאַמקייט אין פרעמדן לאַנד, נאָר אַלץ אַרום אים קלאָגט און וויינט. אַפילו די וועלף אין וואַלד, ווייל זיי זענען הונגעריק!... און ווען ער פרעגט:

זיך אויסוויינען? זיך אויסקלאַגן? סוועט אפשר ווערן גרינגער?
פאַר וועמען וויינען דאָ? פאַר זיך אפשר אַליין? פאַר זיך

דערפילט מען זיין צער, און מען פאַרשטייט אים ווען ער זינגט:

אין דעם קאַלטן, פרעמדן לאַנד דאָ,
ווייט פון ישוב און פון רו
בלאַנקע,, בלאַנקע איך און וואַנדער
אַ פאַרגעסענער ווי דו.

דערפאַר פרעגט ער טאַקע מיט ווייטיק און מיט פאַראַכטונג:

וועמען דאָ פאַרטרויען מיין פאַרפייניקטן געזאַנג?
וועמען דאָ פאַרטרויען וואונדן פון נשמה?

און ער ענטפערט מיט דער גרויסער אומגערעכטיקייט צו דעם קאָנסטרוקטיוו אידישן לעבן דאָ, וואָס אַנדערע לײדנדע און פאַרפייניקטע האָבן זיך פאַרגינען! פרעמד איז אים נאָך דערוויל, דאָס גאַנצע אידישע לעבן דאָ, קען ער זיך דערפאַר פאַרגינען אַזוי ברוטאַל זידלען און אַזוי, פרובירן באַרואיקן זיין אויפגערעגטן געמיט — צוליב דעם, וואָס סאיז אים דאָ, אַזוי ענג, אַזוי ניט גוט... דערפאַר איז אויך דער טייל פון קאַפּיטל זייער ניט קינסטלעריש:

אין זעלבן קאַפּיטל געפינט זיך אַ גאַנצע סעריע ליבע מאָטיוון, אַ „ראָמאַן", וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן אין ליטע און איצט, איז „זי" אין ארץ ישראל, און „ער" אין קאַלטן קאַנאַדע. די סעריע ליידט פון אַן אַ שיעור פּובליציסטיק און אומקינסטלערישקייט.

* * *

נ. י. גאָטליב איז אַ דיכטער וואָס פילט זיך היימיש אין מיטן פון דער נאַטור,, זענען דערפאַר פיל פון זיינע נאַטור לידער ליכטיק און האָפנונגספול:

ווי שיין איז בלוי אויף גרין און שיין פון בלענדיק בלאַנקן גילגאַלד
אוייף פעלדער גרינע בליט שוין ווידער בלויע פרייד פון פרילינג
אויף פעלדער ברייטע בליט שוין ווידער העלע פריירד פון קארן,
אַ מונטערע, אַ פריידיקיער איך קום אַהער צופאַרן.

ער פאַרשטייט שוין, אַז מיט אומעט, וויינען און פאַרצווייפלונג וועט אים ניט בעסער ווערן, מען מוז זיך נעמען אין די הענט אריין, מען מוז אָנהויבן פון דאָסניי, ווייל צוריק איז כמעט ניטאָ וואוהין:

און איצטער רואיק ווער שוין, רואיק, רואיק.
מען דאַרף ניט וויינען, ווינען זאָל דער רעגן.

און אין זעלבן ליד:

צוריק? וואוהין וועסטו צוריק איצט לויפן?
וואָס האָסטו דאָרטן, זאָג מיר וואָס און וועמען?

ער אַנטלויפט פון שטאָט אין וואַלד אַריין:

ווי יונה, דער נביא פון נינווי
בין איך פון דער שטאָדט היינט אַנטלאָפן,
אַנטלאָפן אין וואַלד דאָ אין ווילדן,
אין ווינקל געליינט זיך דאָ שלאָפן.

אָדער:

קומט אַמאָל דער האַרבסט אין אַנהויב מאַי,
אַזוי צווישן נאַכט און טאָג, זיך זאַכט צושלעפן
און שפּרייט די הימלען אויס אין שווערע וואָלקנס בליי
און שלייערט איין די יונגע ערד אין גרייזע נעפּלען.

אָדער:

איך בין פון שטאָט אַנטלאָפן
פון טומל און פון רויש,
פון שרייענדיקע דראָטן
פן שטיינערדיקן פּויסט.

און מיט טרויער, רעזומירט ער:

איך בין פון שטאָט אַנטלאָפן
צו שטילקייט און צו פעלד
פון קלעצער פּיז סאָסנאָווע
דאָ הויערט אַ געצעלט.

אַ שטיבל אַ צעהעלטע
מיט טירן אויפגעפּראַלט
און זון אין אַלע פענצטער
אוז בלויקייט אויפן דאַך.

*   *   *

פריידן!... פריידן!... ווער קען אָן אייך לעבן? און אפילו דער ליידנסטער דיכטער מוז אויפלויכטן מיט אביסל פרייד; און נ. י. גאָטליב איז קיין אויסנאַם ניט, איבערהויפּט נאָך ויען:

אַפּגעטרייסלט שטויב פון שטאָט שוין
שמייכלט ווידער שלאַנקע ווייט
שטיפן ווידער רעגנס נאַנטע
אויסגעשליפענע פון שיין.

כמעט דער גאַנצער קאַפּיטל „גרינע פריידן” איז אַ, אויסגוס פון פרייד. פרייד פון „פריען לויטערע”, פון „דופטנדיקע פעלדער־וועגן”, פריידן פון: ווינט, הימל און בוימער, פריידן פון נייע אינ־ספּיראַציעס פאַר פּאָעטישן שאַפן, ליבעס־פריידן און פרילינגס־פריידן, און נאָכאמאָל בערג און בערג פריידן. אָבער אין די מערסטע

איז די פרייד נאָר אַ ווערטער־פרייד — ניט קיין דורכגעלעבטע דורך דער פאַרמיטלונג פון אמתע עמאָציעס און זיכער נישט קינסטלעריש.

* * *

בערג, זענען בערג, אומעטום, גרעסערע אָדער קלענערע, און דער דיכטער וועלכער „שילדערט" זייער פעריפעריע, קען איבערגעבן די באַזונדערע סביבה זייערע, נאָר דורך באַזינגען אָדער מאָלן עפּעס וואָס איז כאַראַקטעריסטיש מיט די אָדער יענע באַשטימטע בערג. דעם דיכטער גאָטליבס „גליק אינזל אין קאַנאַדע", איז דער קעניג־רייך פון בערג, און ער פירט אונז צווישן שיינע פּאַנאָראַמעס בערג און הימלען ליכטיקע, און שילדערט זייער אנטשטייאונג אין לאַנגע שורות:

סהאָט דאַ אַמאָל, מיט יאָרן טויזנטער צוריק געברויזט אַ שטורם
עס האָבן טיפן־ערדישע געשפּאָלטן זיך, און זיך צעדונערט
געקאָרטשעט האָבן זיך אין קרמאָפּן אויפגעקנוידערטע, די פלאַכן
און סהאָט זיך קאָרע ערדישע אין הייץ צעשויבערט און צעפּראַטלט.

אויב אין גאָטליבס ליד איז פאַראַן אַ שטענדיקע ענלאַכקייט פון טאָן וואָס דערפירט צו מאָנאָטאָנקייט, איז עס אַביסל אַנדערש אין זיין קאַפּיטל „אין שטומע קעניגרייך פון בערג" ווייל דאָ איז דער פערז אַביסל פאַרשידנאַרטיקער, די שילדערונג אַביסל שפּאַנענדער און די בילדער בולטער, אַז מען מוז די אָפּטיילונג באַטראַכטן צווישן די בעסערע אין זיין בוך:

אין שטומער קענגרייך פון בערג זיך הוידן אום פאַרשטיקטע קולות
און ערגעץ אין די בלינדע טיפן, שרייען אַלץ און סריזלען קוואַלן
נאָר אין די הויכן, אין די קאַלטע הויכן מדבּרדיק און טויט איז
און סגייט דאָרט אום די זון אַז פאַכעט מיט איר בלענדנדיקן חלף.

פונקט ווי עס פילט זיך אַ פּאָעטיש אויג אין אַזעלכע פערזן ווי:

אורוואַלד, ווילדוואַלד בערג און פעלז
גרינע זאַפּט אויף קערק פון שטיין,
רויע קראַפּט פון רויען לעבן
גלי פון ערדישן געביין.

אָדער:

נעפּלען טוי, און רויש פון קוואַלן
חיהי־ברום און ווינט געוואַי
אין די גראָזן צישן שלאַנגען
אדלערס שוועבן אין דער לופט.

פאַרליבט אין די קאַנאַדער „לאָרענשאַן־בערג" „קוקט ער קרום" אויף די הונדערטער אָטאָמאָבילן וואָס לויפן אויף די „וועגן שטייף — געפלאַסטערטע, וואָס מענטש האָט די בערג־לענדן פאַרגאַרטלט",

וועלכע רייסן זיך אריין אין די בערג מיטן גאַנצן שטאָט־האַרמידער, קלאָגט ער זיך:

און עס קומען אַן אַהער פון שטאָט אַלרייטניקעס מיט זאַטע לייבער
זיך בראָטן אויף דער אינדיאַנער געצנדינערישער זון...
און אין די נעכט, די הייליק אויסגעשטערנטע אין בלויען שווייגן
צעברויזט עס זיך מיט ליידנשאַפט, מיט שוויים, מיט שיקסעס און מיט זנוס

אַ רוח איז אַריין אין בערג און ביז די סאַמע העכסטע שפּיצן
צעיאָגט האָט ער זיך, אויף דער פלינקער, אויף דער טייוולישער מאַשין
און היט זיך ברודער, היט זיך איצט שוין פאַר אַ קאַטאַסטראָפע
ברודער דיכטער —
מען קען שוין דאָ ניט שפּאַנען פראַנק און פריי אַזוי און זינגען
מיטן ווינט.

אָבער אין די טענער פון זיין קלאָגן זיך קעגן אָלרייטניקעס, פאַר־לירט ער אינגאַנצן דעם לירישן טאָן און פאַלט אריין אין פּובלי־ציסטיק.

* * *

„אינדיאַנער זומער“, אַזוי רופט זיך אין קאַנאַדע דער זומער־דיקער וועטער אין שפּעטן האַרבסט, וועלכן דער דיכטער דעפינירט:

שלינגלט זיך אַ שטילער וועג צווישן וואַלד געדיכטן,
אויבן — קלאָרער הימל, ביי די זייטן — בוימער פרומע;
אויף די בוימער, אויף די צווייגן, אויף די בלעטער גרינע
זיצט דער ברוינער האַרבסט און מאָלט זיין „אינדיאַנער זומער“.

און וואָס דערזעט גאָטליב אינם קאָלירפולן קאַנאַדישן „אינ־דיאַנער זומער“? דעטאַלן פּאָספּאָרישע און פינקלדיקע ווי:

גיסן פאַרבן זיך אין פאַרבן, פּערלען זיך קאָלירן
קופּערט זיך, דאָס קליאַנען גאָלד און סבלוטיקט בראָנז פון סאַסנעס
פאַלט אויף בוימער אוונט טוי, פאַרבלענדט זיי אַן פאַרזילבערט,
נעמען שפּיצן ברענען, ווי דער מעריב ראַנד אין ראָזן.

אָדער:

אין האַרבסטיקע, אין לויטערע פרימאָרגנס
צעברויזן גראָזן זיך אין ברוינעם אומרו
און ספּערלען זיך די בוימער־קרוינען ראָזע
און טרערן זילבערנע פון טויען־פרומע.

און זיין האַרץ קאָרטשעט זיך פון אומעט און פון ווייטיק ווען דער געלער האַרבסט פאַרשלינגט, פאַרשרפּהט און צעשטערט דאָס זומערדיקע אין דער גאַנצער סביבה, קרעכצט ער:

פלייץ מיט בלעטער־כוואַליעס, געלער האַרבסט
און אין רויטן טרויער־ים, דערטרינק מיך!

אַזוי ווי אין פריערדיקע קאַפּיטלען, ווידערהאָלט גאָטליב, פרייד מאָטיוון אין זומער און ליכטיקייטן, און טיפן טרויער און לאַמענטאַ־

ציע אין שפעטן הארבסט. פון איין זייט פילט דער דיכטער, אז ער וויל זיך דאָ מיטן לאַנד, מיט דער יאָדלע פאַרקניפּן, טראַץ אַלע שוועריקייטן, און וואַרטן אויפֿן פרילינג, און פון דער צווייטער זייט קומט ער נאָכאַמאָל צוריק צום מאָטיוו וואָס דערמאָנט אים אַז:

אַנטלאָפן פון שטאָט און פון מענטשן
צו וואַלדיקער, איינזאַמער שטילקייט
איך ליג דאָ פאַרלאָזן, פאַרגעסן
אין טויטן, אין הילצערנעם שטיבל.

*  *  *

נ. י. גאָטליב קלאָגט אויפֿן גורל פון זיין ליד:

קיינער דאַרף ניט מיינע לידער
איך נאָר איינציק דאַרף זיי יאָ
פאַר איך, פאַר איך מיר דאַריבער
אַלע ווײַלע אין די בערג.

און ווייל ער דאַרף זיינע לידער יאָ האָבן, פאַרגעסט ער אַ ווײַלע זיינע דערנער, און פעסימיזם, און שילדערט אַזוי אינטים די נאַטור פון און אַרום די באַקאַנטע לאַרענשאַן-בערג, און פון זיין איינזאַמקייט רעדט ער אויך כמעט גוטמוטיק:

אין אַלע קלאָרע זייטן
שטראַלט אַ לויטערער דער טאָג
רו און קלאָרקייט, רו און ווײַסקייט
און קיין נפש איז ניטאָ.

ער געפינט זיך אין סאַמע מיטן פון די בערג, און דערזעט אויף אַמאָל אַזוי דעסקריפּטיוו, אָבער אַזוי באַקאַנט אידישלאַך:

סלויכטן שטיבאַלאַך אין שטילקייט
פענצטער בלויען קעגן זון
און צוקאָפּנס פון די שטיבלאַך
ברענען אייז־ליכט פאַרזיכטיק — פרום.

און אין זעלבן ליד:

לעבן זיי, אַז אַלטער דאָרן
אין אַ שנייאיקן של־ראש...
שטייט, די דאַרע הענט פאַרבראָכן
דאַוונט שהרית שטום אין פראָסט.

נעמט אים אַרום אין זיין איינזאַמקייט, כאָטש אויבנאויפיק, אַ פרום געפיל:

קוועלט אין האַרצן אַז אַ פרומקייט
ווערט מיר גרינג אַזוי און וואויל
טאַטע זיסער! פאָטער גוטער!
דיר מיין תפילה! דיר מיין לויב!

אין דער סעריע „דערנער אין שניי” בייטן זיך די מאָטיוון מיט

אַ געוויסער רעגלמעסיקייט: נאַטור־באַשרייבונגען, דערנאָך מאָטיוון פון איינזאַמקייט, און ווידער לירישע נאַטור־מאָטיוון; דעם הונט זיינעם רופט ער בייבי און ער שילדערט אים אַזוי:

בייבי הונט מיינער געטרייער
מיט די מאַנדלדיקע אויגן
ווי אַ גרויסער בער אַ ווייסער
גייסט מיר נאָך אין אַוונט־בלויען.

ווייטער אינם אייגענעם ליד:

סאיז דיר אומעטיק מיין כלב
בילסטו גלאַט אַזוי אין וועלט דאַ
שלינגסט דעם שניי און דו באַלעקסט זיך
מיט דיין דינעם צינגל־לעקער.

אונטערן איינדרוק פון אַזעלכע שטימונגען, וואַרפן די נעכט אָן אויפן דיכטער מאָדנע האַלוצינאַציעס. אָט ווי ער שילדערט די נאַכט:

אַ נאַכט אַ ווייסע קוקט אַריין צו מיר אין פענצטער,
אַ ווייסע נאַכט, אַ נאַקעטע, די שאַנדע ניט פאַרדעקט.
זי ווינקט צו מיר מיט אייזיק־קאַלטע אויגן־לעכער
און רופט מיך, רופט מיט אויסגענאַגטע דאַרנדיקע הענט.

איך קוק, איך קוק, אַ שוידער צוקט אַדורכן קערפּער.
איך טאַפּ די האָר אויף קאָפּ, צעשטעך די האַנט אַן נאָדלען — שאַרף
כאַנטלויף פון פענצטער, האַק די טיר צו פעסטער, פעסטער
און וואַרף זיך אויפן סקריפּעדיקן בעט, און וואַרט און וואַרט.

און אין זעלבן ליד:

נאָר סציט מיך ווידער שוין צום פענצטער, סציט מיך, סציט מיך.
די ווייסע נאַכט, זי שטייט נאָך אַלץ און ווינקט צו מיר און רופט
וואָס איז די שרעק? איך בין דאָך דאָרט ביי זיך אין צימער?
אַוועק, משוגענע, וואָס ווילסטו פון מיין קראַנקן גוף?!

מען דערפילט דעם טיפן עלנט וואָס שרייט אַזוי אַרויס פון זיין האַרץ, און דער אמתער לייענער ווייסט שוין אַז נ. י. איז אַ דיכטער, אין וועמעס ליידן עס ווייטיקן די אָפּקומעניש̇ן פון אַ לייַדנדער וועלט.

* * *

און פונקט אַזוי אומפאַרמיידלאָך ווי גאָטליבס בלויקייטן, ווייס־קייטן און ליכטיקייטן, קומען אויך אין דער סעריע לידער שטימונגען פון רעזיגנאַציע, פון איינזאַמקייט, פון אַנטלויפן פון שטאָט אין די שטילקייטן פון די בערג:

אַנטלויף, אַנטלויף פון שטאָט, פון טומל און פון לייט
און קום מיין פריינט מיט מיר אין שנייאיק שטומען מדבר!
אויף הויכע בערג, דאָרט רוט די נאַכט אין ווייסן שיין
און הערט זיך צו צום אָטעם פון דער טיפסטער שטילקייט,

דאַ ברענען דערנער פאַרכטיקע אין בראַנד פון פראָסט
ווי זיי מיר וועלן ברענען אייניק־קאַלט און ליכטיק
אין שטערן בוד אַנטפּלעקן וועלן מיר דעם סוד
פון שיינקייט אייביקער און פון דער פרומסטער דיכטונג.

זיינע לידער האָבן אין זיך מער פילאָזאָפיע איידער דיכטונג, אָבער דאָך זענען זיי אָפט איינדרוקספול, ווייל הינטער די ווערטער פילט זיך אַ געוויסער גלויבן און אַ שטרעבן צו אויסדריקלאַכקייט.

נ. י. גאָטליב איז אַ דיכטער מיט געוויסע אידייען אין וועלכע ער וועט זיך מוזן פאַרטיפן, קאָנצענטרירן, און דיסציפּלינירן. ער וועט מוזן פיל מער ווי ביז איצט אויסהיטן די פּאָעטישע ריינקייט פון זיינע לידער, און אָפּטיילן דעם פּובליציסט פון דעם פּאָעט אין זיך. וועט ער דאָס טאָן, וועט ער מסתמא געפינען דעם וועג פון וועלכן יעדער דיכטער חלומט.

# שלום שטערן

שלום שטערן איז יונג, און ערשט עטלאַכע יאָר אין קאַנאַדע, האָט ער פ.ן פוילן מיטגעבראַכט ווינציק לידער, אָבער פיל פּאָעטישע איינדרוקן פון זיין היימשטאָט און סביבה און אָנגעזאָפּט מיט אידישער קולטור, האָט ער אָנגעהויבן דיכטן אויף אַן אמתן אין קאַנאַדע — איבערהויפּט פון דעם מיטגעבראַכטן רעזערוו טראַדיציעס און אימפּרעסיעס. דעפאַר איז אויך זיין ערשט ביכל „נאָענטקייט" עכט און נאָנט צו זיין שטאָם, סיי אין טאָן, סיי אין אינהאַלט. זינגט ער שטיל, זייער שטיל:

דער ווינטער
האָט פאַרשנייעט
אונזער סטעזשקעלע,
לאָמיר גיין אַהין
און זיך זעצן
אויף שנייאיקן ליילאַך.

אָדער:

שטייט אַליין אין פעלד
אונזער קליין שטיבעלע
צווישן ליכטיקע
זאַנגען־ווענט,
און אַלע טאָג
קומט די זון
און שטראַלט אַריין
פרידן־פרייד
אין אונזער קליין שטיבעלע..

פילט זיך אַזאַ נאָענטקייט, וואָס קוועלט פון די שורות אַרויס, ווי נאָענטקייט צו דער סביבה פון יענע:

ברייט־פּלייציקע קצבים
מיט שוואַרצע בערד און רויטע אויגן
בייזערן זיך אויף דער „הספה"..
די שוחטים שאַרפן זיך די חלפים
נאָר יעקב־דוד שוחט
שמייכלט מיט די קלוגע אויגן.

אָדער ווי די שבתדיקע נאָענטקייט פון די וואונדערלאַכע מאַמעס־אויסטערלישע (וואָס לעבן אין אונזערע אַלעמענס זכרון) אין דער „גאַנצער" אידישער סביבה פון דער אַלטער היים. מיר דוכט זיך אַז די פּאָעמע „דער מאַמעס שבת" איז די קווינטעסענץ פון ביכל „נאָענטקייט" און איז אַן אָנזאָג אויף שלום שטערנס פּאָעטישער רייפקייט. אָט מאָלט ער אין ליד „נחת" אַ שבת אינדערפרי, אַ ווייטע פאַרגאַנגענע אידיליע לעבט אויף פאַר אונזערע אויגן פון דערהויבן אידיש לעבן:

די שטראַלן גאַלדיקן דער מאַמעס טריט
דער זילבערנער שלאָס פון קרבן־מנחה־סידור

פינקלט אונטערן אָרעם
דאָס זיידן שבת־טיכל העלט פון ווייטן...
און פול מיט פרייד איז דער מאַמעס האַרץ;

די פענצטער זענען אָפן,
דער טאַטע מיט די קינדער לערנען איצט,
און די דינע, האַרציקע ניגונים
ציטערן פרום און פאַרווייגן —
הערט זי, עס רעדן די ווייבער:
וואויל צו דער מאַמען, וואָס האָט אַזעלכע קינדער!
צעשטראַלט זיך דער מאַמעס פּנים
און אויף די ליפּן ציטערט אַ געבעט:
גאָט דערבאַרעמדיקער,
זאָל די תורה זיך נישט אָפּטאָן פון מיין הויז!

איז עס דערציילונג אָדער פּאָעזיע? און איך ענטפער גלייך, סאיז דערציילערישע דיכטונג, סאיז אַ דיכטעריש בילד פון אידישער צנועהס, פון שטילער קולטורעלער באַציאונג, פון אונזער אַמאָליקער דערהויבנקייט וואָס האָט אין דער אַלטער היים כאַראַקטעריזירט אונזערע ליכטיקע מאַמעס אין דער היים און שול, ביים באַגעגנען דעם שבת מיט הייליקייט און פריידיקייט, און ביים באַגלייטן דעם שבת מיט גאָט פון אברהם... עס איז אויך אָן אָנווייז אויף עפּיש־קייט ביי שלום שטערן.

אינם ביכל „נאָנטקייט" איז שלום שטערן נאָך ניט פּראָלעטאַריש צעקריגט מיט דער וועלט, האָט ער אַ בענטשונג פאַר די געוויינלאַכע און קאָנווענציאָנעלע נויטן פון דער זעלבער וועלט, און קען דערפאַר אַזוי דאַנקבאַר זיין און זינגען:

געבענטשט זאָל זיין די האַנט
וואָס האָט אַ שטיקל ברויט
מיר געשענקט,
ווען דער הונגער האָט גענאַגט

געבענטשט זאָל זיין די האַנט
וואָס האָט אַ געלעגער
מיר אָנגעגרייט
אַלע פאַרנאַכט.

און דערפאַר האָט ער אויך רחמנות אויפן פעלד, ווען ער זינגט:

אימהדיק און טרויעריק
איז דער ווינט
אין פעלד אַצינד
און די פינצטערניש
איז אַזוי געדיכט,
אַז מען קען מיט אַ מעסער
געבן אַ שניט —

אָבער אַז זיין אָרעמקייט האָט פיינט רייכקייט איז שוין קלאָר אין זיין ליבע מאָטיוו:

איך וויל דיך זען
האָב איך אָבער פיינט
דיין רייכן צימער.

און ליב ווי ער האָט זי צו זען, שטערט עס אים ניט זאָגן איר אין זעלבן ליד:

דיינע שטילע טריט
אויף די ווייכע טעפּיכער
זענען מיר דערווידער —
צווישן די רייכע מענטשן
אַ ווייטע, אַ פרעמדע
ביסטו מיר. —

און ער ברוגזט זיך:

איך וועל צו דיר
נישט קומען

און דערנאָך אַן איבערגעבעטענער ווי אַ שולדיק אינגל:

דו ביסט דאָך אַזאַ גוטע
און קיינער דאַרף נישט דאַרט
דיין האַרציק וואָרט...
און איך בין אַזוי אַליין
קום צוגיין.

דאָס ביכל „נאָנטקייט" האָט נאָך נישט יענע פּאָעטישע מעלות וואָס זאָלן עס באַצייכנען פאַר מער איידער אַ פיינער באַשיידענעם אָנהויב, דערפאַר אָבער איז פון ביכל קלאָר געוואָרן אַז שלום שטערן איז אַ יונגער, טאַלאַנטפולער דיכטער וואָס מוז און קען זיך שטעלן גרעסערע פאָדערונגען, זיך איינלעבן אינם נייעם לעבן וואָס רינגלט אים איצט אַרום, און קינסטלעריש רעאַגירן איבער דעמדראָזיקן לעבן. קומען טאַקע נייע איבערלעבונגען, אַ מאָמענט ווען ער דערוואוסט זיך אַז ער איז שוין ווידער געזונט, און אַ טיפע פרייד נעמט אים אַרום — זינגט ער אַזוי מאָלעריש, שוין פיל רייפער ווי אין זיינע „נאָנטקייטן":

עס פרילינגט שוין דער גענגט;
עס איז טויאיק און קאַלט,
פון ווייטן אומעטיקט דער וואַלד,
פיל איך: די פרייד פון לעבן
ווערט אין מיר געבוירן...
און ווען איך וואַלט מעגן,
וואַלט איך פון גרוים פרייד
זיך צעטאַנצט דאַ אויף די וועגן.

אָדער דאָס אמת קינסטלעריש שילדערן אַ שטימונג און דאָס מאָלן בילדער:

הונט מיינער, פריינט מיין איינציקער —
שפּרינג ניט אַזוי פריילאַך,
לעק נישט מיינע הענט אַזוי ליבלאַך
זיי שטיל;
נישט ביל צו דער אַפּנקייט פון וואַלד
זעסט דאָרט אויפן טייכל
ווינטיקט זיך דער שניי
ווי אַ ווייסער רויך.

„אָפּנקייט פון וואַלד" און „ווינטיקט זיך דער שניי, ווי אַ ווייסער רויך", זענען בילדלאַכע שילדערונגען, און נייע פרישע וואָרט־דיכטונג וואָס זאָגן עדות אויף שלום שטערנס טאַלאַנט אויפצוכאַפּן שיינע בילדער און זיי שטיל אייגנאַרטיק באַזינגען מיט דינע לירישע שפּראַך אינסטרומענטן. שלום שטערן פילט זיך היימיש אין וואַלד, זינגט ער אין דער פאָרם פון אַ שטילן געבעט:

וואַלד אין די ליכטיקע פרימאַרגנס
טו אָפּ פון מיר די לייד
און ליכטיקן זאָל אין מיר אַ טרייסט
ווי דער טוי אויף אַ צעבליטע בייט.

וואַלד אין די נאַנגדיקע פאַרנאַכטן
באַהיט מיין צעבראָכן געמיט
פון דעם גרויסן טרויער
וואָס לויערט איבער מיר.

און אין זעלבן רירנד ליד:

וואַלד, טאָג פאַרגייט באַלד.
אויפן באַרג דרימלט אַ שטוב
אַלע זענען דאָרט מיד
נאַכט און שלאָף איז ליב,
וועקסט אין מיר אַ וואונדערלאַד ליד.

וואַלד, ביסט פאַר מיר אָפן,
אייביק וועט מיין בענקשאַפט דיך רופן.

גלייך ווי וואַלד, אַזוי רעגט אים אויך די נאַכט:

נאַכט,
עס וועקט דער רויש פון דער וואַסער מיל.
אין שטוב שאַטנט די שטיל.
הער איך: עס רעדט די מאַמע אין געוויין
דער טויט האָט מיין עלנט קינד פאַרצוקט.
די נויט האָט דעם מיטלסטן אין אַ פרעמד לאַנד פאַריאָגט,
ווערזשע וועט אים באַהיטן?
איך בין עלנט, און ווי אַ בוים פאַרשניטן.

און דידאָזיקע וויזיע פירט אים צוריק אין זיין אַלטער היים, זינגט ער אין זעלבן ליד:

פירט מיך מיין בענקשאַפט צו יענע זומער־טעג
ווען מיר פלעגן שפּאַצירן אויפן קלענטווער־וועג
געגאַלדיקט האָט דאָס זאַמד,
מיט פרייד און ליבשאַפט האָט געגלעט דער מאַמעס האַנט.

אָבער איצט, ווען פונם עלטערן ברודער איז געבליבן בלויז אַ פאַרבלוטיקט קישן, וויל ער ניט מאַכן גרעסער דער מאַמעס צער און ער טרויערט אין זעלבן ליד:

און איצט ביי מיר צוקאָפּנס, דעם ברודערס פאַרבלוטיקט קישן
גלעט איך דאָס פאַרגליווערטע בלוט,
און וויין אין דער שטיל
עס זאָל די מאַמע נישט דערהערן. —

אָדער אַן אַנדער שטיל, פֿאַרנאַכטיק־געזאַנג:

פֿאַרנאַכט אומעטיק אויף די שויבן
פֿאַרשפּעטיקטע אויטאָמאָבילן שטויבן
אויף די וועגן.

טוליעט יעדערער צו זיך אַ טרייסט;
אַ פֿויער רייסט אוים פֿון פֿעלד דעם דאָרן
גלייביק ווינטיקט זיך דאָס צעבליטע קאָרן

נאָר אין מיר טיפֿערט זיך דאָס געזאַנג
פֿון טאָגיקער אַוועקגאַנג.

סיי וואַלד, סיי נאַכט, און סיי לבֿנה, אַלע רעפֿלעקטירן זיי פֿאַרן דיכטער, שטילן טרויער:

לבֿנהדיקער טרויער
אַזוי ליכטיק און ריין,
אויף דאָרן און שטיין,
אויף טויאיק גראָז
אין ווייסן מויער.

אָפּן און פֿאַרלאָזן זאַמדיקט זיך דער וועג.
אין ווייסן עלנט שטייט אַ פֿורל אין פֿעלד אַליין.
אַנטפּלעק זיך צו מיר סוד פֿון אייגענער פּיין
אין לבֿנהדיקן טרויער, אין ליכטיקן שיין...

און מיר דערפֿילן אוממיטלבאַר, אַז עכט איז זיין טרויער און געשליפֿן זיין וואָרט, און איינדרוקספֿול זיין בילד.

*   *   *

שלום שטערן האָט פּרובירט שרייבן „פּראָלעטאַרישע“ מאָטיוון, ווי „שטאָט“ אין „די העפֿטן“ און אַנדערע, אָבער אָן דערפֿאָלג, האָב איך געטראַכט אַז ס'איז ניט זיין זשאַנר, האָט ער מיך אָבער איבע־ראַשט מיט אַ ליד וואָס איז אַזוי ניי, אַזוי טיף רעוואָלוציאָנער, און אַזוי איבערצייגנדיק, אַז איך ציטיר עס אינגאַנצן:

ברויט,
ברומען אַלע הונגעריק ווילד,
און הענט, שטאַנגען הענט
שטאַלן זיך און דראָען:
גערענקט!

עס דויערט אַ מינוט בלויז:
אַ כוואַליענדיקער שטוים,
פֿאַרויס!
און עס ענטפֿערן ביקסן: טויט!
און בלוט פֿראָסטיקט אויפֿן שניי.

טוט עפּעס אין פֿראָנט אַ ציטער
און אַ פֿאַל — ווי אַ בוים וואָס מען זעגט אונטער.
ווערט אַ שווינדלדיקער לויף
אַראָפּ, אַרויף
און עס כוואַשטשען נאַגייקעס ווי נאַסע ריטער.

כאַפּט עמיצער זיך אַרויף
אויף אַ שפּיץ פון אַ מאָנומענט
און דונערט:
אַרבעטער אַנטלויפט נישט!
יאָגט אַן אַ קויל,
און בלוט טוט אַ גאָס
דורך נאָז און מויל,
גרויל!!!

נאַכט.
שניי און שטורם־ווינט,
עלעקטרישע לאָמפּן ווערן בלינד
קלינגען צעריסענע דראָטן:
ווייסט צו אייך! געדענקט!

שלום שטערן האָט אויך געדרוקט קינדער לידער און זיי טראָגן אויף זיך דעם זעלבן שטעמפּל פון שטילער לירישקייט וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש צו זיין שאַפן. „אין קינדער זשורנאַל״־יאַנואַר, 1931) זינגט ער:

אַ ליבע רו זאָל זיין די נאַכט
מיין איינציק, טייער אינגעלע.
ביי דיין בעטעלע דיין מאַמע וואַכט.
און אונטערן פענצטער קלינגען טראַמווייען
און עס ווייען און עס ווייען שנייען.

אָבער מער קינסטלעריש איז זיין קינדער ליד „אַ שפּיל אַזאַ״:

גיי אינגלע, גיי,
ביז די קני אין טיפן שניי,
אַ פּוס אַריין, אַ פּוס אַרוים,
אַט אַזוי שפּאַן פאַרוים.

איינס, צוויי,
כאַפּ פולע הענט מיט שניי
לויף געשווינד, וואַרף אַ קויל
אַלץ איינס, אין פּנים, צו אין מויל.
אַזוי איז גוט, אַזוי איז וואויל!

אָבער די וויכטיקסטע סעריע לידער, וואָס נעמט אַריין שלום שטערן, אין דער ריי פון די טאַלאַנטפולסטע, אַנערקענסטע קאַנאַדער אידישער דיכטער, איז אָן צווייפל די סעריע „סאַנאַטאָריע לידער״ (אַ נאָך נישט פאַרעפנטלעכט בוך). דער אַריינפיר אין זיין מערקווירדיקער „קראַנקן שטאָט״ איז טיף רירנדדיק:

מיר ליגן דאָ אין שרעק און אין ציטער
מיר זיינען אַליין — נישטאָ קיין היטער.

אָן הקדמות, פירט ער אונז אַריין אין אַ טויטן־צימער:

אין לעצטן צימער,
האָט מען דאָס פענצטער פאַרהאַנגען
אַ קראַנקער איז דאָרט אויסגעגאַנגען
באַלד וועט מען אויף ווייסע ליילאַכער
דעם טויטן אַרויסטראָגן

און קיינער וועט נישט באַוויינען
און קיינער וועט נישט באַקלאָגן.

און אין זעלבן ליד:

און דאָ ליגט יעדערער אויף זיין רו־שטיל
און שרעקט זיך:
ווער וועט זיין דער צווייטער?
און פאַרשעמט, און באַהאַלטענערהייט
באַוויינט יעדערער זיך אַליין...

אָבער אין דעם „לאַנד פון טויט" זענען פאַראַן פאַרשידענע וואַריאַנטן:

אַ קראָ קראַקעט אויף אַ שטיין
עמיצער גייט אין וואַלד אַליין
און עס פאַלט דער שניי אויפן דאַך
און עס פאַלט דער שניי אויפן שליאַך
און ליכטיק טוט לבנה שטומען.

דערדאָזיקער אַרום איז דער איינציקער עדות, ווייל קיינער:

איז נישטאָ ווער עס זאָל דעם לעצטן קרעכץ אויפנעמען
בלוט האָט אַ גאַס געטאָן אויף קאַלדערעס און פעלצן
צו דער בלינדער ווייסקייט האָט עמיצער די האַנט אויסגעשטרעקט
און גערופן דער מאַמעס נאָמען
און שטיל — עס קילט זיך שוין דאָס בינטל ביינער
די לעצטע פאַרע פרירט אויף זיינע ליפן,
און קיינער האָט דעם לעצטן קרעכץ נישט אויפגענומען.

אָבער אינם „לאַנד פון קראַנקייט" זעט ער אויך פרעכטיקע נאַטור־בילדער, און דערוועקט שטילע רירנדיקע שטימונגען, שילדערט זיי דער דיכטער אַזוי צאַרט:

דער פראָסט קאַוועט די וועגן
אין דער ווייסער שטילקייט,
גליטשט זיך דער שוואַרצער שליטן
און עס האַלט לבנה אין איין שפינען
די מעשה פון ליכטיקן באַגינען
אין לאַנד פון טויט וואָס קיינער האָט נאָך נישט געפונען.

אין אַ גרעסער ליד „רו" שילדערט שלום שטערן ווי אַזוי עס ווערט געבוירן די האָפנונג פון געזונט ווערן, ווי אַזוי די האָפנונג שטייגט, אַז פריד דער באַרבער" צערעדט זיך:

איי־בעטש־יו, עס וועט ניט נעמען לאַנג
און מיר וועלן מער נישט זיין קראַנק,
עס שטייט אין היינטיקן „פייפער"
אַז אין עטלאַכע יאָר אַרום
וועט שוין זיין אַ רפואה פאַר טי. בי. אומעטום.

און ווי אַזוי „פאַרלירט זיך די פרייד"... דאָס ליד איז זייער טראַגיש און קינסטלעריש אויפגעפאַסט, מאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. אָבער אין דער „קראַנקער שטאָט" לויכטן אויף האָפנונגען און ליכטיקע פרייד שפּאַצירט אָפט צווישן די איינוואוינער פון סאַנאַטאָריע

נעמט דידאָזיקע פרייד אַרום דער דיכטער, צעזינגט ער זיך אַזוי אמתדיק און שיין:

עס איז די פרייד היינט דורכגעפלויגן<br>
אויף די בעטן און אויף די שויבן<br>
און יעדן קראַנקן איינגערוימט:<br>
דיין פיין וועט אויפהערן<br>
וועסטו געזונט און שטאַרק ווערן.<br>
נישט באַדויער,<br>
טו אָפּ פון דיר דיין טרויער.

שלום שטערן איז אַ דיכטער מיט אַן אויער צו שטילער לירישקייט, געמיטלאַכקייט, און שבתדיקער אידישקייט, אייגנשאַפטן, וועלכע ער הערט ניט אויף צו לייטערן, און פאַרטיפן און זיי איבערקאָכן מיט ווייען פון טאַלאַנט. ער איז יונג און ענערגיש, ער האָט זיך געדרוקט אין „באַגינען" אויפקום" „צוקונפט" „ליטעראַרישע בלעטער" „מיר אַליין" „העפטן" „דאָס אידיש וואָרט" „קינדער זשורנאַל" און אַנדערע צייטשריפטן. האָט מען אַ רעכט פון אים צו דערוואַרטן גרעסערע און ערנסטערע פּאָעטישע אַרבעטן.

## א. קאַצענעלנבויגן

„דיינעס" (ליטווישע און לעטישע פאָלקסלידער) איז אַ גרויסע זאַמלונג פון פאָלקס־וואַריאַנטן, וועלכע האָבן זיך אַנטוויקלט אין פאַרלויף פון טויזנטער יאָרן אין פאָלקס־מויל, זייט זיי האָבן גע־וואַנדערט פון אַזיע אַרויס און זיך אָפּגעשטעלט אין מזרח אייראָפּע. צווישן די צוויי פעלקער (ליטוויש און לעטיש) האָבן טיילן פון אידישן פאָלק צוזאַמען פאַר יאָרהונדערטער געלעבט, און אוריה קאַצענעלבויגן האָט אויף זיך גענומען די גיגאַנטישע אויפגאַבע דידאַזיקע פאָלקס־לידער „דיינעס" איבערזעצן, אויספאָרשן, דערקלערן, אין איין וואָרט איבערדיכטן אויף אידיש, און סאיז באַשערט געווען דער שטאָט טאָראָנטאָ, קאַנאַדע, אַז דאָ זאָל די גרויסע, יאָרןלאַנגע אַרבעט פאַר־ענדיקט און געדרוקט ווערן אין אַ גרויסן, רחבותדיקן שיינעם בוך „דיינעס" 428 זייטן (יאָר 1930).

די איבערזעצטע ליטווישע און לעטישע פאָלקס־לידער זענען אין בוך איינגעטיילט ווי פאָלגט: מיטאָלאָגישע, היסטאָרישע, מלחמה, ליבע, משפחה, יתומישע, קלאָג־לידער, געזאַנג, וויגלידער, שפּאַסישע, רעטעניש און וועגן פויגלען און חיות, און לייענט מען זיי אין דער אָרדנונג אין וועלכער זיי זענען געדרוקט, אַנטבלויזט זיך אין בילדלאַכער שילדערונג די גאַנצע אַנטוויקלונגס געשיכטע פון צוויי פעלקער אין משך פון טויזנטער יאָרן! און יעדע עפּאָכע מיט אירע פאָלקס־לידער; אין דער אָפּטיילונג מיטאָלאָגיע איז די האַנדלונג פאַרבונדן מיט געטער אָדער געצנדינערישע געגנשטאַנדן, וועלכע זיי האָבן פאַרהייליקט ווי: בוים, שטיין, קאַטשקע, באַרג און ווינט און אַנדערע, ווי צום ביישפּיל (געטן פון ליבע):

לויפט אויף בערגל געטן ליימאַ *)
באַרוועס לויפט זי, רופט זי, שרייט זי:

כהאָב פאַרקליבן זיך אויף בערגל
זע איך שיפן זיך דריי פישער —
דיונגען — כענטשן — איבער ימעלע
האָט איר ניט געזען מיין ברודערל
איבער הויכן ימעלע?

אָדער:

עס שווימען דאָרט צוויי קאַטשקעלאַך
דאָס זענען ווייסע ברידערלאַך
קום האָרכן ביידע ברודערל
וואָס זאָגט ער אונזער טאַטעלע?

אָדער:

*) געטן פון ליבע

לבנהלע און זונעלע
פאַרקנסט אין פריען פרילינג
באַגינען גייט אויף זונעלע
לבנהלע טיילט אָפּ זיך.

לבנהלע אַליין שפּאַצירט
קרינגט ליב דעם אונטשטערן
פּערקונאָס אין גרוים צאָרן
צעהאַקט מיט שווערד לבנהלע.

אין דער היסטאָרישער און מלחמה אָפּטיילונגען גייען אריין „דיינעס", וועלכע דערציילן פון חרוב געמאַכטע ווירטשאַפטן:

פון ים די מענטשן
מיט בערד באַוואַקסן
צום ברעג אַרונטער
דאָס גערטנדל צעבראָכן.

פון איבערפאַלן וועלכע אונטערדריקן און פאַרניכטן אַלץ ארום און טרייבן צו פאַרצווייפלונג די אַרבעטנדיקע מענטשן, וועלכע יאָמערן:

מאַמעלע־מאַמע
האָסט מיך געהאָדעוועט
בעסער באַראָפּט מיך
קינדווייז דערטרינקען.

אָדער:

ניין יאָר פאַרפאַלן
און ניט איין טאָג
טראַ־לאַ לאַ־לאַ
און ניט איין טאָג
מען האָט מיך אין קריג געפאַנגען
אין תפיסהלע פאַרשפּאַרט.

דאָס פאָלק ווייסט אַז מיט „כאַבאַר" קען מען זיך ווי עס איז אויסקויפן, פילאָזאָפירט דער פאָלקס־מענטש:

אַ, ווען סזאַל קומען
מיין מאַמעלע
און זי זאָל ברענגען
אַ צוויי, דריי הונדערטער,
וואָלט מען מיך אָפּגעלאָזט,
די פיס און הענט פריי געמאַכט.

און פיינט האָט דאָס פאָלק מלחמה, לאַמענטירט עס:

הינטער טייכן,
הינטער ימים
איז אַ שלאַכט אַ גרויסער.

און אין זעלבן פאָלקסליד:

ניט איין מאַמע
זיצט אויף בערגל
און באַוויינט איר זונאַלע.

ניט איין שוועסטערל
גראבט אין זאמדעלע
זוכט איר ברודערל.

ניט איין מיידל,
כלה יונגענקע,
דארט באוויינט איר חתנדל.

דער אייביקער ליבע געפיל ווערט באזונגען אין די „דיינעס“ אויף אן אייגנארטיקן אופן, א געזאנג וואס פלעכט זיך ארום דעם פרימיטיוון לעבן פון פאלק:

זען זי, מיין מיידעלע,
מיידעלע ליבנקע,
דרויסן ביים טייכאלע
וועש א קארב שווענקט זי.

און ער בעט זי:

טריי בלייב מיר, מיידעלע,
גאנצע דריי יארעלאך.
איך וועל דיר קויפן
זיידן פארטשייקעלע.

איך וועל דיר קויפן
גרינזיידענע סטענגעס,
איך וועל דיר שענקען
גילדן רינגעלע.

אדער:

האב איך א מיידל
שענער פון אלע,
גייט זי דורך פעלדל
פאכן די סטענגעס.

אדער:

מיידעלע מיינס
קומט פונם גערטל
פלעכטנדיק קרענצל.

מיידעלע מיינס
קוק אן מיין פערדל
קוק ווי עס ציטערט

וועסט אזוי ציטערן
אונטערן קרענצל
ביי אונזער חופה.

און אזוי אין די מערסטע לידער, איבערהויפט די פאלקסלידער פון אלע אפטיילונגען אין בוך; אמתדיקע פאלקסלידער ליריש און העכט פאעטיש וואס שפיגלען אפ דעם לעבנס שטייגער אין פאר־שידענע צייטן אונטער פארשידענע באדינגונגען: ווירטשאפטלאכע, קולטורעלע און פאליטישע פון צוויי פעלקער, אין א פארם וואס

איז ענלאך צו געלונגענע פאָלקסלידער ביי אנדערע אגראר־פעלקער. אוריה קאצענעלנבויגן האָט דורך שלייפן און פאָלירן דאָס וואָרט, איבערהויפט מייסטערשאפט פון שפראך, אזוי איבערזעצט די „דיינעס" מיט א געבענטשטן טאָן פון הומאָר און ליבשאפט, אז אים איז געלונגען צו אנטפלעקן פאר דער אידישער ליטעראטור, די נשמה פון צוויי פעלקער, צווישן וועלכע טיילן פון אונזער פאָלק האָבן פאר יאָרהונדערטער געלעבט.

## יעקב זיפּער

יעקב זיפּער איז איבערהויפּט אַ דערציילער פון חסידישן לעבן. און לידער האָט ער ווייניקער געשריבן, אָבער כמעט אַלע געהערן צום וואָרצל פון זיין דערציילערישער טעמאַטיק; און זיין וויכטיקסטע פּאָעטישע ארבעט איז אָן צווייפל זיין גרויסע באַלאַדע „דאָס מעשהלע פון נקמה" געדרוקט אין „אויפברויז":

„גאַלדיק און שפּיזיק איז פּחד אין מענטשן
שפּיזיקער און גרוילאַכער
איז מאַמעס שטאַלצע פאַרביסנקייט..."
— אַזוי דערציילט זיך דאָס מעשהלע פון נקמה.

און דאָס מעשהלע האָב איך אין אַלטן ספר געלייענט,
און די נקמה — ווײ צו מיר!
איז נישט קיין מענטשלאַכע, נישט קיין מאַלפּישע —
ווײ צו זײ! ווײ צו זײ!! ! !

עפּעס האָט י. זיפּער מיטן דראַמאַטישן אַריינפיר אין דער באַ־לאַדע אָנגעצויגן די אַטמאָספערע מיט געהיימנים און דראַמאַטיק און זי ווערט נאָך געהיימניספולער ווען ער דערציילט:

מיין טאַטע האָט מיר אויף דעם אַנגעוויזן
און מיין מאַמע האָט מיט ליפּן פאַרצויגענע
ביטער געסאַשקעט:
„ווי אַזוי האָט זי עס געקענט?
ווײ צו מיר און ווינד!" —

דער טאַטע אָבער איז אַ איד אַ פאַרוואַקסענער
מיט אויגן — חלפים־שניט —
טייטשט ער פּסוקים, ווי אים געפעלט:
„אַז דער מענטש איז אין צער
די שכינה, וואָס זאָגט?

שאַנד צו מיר, פון מיין קאָפּ
שאַנד צו מיר פון מיין האַנט!"

אַזוי טייטשט ער זיך און ווינקט מיר אַז:
„לייען דאָס מעשהלע פון נקמה, קינד!"
און סהויבט זיך אַז אַזוי:

דאָ איז דאָ געשפּאַנטער אָנהויב פאַר אַ דראַמאַטישער שיל־דערונג!... און ווי פּאָעטיש איז דאָס אָרט, וואו די ספּיריטועלע געשעעניש אנטשטייט:

אין וואַרמיישאַ דער שטאָט,
ביים טייך פון בלויע וואַסערן
האָבן ווילדע הערדעס
אַ טויטן־טאַנץ געטאַנצט.

אינמיטן פעלד, האָבן זיי אַ טויטן גאָט אַוועקגעשטעלט
און אַרום אים געהוליעט אַ גאַנצע נאַכט.

אַזעלכע פאַנטאַסטישע בילדער, אַזוי פיל ריטם; האָט אין

שטעטל אזוינס פּאסירט וואָס איז אויסעראָרדנטלאך טמאה מוז אנטשטיין דער מאָראלישער פּראטעסט, שילדערט דער דיכטער:

האט דאַמאָלסט דער טאָג זיך געבעטן:
האָר פון אלע וועלטן,
לאָמיר איין טאָג זיין אין פינצטערניש;
די נאַכט איז שלום שוין מיטן טויטן גאָט
לאָמיך פינצטערן מיט דיר, לעבעדיקער.

דאָס איז ניט קיין אויסגעטראכטע טראגעדיע, נאָר פון אוצר פון אידישן מארטירערטום ארויסגענומען, מיט בלוט פארשריבענע ווייטיקן אין אידישע געשיכטע, ווען א מאמע האָט מיט אייגענע האנט אויסגעקוילעט אירע קינדערלאך אין דער צייט פון די קרייצ־צוגן:

ביינאַכט האט א מאַמע זיך באַטראַכט
נקמה צו נעמען פון די שונאים
וואָס זוכן אירע קינדער צו היילקן
פארן טויטן גאָט — וויי איז מיר!
נקמה איז אויך א היילקע זאַך...

און דער דיכטער שילדערט:

העלדזלאַך שטרעקן זיך אליין
אונטער מאַמעס האַנט —
מעסער ציט אזוי שדיש
ווי א מענטשלאַכער גענאַד
א קוויטש —
א ציִשע —
א רויער יאָמער"...
ווען טוט וויי, טייערע?

און אז אין שטאָט ווארמיישא האָט זיך דער שונא ארייגנעריסן מיט ווילדן געשריי:

א טויט די קרייציקער פון משיח!

אפן זענען אלע באַהעלטעניִשן
אַנטפּלעקט און אויסגעשטעלט
צו גאַרער רויב און שאַנד.

און אז:

א טויט די קרייציקער פון יעזוס!
רוישט די גאַס,
קוקן אויגן שטאַר און גרוילאַך
אויף פאַרפלייצטע גאַס
צוקן אַקסלען — כליפּען ווייבער —
— פאַרמאַכט די אויגן!
שטייט אַן ערה בלינדע אידן
און גלאצן אויף פאַרפלייצטער גאַס
בלישטשעט א יעזוסל אויף א פאַן
מיניעט זיך הויך און עזותדיק
און גלאצט מיט בלינדע אויגן אין הויז אריין.

און באַפעלן:

הייליקט זיין נאָמען און לעבט!

פּאַסירט עטוואָס אויסטערלישעס:

שנייד זיך אַריין ווייך און לאַשטשנדיק אַ קול:
— פאַרשטאָפּט די אויערן!

פון אָנפאַנג ביז ענד פון דער באַלאַדע, האַלט יעקב זיפּער אָן דעם טראַגיש־מאַרטירערישן טאָן. די בילדער, וועלכע ער מאָלט בלענדן מיט זייער אויסטערלישקייט:

און דער טאָג האָט זיך געקאַרטשעט אין טויזנט פאַלדן
און בלומען האָבן געשמעקט מיט מיליאָנען ריחות,
וואָסערן בלויע האָבן געפינקלט
טויטער גאָט האָט געקוקט מיט גלאַזיקן גלאָז
און גאַנץ וואַרמיישאַ איז חרוב געוואָרן.

ניט אַלע טיילן פון דער באַלאַדע זענען גלייך קינסטלעריש, אָבער „דאָס מעשהלע פון נקמה“ אַלס אַ גאַנצע אַרבעט איז אַ פּאָע־טישער אויפטו פון וויכטיקן באַדייט.

די מערסטע לידער זיפּערס, צייכנען זיך אויס מיט אַ טעמאַ־טיש־פילאָזאָפישן אינהאַלט און לאַקאָנישער פאָרם:

פעלזן שווייגן נישט,
פעלזן טעסען שטיל אַרוים
דעם צער פון ליגן —
פעלזן זענען נישט מיד.

אָדער:

שווער זענען מענטשנס זינד,
שווערער נאָך איז גאָטס צאָרן.

אָדער:

שאָטנס צעשויבערן די נאַכט,
שאַקאַלן באַוויינען זי —

אָדער:

דערציילן בלעטלאַך אַלטע:
„גאָט איז דאָן פון כסא הכבוד אַראָפּ
צו זען יונגפרוי אַ פאַרשטומטע דאָרט
און — פון באַשעפער איז
קילנדיקער צער געוואָרן —
שווייגן זיי ביידע אַזוי.“

און עס מאַכט ניט אויס, וואָס פאַר אַ ליד ער פאַרפאַסט, איז דער הויפּט מאָטיוו אַ דערציילערישער פון פאָלקס־אוצר, אָבער ווייט ניט פאָלקסטימלאַך — נאָר גיכער חריפותדיק, אָקולטיש, און גע־קליידט אין ציטערדיקער פאַנטאַסטיק. די שפּראַך זיפּערס ליידט פון צו פיל געדאַנקלאַכקייט, אָבער זי איז וואו־ניט־וואו רייך און בילדלאַך.

## מרדכי יאָפע

מרדכי יפה קומט פון קאָוונער גובערניע. צו 14 יאָר האָט ער שוין אַרויסגעגעבן אַ זאַמלבוך אין ווילנע, אונטערן נאָמען „בילדער“. ער האָט זיך געדרוקט אין פאַרשידענע צייטשריפטן, זשורנאַלן און צייטונגען, אין ליטע, וואו ער איז גוט באַקאַנט. אין קאַנאַדע גע־פינט ער זיך זייט יאָר 1928, די גאַנצע צייט אין וואַנקואַווער, און כאָטש ער האָט געשריבן אויף פיל געביטן: דערציילונגען, פּובלי־ציסטיק, רעצעניעס, הומאָרעסקעס, איבערזעצונגען און לידער. וועל איך נאָר מאַכן אַ פּאָר באַמערקונגען וועגן זיינע לידער.

מרדכי יפה, שרייבט אין פאַרשידענע „פּאָרמען“: באַלאַדן, הומאָריסטישע לידער, א. א. וו. סיי די באַלאַדן, סיי די הומאָ־ריסטישע לידער ליידן פון געקינצלטע גראַמעריי און שפּראַך אָרעמקייט:

אַ שמש וואוינט דאָרט מיט זיין איינציקער טאָכטער
זי גלעט אים די באָרד, גיט אים נאָרונג און פלעגע
דער שמש ווערט עלטער, געבויגן — פאַריאָכטער
דאָס מיידל ווערט שלאַנקער און שענער פון רגע.
(באַלאַדע)

כאָטש אין זיינע דערציילערישע לידער געלינגט אים אַמאָל צו זיין פאָלקסטימלאַך ווי:

אויף אַ באַרג, אויף אַ באַרג איז געשטאַנען אַ מיל
און אַמאָל
האָבן מענטשן געלעבט אינם טאָל.

מען דערציילט, מען דערציילט, אירע פליגלען פון ווינט,
האָבן פריילאַך זיך מאָן, ווייב און קינד
און געטאַנצט און געלאַכט, און געלאַכט און געפרייט זיך:
אירע ריזיקע פליגלען — געדרייט זיך, געדרייט זיך.

אָפט זוכט ער צו שרייבן מיט פּשוטע ווערטער און דערציילט אויף אַ מין אנכי־שטייגער עפּעס אַן אַלטע לעגענדע אַ שטייגער ווי די פאַנטאַסטישע מעשהלע פון דער מיל:

אויף אַ באַרג, אויף אַ באַרג איז געשטאַנען אַ מיל
און די פליגלען — פאַרבראָכן — הענגט אין די שטיל.

און ווייטער:

סהאָט דער ווינט זיך געטראָגן צעלאָזן און ווילד
און געקערט אַלע וועגן, זיך מאָרנע געשפּילט.
סהאָבן בלעטלאַך פון בוימער געטאַנצט קאַראַהאָד
— — — — — — —
דאָך די פליגלען פון מיל, דאָך די פליגלען פון מיל
ווי פאַרבראָכענע הענגט אין אַ ווינקעלע שטיל.

אָבער מערסטנס זענען זיינע לידער פּובליציסטיש.

אַט זינגט ער:

און סגייען טעג, זיי גייען און פאַרשווינדן און זיי קומען.
טעג באַלויכטענע פון יום־טובדיקע זונען.
טעג באַרעגנטע און אנגעווירצט מיט רוחות,
טעג וואָס וועקן זיך ווי שלאָפעדיקע לייבן,
טעג וואָס ריגלען מעלאַנכאָלישע ניגונים.
(טעג)

אָדער:

כהאָב אייך ליב, ווי מיין מוטערס אַ שמייכל,
ווען זי קלערט פון מיין קומען אַהיים.
איך דערמאָן זיך אַז ווען וואָס שיידן
און ברענגען מיך ווידער געהיים.
(פרויען)

עס מאַכט ניט אויס אויב ער פילאָזאָפירט וועגן טויט, וועגן קינדער, אָדער גלאַט עפּעס אַ ראָמאַנס, אין אַלע הערשט עפּעס אַזאַ וואָכנדיקייט פון אויסדרוק, אַזאַ בולטע טענדענץ, אַז מיט אַמתער דיכטונג קער זיך עס ווייניק אָן:

וויין ניט! עס פּאַסט נישט פאַר גרויסע צו וויינען.
אַ גרויסער דאַרף רוי און פאַרעקשנט זיך שטעלן אַנטקעגן,
אַ גרויסער דאַרף וויקלען דעם האַלדז מיט שלענג
כדי אַז דער צווייטער זאָל מיינען
אַז סזענען דערוואַקסענע שטרענג.

איך רעדט שוין נישט פון דער נאַאיוויטעט פון אויספיר, אָבער די באַנאַליטעט און מאָדנער אידיש, זאָגן עדות, אַז דאָס איז איינ־פאַכע... פאַראַן אָבער לידער ביי מרדכי יאַפע, וועלכע דייטן דאַרט זיך אָן אויף סימנים פון פּייאיקייט. אָט איז ביי אים אַ שטימונג אַז די נאַכט קוקט אריין אין פענצטער צו אים. איז די נאַכט מיינט ער מסתמא דעם טויט, און אים איז שווער זיך צו שיידן מיטן לעבן — אַ פיינַע טעמאַטיק פאַר אַ ליד — האָט יאַפע זיך צעזונגען:

איך ליג פאַרקנוילט אויף מיין געלעגער
שטייט עמיצער ביי מיר צוקאָפּנס.

ער ווייזט מיר אַן מיט קרומע פינגער,
אַז סזענען אָפן אַלע טירן.
און כזע, ווי שמאָל עס איז דאָס שטעגל,
וואו ער וועט גיין, וואו ער וועט פירן

ווי שווער עס איז! ווען סטרונעס וויינען,
ווי קינדער, קינדערלאַך יתומים,
און סווילט זיך ניט גיין מיט יענעם
מיט יענעם פרעמדן און געהיימען.

ווי אַזוי קומען אַהער די סטרונעס איז מיר נישט קלאָר, אָבער איינגאַנצן גענומען דריקט דאָס ליד אויס, ביז אַ געוויסן גראַד, אַן אמתן געפיל. צו דער סעריע געהער אויך זיין ליד „לאָזט אַוועק די שוואַנען״ פון וועלכן איך ציטיר:

ווער עס גלויבט נאָך אין זיין מאָרגן,
ווער אין ווייטקייט זעט זיין ציל —
זאָל די ווייסקייט טיף פאַרבאָרגן
אין זיין שטילטסן — אין דער שטיל.

יענער איינער ווער סגעדענקט נאָך
קלאָר זיין מאַמע און זיין היים,
און ער ליבט נאָך, און ער בענקט נאָך
און ער וויינט ווען אין געהיים. —

אָבער אַפילו אין די בעסערע לידער פעלט עכטקייט און בולטערע סימנים פון קינסטלערישקייט. פון דעם מאַטעריאַל, וועלכער איז מיר אויסגעקומען לייענען, קום איך צו דער איבערצייגונג, אַז מרדכי יאפע דאַרף שווער אַרבעטן זיך צו דערשלאָגן צו אַ דיכטערישער מדרגה, און אַז עס וואָלט, אפשרר, בעסער געווען פאַר אים זיך צו קאָנצענטרירן אויף זיינע פּראָזע אַרבעטן, אין וועלכע ער צייכנט זיך אויס.

# הימאַן עדעלשטיין

## היימאַן עדלשטיין

היימאַן עדלשטיין שטאַמט פון אירלאַנד וואו ער האָט געענדיקט דעם אוניווערזיטעט און גלייך איינגעוואַנדערט אין קאַנאַדע. אין יאָר 1914 איז דערשינען אין מאָנטרעאַל זיין ערשט ביכל „פראָם זשודיען ווײַן־יאַרדס". (33 זייטן). אויפן ערשטן זייטל געפינט זיך די באַמערקונג אַז מיטן אויסנאַם פון איין ליד, זענען אַלע אַנדערע שוין פריער געדרוקטע (וואו געדרוקט ווייס איך נישט.) די גאַנצע טעמאַטיק פון ביכל איז אַלגעמיינע אידישע און ציוניסטישע מאָטיוון, ווי: הערצל, דער וואַנדערנדער איד, ירושלים, פסח, א. ז. וו. און כאָטש די מאָטיוון זענען טענדענציעזע, דיכטעט זיי עדלשטיין מיט אַ ליטעראַריש־היסטאָרישן צוגאַנג און אַ טאָן פון אַפּאָלאָגיטעק און שטראָף:

Father full of mercy! ..  
Thus all tumult Cease:  
We wage Controversy  
And Thou sendest peace!  
Now with tears we barter  
For forgiveness:  
Now we mourn the Martyr,  
Now his name we bless! —

Vain our lamentation,  
What can we implore?  
He sought Restoration —  
Naught can him restore!  
Who shall wake the Sleeper,  
What repose is deeper  
Than within earth's breast?  
Far he looked for rest,

און איבערגייענדיק צו נאַציאָנאַלן פּאַטאָס אין זעלבן ליד זינגט ער מיט איבערצייגונג און געלונגענעם פאַרגלייך:

He did not pander  
Cowed by faction's sword,  
Prophet — tongued Commander  
Of a Babel hord!  
Peer of Ancient Moses  
Herzl, thus we rue!  
Time herself discloses  
What ye spake is true.

ס'איז נאָך געוועזן פאַר דער באַלפור דעקלאַראַציע און פאַר דעם גרויסן אויפבוי אין אר"י ישראל, לאַמענטירט דער דיכטער:

Oppressive still is the once-golden City,
The sun in haste
Sets with a look suffused of love and pity
On Zion's waste.

און פול מיט גלויבן אין ציוניזם, פערזאָניפיצירט ער (לויט דער ראָמאַנטישער מאָדע פון יענער צייט) ציון אַלס אַ יונג־פרוי:

Of all the sweets with which this globe is laden,
Of all the glory which doth earth adorn,
What is there sweeter than the Hebrew Maiden,
Of Heaven-chosen race its chosen born?

און לויבנדיק זי ווי די אייביקע צווינגער־ירושה פון אונזער מארטירערטום, באַפעלט ער צו איר:

Be worthy; stand triumphant, Zion's daughter,
Thy heritage doth o'er all others rise,
Covering the earth, as on the sea the water,
High above men, and o'er the earth the skies!

סאיז אמת, אַז דער ענגליש אין וועלכן זיינע אַלע לידער אין דעם ביכל זענען געשריבן איז אַ מוסטערהאַפטער, איך צווייפל אָבער אויב זיינע גלאָריפיקאַציעס זענען קינסטלעריש. ווייל נאָך אַלעמען זענען זיי פאָרט זייער טענדענציעז און אַפּאָלאָגעטיש. דאָס איינ־ציק, ווי מיר וואָלטן היינט געזאָגט, „פּראָלעטאַריש" ליד (איך מיין פאָלקסטימלאַך) אין דעם ביכל, וועלכעס שילדערט דערציילעריש וועגן אַ „מיידל פונם „בונד" אין רוסלאַנד, איז אויך אין דעם זעלבן אַפּאָלאָגעטיש־טענדענציעזן טאָן.

ארום דערזעלבער צייט איז דערשינען אַ קליין ביכל פון 15 זייטן אונטערן נאָמען „לענאַ זאובער אָדער אַ זינד פון די אויגן" אַ פּאָעמע, וועלכע פאַנגט זיך אָן אַזוי דין און דעסקריפּטיוו (די טעמע איז פון אירלענדישן פאָלקלאָר):

Came music softly floating down the stream
Or twilight breezes by a Summer Sea,
Where violet-mists tinged with a dream of Sunset.

און וועלכע דערציילט אַ צויבער געשיכטע וועגן אַ מיידל פון אירלאַנד:

A girl was singing in a lonely nook
Framed by the cliffs upon on Irish shore.

אין יאָר 1916 איז דערשינען זיין בוך „קענעדיען ליריקס",

63 זייטן, געדרוקט אין מאָנטרעאל. אַ פול רייפערע אַרבעט איידער זיינע פריערדיקע ביכלאַך. ער האָט דאָ שוין דערקענט די קאַנאַדער לאַנדשאַפט, שוין דערהערט דעם קאַנאַדער טאָן, קאַנאַדע איז שוין געוואָרן זיין ליבע היים — זינגט ער וועגן איר מיט ליבשאַפט:

O Tropic-Arctic home, my own,
Whose Charms I fondly cherish
Though but three years this love I've known,
Such love will never perish.

און פאַרליבט אין קאַנאַדער קלימאַט, גערינגט אים מייסטער־האַפט צו מאָלן:

And there's something that's haunting and tragic
In this slumber of ancient repose;
And the phantom — like lights and the magic
Of the moon on Canadian Snows.

אָבער אין דעמזעלבן בוך געפינען זיך אַ גאַנצע גרופּע פּאַט־ריאָטישע לידער, וועלכע האָבן מיט קונסט קיין שום שייכות נישט.

אין יאָר 1924 איז דערשינען אין מאָנטרעאל זיין פערטער בוך „לאַטער ראָוז" (63 זייטן), לידער וועגן זיין געבורטס־אָרט — פּאַטריאָטיש־אידישע מאָטיוון, ביבל גלאָריפיקאַציעס, א. א.ז. פאַר־געסנדיק פאַר אַ רגע זיינע ליבע טענדענצן, ווען דער דיכטער אין אים זינגט אוממיטלבאַר וועגן לעבן אַזוי ווי ער פילט עס, און לעבט עס איבער קינסטלעריש, לייענען מיר אמתע ליריק:

Blowing us back schoolwards come the breezes with
the winsome, wistful skies of Spring
And a heart with many Winters withered, still of nearing
Summer loves to Sing.

Birds are fluting on the naked branches, and the sun
is warm upon the snow,
In the desolate heart a song is waking, and the frozen
river soon will flow.

אָדער:

Among the flowers, where God stoops low, I laid me
down, when night sailed still
And far away each couching hill shone silvery in the
moon's pure snow.
The living stars with vibrant light
Pulsed on the bosom of the night.

אָדער:

She lolls alone in the arms of the land
That enfold her, warm and strong,
And she plays me old songs of many a mood
With her harp, the Golden shore;
Sweeping her strings of ripply sand
Plucked by her glittering diamond hand
With fingers lingering o'er . . . .
And her music is borne by the wind inland,
To a heart that her own has wooed.

און דידאָזיקע לירישע מאָטיוון זענען לויט מיין באַשיידענער מיינונג די איינציקע אין זיינע ביכער, וועלכע האָבן אַ קינסטלערישן ווערט. אינטערעסאַנט זענען די מיינונגען וועגן זיינע לידער פון די קאַנאַדער קריטיקער; דער קריטיקער פון מאָנטרעאַל שרייבט. „הײמאַן עדלשטיין איז אַ זינגער, וועמעס געזאַנג איז אַ ריינע קלאַריאַן נאָטע. אַזעלכע פּאָעמען ווי „דער רבי פון ליאָן“ אָטעמען אַ ליידנשאַפט און אינספּיראַציע, וועלכע איז זעלטן צווישן יונגע דיכטער. עס איז פאַראַן אַ מאָס פון דעם שטאָלצן, געלאַסענעם ריטם פון דעם פּסאַלמיסט אין די לידער: „ישעיהוס ענטפער“ „לאָז מיין פאָלק צורו“ אָדער „ציון איז פריי“. אויף כמעט דעמ־זעלבן אופן שרייבן וועגן אים די קריטיקער פון „מאָנטרעאַל גאַזעט“, „ליטעראַרי רעוויו פון ניו־יאָרק איוונינג פּאָסט“ און „קענעידיען בוקמאַן“.

אַלע אונטערשטרייכן זיינע אידישע מאָטיוון אפשר דערפאַר וואָס פאַר זיי זענען די לאַמענטאַציעס און גלאָריפיקאַציעס אויס־טערליש און אַנדערש, און אפשר אויך ניי. לויט מיין מיינונג ווי שוין דערמאָנט איז גראַד דער טייל פון זיינע לידער דער סאַמע שוואַכסטער. דער לעצטער (פינפטער) בוך זיינער איז דערשינען אין אטאַוואַ (157 זייטן), אונטערן נאָמען „געקליבענע פּאָעמען“ און איז אַ מין געקליבענע זאַמלונג פון זיינע פריערדיקע לידער מיט אַלע מעלות און חסרונות. הײמאַן עדלשטיין איז איינער פון די ערשטע פון די ענגליש־אידישע דיכטער אין קאַנאַדע — אַ וויכ־טיקער, וועלכער איז אָבער נישט בכוח געווען קינסטלעריש אַרוי־בערצושטייגן זיינע ערשטע בעסערע אַרבעטן.

אברהם מ. קליין

אברהם מ. קליין איז איינער פון די וויכטיקסטע יונגע אידיש־ענגלישע דיכטער אין קאנאדע. כאָטש געבוירן אין קאנאדע איז ער אָנגעזאפּט אויסער זיין אקאדעמישן וויסן — מיט אידיש־העברעאישער קולטור, און איז מער איידער אלע אנדערע אידיש־ענגלישע דיכטער אין קאנאדע דער אידישסטער דיכטער צווישן זיי. ניט נאָר זענען א גרויסע טייל פון זיינע לידער טעמאטיש אידיש ווי: בילדער פון א מנין, קדיש, קהלת, די ווערטער פון פּלוני בן פּלוני, צו איובן, העברעאישע זשעסטן, הגדה, חסידישער טאנץ, נחמיה, און צענדליקע אנדערע טעמעס פון אידישן אוצר. ער איז אויך אויסער דער טעמאטיק, אידיש אין זיין באוואוסטזיין און טעמפּעראמענט — און דאָ און דאָרט לאָזט ער איבער דעם ריין־דיכטערישן טאָן און טרעט צו צו שארפער סאטירע אָדער שארפן הומאָר. אויב אין קאנאדע איז אויך דאָ אָרגאניזירטער אנטיסעמיטיזם, מיט פּאָליטישער, עקאָנאָמישער און קולטורעלער דעסקרימינאציע — און סיי אין אוניווערזיטעט, סיי אין לעבן — פילט דער סטודענט ווי שווער „סאיז צו זיין א איד" רעאגירט דארויף א. קליין אזוי אָריגינעל:

Now we will suffer loss of memory;
We will forget the tongue our mother's knew,
We will munch ham, and guzzle milk there to
And this on hallowed fast days, purposely...
To Gentile parties we will proudly go
And Christians anecdoting us, will say:
Mr. and Mrs. Klein — the Jews — you know.

פריי איבערזעצט:

איצט וועלן מיר דעם זכרון אנווערן,
מיר וועלן די שפּראך פארגעסן וואס די מאמע האט גערעדט,
מירוועלן קייען חזיר און מיט מילך פארטרינקען
דוקא אין פארהייליקטע תעניתים־טעג....
צו גוי'שע שמחות מיט שטאלץ וועלן מיר גיין
און קריסטן — שמייכלענדיק צווישן זיך וועלן זאגן:
מר. און מרס. קליין — די אידן — איר ווייסט דאך!

און עס פילט זיך ניט קיין בייזקייט, אָדער נידערגעשלאָגנקייט, ווייל א. קליין פארשטייט אז אלץ שטאמט פון ניט וויסן און אז א באוואוסטזיניק און פאראייניקט אידנטום וואָלט געווירקט אויף דער ארומיקער סביבה, און זי טאָלעראנטער געמאכט. דערפאר איראָניזירט ער ער גוטמוטיק פארשידענע טיפּן פון אידישן לעבן. זייער כאראקטעריסטיש איז זיין סעריע „„פּאָרטרעטן פון א מנין"; ער נעמט א „לענדלאָרד" א תלמיד־חכם וואָס שיט מיט תורה. אָבער ווי זעט ער אויס ווען עס האנדלט זיך אין איינמאָנען דירה־געלט:

But none the less, his tenants pay,
Or meet the bailiff.

אָדער אַ תהלים־זאָגער, אַ בעל־קורא, אַ סאָפּיסט און צייגט יעדן אויסגעטאָן פון דעם סאַמע עיקר — און אָנגעטאָן אין אַ ווידער־שפּרעכענדיקער אויבערפלאַכלעכקייט און אויסערלאַכקייט... דערפאַר זענען די פּאָרטרעטן־לידער מער טענדענציעז און ווייניקער קינסט־לעריש, אָבער דאָך אַ טייל פון דער פיינער לידער־סעריע, וועלכע שילדערט אין דיכטערישער פאָרם דעם געטאָ אונזערן — מיט די סענטימענטן, וועלכע באַזעלן אים און מיט אַלע נעגאַטיוון פון „מיין סטריט“ — ניט ווי אַן אָפּלאַכער, נאָר ווי אַן אייגענער וועמען עס קרענקט דער נידעריקער ניוואָ — און וועלכער ווייסט אַז מיטן גרויסן אוצר פון אונזער קולטור, מיט ווילן און שטאָלץ און איבערהויפּט מיטן אַנטוויקלען דאָ וואו מיר זענען אונזער אייגענע קולטורעלע סביבה — קענען מיר פיל גליקלאַכער זיין...

אָבער אמת'ע קינסטלערישקייט דערגרייכט ער אין זיינע נאַציאָ־נאַל־היסטאָרישע מאָטיוון — עפּעס אַן אָפּקלאַנג פון ביאַליקן אויף ענגליש... פּונקט אַזוי ווי ביאַליק אין שחיטה־שטאָט, אַזוי אויך אַ. קליין מיטן אָנגעווייטיקטן זשעסט:

O Chronicler, pull down the heavy tome;
Open a blank page; fashion a pen from bone;
Dip it in Skulls where blood is ink; inscribe
The welcome Jews received on Comming home.

פריי איבערזעצט:

אַ, כראָניקער, צי אַרונטער דאָס שווערע בוך
מיש אויף אַ ווייסן בלאַט; מייסטער אַ פּען פון ביין;
טינק אין שאַרבנס וואו בלוט איז טינט; פאַרשרייב
די אויפנאַם אידן האָבן באַקומען, אומקערנדיק אַהיים.

דער דיכטער איז קיינמאָל אין צפת ניט געווען, ווייל ער האָט נאָך קיינמאָל די היגע שנייען ניט פאַרלאָזן — און קיינמאָל ניט געפאָרן קיין ארץ ישראל, אָבער:

Your memory annoints my brain a shrine
Your white roofs poetize my prose
Your halidom is mine.

דיינע זכרונות זענען פאַר מיר אַ הייליקייט
דיינע ווייסע דעכער האָבן פּאָרדיכטעט דיין פּראָזע
דיינע הייליקייטן זענען מיינע.

פאַרוואָס? ווייל:

Your streets, terraced and curved and narrow.
I climbed in my youth, attending on your sages,
I sat at the feet of Rabbi Joseph Caro,
I turned the musty ard snuff-tinctured pages
Of mystic books bewildering my little pate,
And with Reb Jacob Luria, surnamed the Pard,
Who rose on Friday twilights to become Gods Ward.
I ate, and blessed the single plate...
I followed them, I loved them, Sage and Saint.

איבערזעצט:

דיינע גאַסן געפּלאַסטערטע, געדרייט און שמאָל
איך האָב געקלעטערט אין מיין יוגנט, באַדינט דיינע אבנים,
בין געזעסן ביי די פיס פון רבי יוסף קאַראָ
געבלעטערט פאַרגעלטע, טאַבאַק פאַרפלעקטע בלעטער
פון מיסטישע ביכער, וואָס האָבן מיין מח פאַרוואונדערט,
און מיט רבי יעקב לוריא וועמען מען האָט גערופן עלצטער,
וואָס פלעגט פרייטיק בין השמשות אויפשטיין, צו ווערן גאָטס היטער.
איך האָב געגעסן, און געבענטשט, דעם איינציקן טעלער.
כהאָב זיי באַגלייט, כהאָב זיי געליבט, דעם נבון, דעם הייליקן.

כאָטש ער איז אין ארץ ישראל קיינמאָל ניט געווען, איז ער „היימיש" דאָרט, און זיין דיכטערישע נשמה איז דערפאַר אויפגעציטערט געוואָרן מיט טיפסטע איבערלעבונגען ווען די העבראַן אומשלאַכטונגען האָבן אויפגעציטערט די אידישע וועלט:

The ghosts of Hebron lift their Coffin-lids
And throw the Shards from off their eyes.
Specters of Talpioth arise.
The cemetery sighs...

גייסטער פון חברון הויבן אויף די ברעמען פון זייערע טויט־קאַסטנס
און וואַרפן די שערבעלאַך אַראָפּ פון די אויגן,
ספּעקטאָרן פון תלפיות שטייען אויף,
דער בית־עולם זיפצט...

און ער פרעגט מיט ברויזנדע איראָניע:

Is this the Son of Ishmael?
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
Confounding Mahamoud and blood
Opposing scimitar to sun.

פריי איבערזעצט: 2

איז דאָס דער זון פון ישמעאל?
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
וואָס פאַרבייט מחמדן מיט בלוט
און שטעלט די שווערד אַנטקעגן אין דער זון?

און ער ענטפערט אַן אַנטשיידענעם ענטפער:

No peace to them — the bandits fattening on blood
No peace.
Rather the dagger to the hilt.
The bullet to the heart,
The gallows built,
And the ignoble Cart...

פריי איבערזעצט:

קיין פרידן ניט צו זיי — באַנדיטן פעט־געוואָרענע אויף בלוט
קיין פרידן.
בעסער דאָס מעסער צום הענטל פון שווערד,
די קויל צום האַרצן
דאָס אויפשטעלן אַ תליה
און דער שענדלאַכער וואָגן...

אָבער ער קוואַליפיצירט באַלד זיין ענטשידענעם ענטפער ווי אַ פאָלקס־מענטש — ווי אַן אַרבעטער וועמעס האַרץ איז פול פאַרן אַרבעטנדיקן מענטשן:

To them no peace, but unto you; O fellaheen
O worker in the smithy of the sun
Dupes of ventriloquists who belch the unseen,
Good men deluded by the Evil One,
I, the Son of a worker, and a worker myself,
I who have known the Sweat that salts the lip
The blister on the palm, the aching hip,
I offer to you Companionship,
Saying:

Accursed he who mouths a scarlet threat!
Who lets new blood before the old congeals,
Who makes of carcasses his festal meals,
And who declares that he will not forget!

The Muezzin upon the Minaret
Announces dawn once more; the Moslem kneels;
Elation lifts the Jew from off his heels;
Izak and Ishmael are cousins met.
No desert cries encircle Omar's dome,
No tear erodes the wall of ancient pain;
Once more may brothers dwell in peace at home;
Though blood was spattered, it has left no stain;
The greeting of this day is loud Shalom!
The white doves settle on the roofs again...

איבערזעצט:

קיין פרידן ניט צו זיי, אָבער צו דיר, אַ, פעלאַך,
אַז אַרבעטער אין ברענענדיקער זון,

גענאַרטע פון פאַרפעסטעטן צוואַנג פון אָרום,
גוטע מענטשן פאַרפירטע פון שלעכטע,
איך, זון פון אַן אַרבעטער, און אַליין אַן אַרבעטער,
איך, וואָס קען דעם שווייס וואָס זאַלצט די ליפּ,
די וואונד אויף האַנט, די ווייטיקדיקע זייט
איך באַט אייך אַן חברישקייט,
און זאָג:

פאַרשאַלטן דער וואָס לאָזט פון מויל אַרויס אַ רויטע דראָונג,
וואָס לאָזט ניי בלוט איידער דאָס אַלטע איז פאַרקילט,
וואָס מאַכט פון טויטע קערפּער זיין פייערלאַכן מאַלצייט
און לאָזט וויסן, אַז ער וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן!

דער תפילה־זאָגער אויפן מינאַרעט
לאָזט וויסן אַ נייע ליכט גייט ווידער אויף: דער מוסולמאַנער קניט,
דערהויבונג הויבט דעם אידן אויף פון זיינע קנאַפּל,
יצחק און ישמעאל — באַגעגנטע שוועסטערקינדער.

קיין ווייסט געוויין רינגלט האָמאָרם קופּאָל.
קיין טרער צעפּרעסט די וואַנט פון אַלטן פּיין.
ברידער מעגן נאָכאַמאָל וואוינען אין פרידן אין זייער היים,
כאָטש בלוט האָט געפלאָסן, איז ניט קיין פלעק געבליבן
די היינטיקע באַגריסונג איז אַ שאַלנדער שלום!
די ווייסע טויבן שטעלן ווידער זיך אויף דעכער...

און כאָטש א. מ. קליינס שפּראַך איז אָפּט זייער אינטעלעקטועל און שאַרף. געלינגט אים אָבער מאָלן אין שאַרפע ליניען זייער בולטע בילדער אין ריטמישער פאָרם — וואָס מאַכן אַ טיפן איינדרוק.

וויפיל ערודיציע און דיכטערישע פאַרשטענדעניש קוועלט אַרויס פון א. מ. קליינס מאָדערנער שפּראַך־שילדערונג פון „רבי לוי יצחקס געשפּרעכן צו גאָט“:

Reb Levi Itzchok, Crony of the Lord,
Familiar of heaven, broods these days...
His heart erupts in sighs, He will have a word
At last, with Him of the mysterious ways.

איבערזעצט:

רבי לוי־יצחק, אַ נאָנטער צו גאָט
היימיש אין הימל, טראַכט היינטיקע טעג...
זיין האַרץ רייסט אויף אין זיפצן — ער וועט זיך דורכרעדן
ענדלאַך, מיט אים אויף אַ מיסטעריעזן אופן.

אויף אַ ריין מענטשלאַכן אופן וועט ער זיך דורכרעדן:

He will go to the Synagogue of Berditchew
And there sieve out his plaints in a dolorous sieve.

איבערזעצט:

ער וועט גיין אין דער שול פון בערדיטשעוו
און דאָרט אויסווייגען זיין קלאַג אין אַ ווייטיקדיק געוויין.

און רעדן צום רבונו של עול. וועט ער מיט דער שפּראַך פון אַ באַוואוסטזיניקן סאָציאַליסט — ווייל דעם דיכטערס שאַפונגען זענען כמעט אַלע דורכגעדרונגען פון אַ שטרעבן צו סאָציאַלער גערעכ־טיקייט — און וועט צו אים אַזוי זאָגן:

Rebone Shel Olam — he begins
Who helps you count our little sins?
Whosoever it be, saving your grace
I would declare before his face,
He knows no ethics,
No, nor arithmetics...

איבערזעצט:

רבונו של עולם הויבט ער אָן.
ווער העלפט דיר ציילן אונזערע קליינע זינד?
ווער עס זאָל ניט זיין, וואָס שפּאַרט דיין הייליקייט,
וויל איך דערקלערן אין זיין געגנוואַרט
אַז ער פאַרשטייט, קיין עטיק ניט
ניין, און אויך קיין אַריטמעטיק...

אַ געוואַגטע ניט־קאָנווענציאָנעלקייט — סיי אין פאָרם סיי אין אינהאַלט, איז כאַראַקטעריסטיש איבערהויפּט צו זיינע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע מאָטיוון — אַ געוואַגטקייט פון שטורעמדיקער יוגנטלאַכקייט — און ראַדיקאַלער וועלט־אַנשויאונג. ווער צווישן אונזערע קאַנאַדיש־אידיש־ענגלישע דיכטער וואַגט צו דיכטן מיט דער וועהעמענץ פון פאָלגנדן ליד?:

Rather than have my brethren bend the knee,
To images engraved on silver coins
Rather than have them mouth a litany
In synagogal mints and pillared marts,
To gods arisen out of metal loins,
Rather than have them spend their better parts
Adoring testicles of golden calves,
I would be glad to see them on high places
Kneeling in worship that is nude and heathen
I would be glad to see them bow their faces
Into the dusk before a solar wrath,
Behold them dance, hurling their wanton phrases,
Unto the horned moon of Ashtareth.

איבערזעצט:

בעסער איידער מיינע ברידער זאָלן בויגן זייערע קני
צו די גראַווירטע בילדער אויף די זילבערנע מטבעות.
בעסער איידער קרימען זיך אַ געבעט
אין סינאַגאָגן־געלט פאַבריקן, און מערק מיט קאָלאָנען
צו געטער אויסגעפּרעסטע פון שטיקער מעטאַלן,
בעסער איידער אויסגעבן דאָס בעסטע וואָס אין זיי,

באַוואונדערן אָרגאַנען פון גאָלדענע קעלבער,
וואָלט איך גליקלאַך געוועזן צו זען זיי אויף הויכע ערטער,
קניען און פאַרהייליקן נאַקעטקייט און פּאַגאַניזם.
כוואָלט גליקלאַך געוועזן צו זען זיי בויגן די געזיכטער
אין דעם שאָטן פון אַ זונען־אויפשטורם.
זען זיי טאַנצן, וואָרפנדיק זייערע זינדיקע פראַזן
צו דער לבנה מיט הערנער פון דער אַשטאָר־רויט.

כמעט קיינער פון די יונגע קאַנאַדער אידיש־ענגלישע דיכטער וואָגט ניט אַזוי צו שרייבן, דרייסט, עראָטיש, שטורעמדיק — געטריבן פון אַ טיפן גלויבן אין דער צעפּויליקייט פון ארומיקן לעבן ווי א. מ. קליין.

אם קינסטלערישן אָבער, איז ער אין זיינע סאָנעטן — אויך געשריבן אין דער פאָרם פון אַ מענטשן מיט אַ באַשטימטן געזעלשאַפטלאַכן קאָמפּלעקס:

(1

Think not, my dear, because I do not call
You darling names over the tea and cakes,
Nor sigh, nor stroke your fingers, nor speak small,
Nor pout to show the parlour my heart aches,
Think not I love you less,

אָדער: (2

O, but these leave me, with a turbulent mind,
And much disturbed, and marked with leafless whips,
And driven back to you, my dear, to find
Warmth only in the August of your lips,
Calm in the spring — tide of your arms, and rest
Upon the April of your blossoming breast...

אָדער: (3

Betray me not. Treat me as scurvily
As you may please. Tie my heart in a knot.
Make me a spaniel fawning at your knee.
Hold me meaner than ashes. But betray me not.

אָדער אמת לירישע מאָטיוון: (4

She was tall, and she was fair
She had long and golden hair,
Lovely as the lilies are
She was loveliest, by far,
Of all virgins then or since;
She was daughter of the prince...
And in April she did seem,
Verily an April dream.

## פריי איבערזעצט:

(1

מיין ניט טייערע, אויב איך רוף דיך ניט
צערטלאַכע נעמען ביים טיי און לעקאַך
און זיפץ ניט, און גלעט ניט דיינע פינגער, און רעדט ניט קליינינקייטן
און קרום זיך ניט צו ווייזן דעם „פּאַרלאַר“ מיין האַרץ־ווייי,
מיין ניט אַז איך ליב דיך ווייניקער.

(2

אַ, אַבער זיי לאָזן מיך מיט אַ פּאַרטראַגענעם זין
צערודערט מיט צייכן פון בלעטערלאַזע בייטשן
און געטריבן צוריק צו דיר, מיין טייערע, צו געפינען
וואַרעמקייט, נאָר אין דעם אויגוסט פון דיינע ליפּן.
רואיקייט, אין דעם פרילינגאַרומנעם פון דיינע הענט,
און רוען, אויפן אַפּריל פון דיינע בלמענדיקע בריסט.

(3

פאַראַט מיך ניט. טו מיט מיר אַזוי פיל אומרעכט
ווי עס געפעלט דיר נאָר. פאַרקניפּ מיין האַרץ אין מיר,
האַלט מיך פאַר אַ הונט וואָס לעקט דיין קני
און נידעריקער פון אַש, אָבער פאַראַט מיך ניט.

(4

געוועזן אַזוי שלאַנק, געוועזן אַזוי העל
זי האָט געהאַט לאַנגע און גאָלדענע האָר,
אַזוי שיין ווי ליליען זענען.
זי איז געווען די סאַמע שענצטע
פון אַלע יונג־פרויען, דאָן און אויך אַצינד,
זי איז געווען די טאַכטער פונם פּרינץ.
און אין אַפּריל האָט זי אויסגעזען
ווי אַן אמתער אַפּריל־חלום.

א. מ. קליין האָט, ניט נאָר טאַלאַנט — נאָר איז אויך קוואַלי־פיצירט מיט פיל מעלות, דעם טאַלאַנט זיינעם אויסצוברייטן, ווי: אידיש־העברעאישע און אַלייגעמיינע הויכע בילדונג, הומאָר און שניידנדע סאַטירע, אַ פּראַגרעסיוון לעבנס־קוק און פּולסירנדיקן פּאָעטישן דראַנג. חסרונות אָבער, האָט ער אויך, ווי: אַ היפּאָר־אינטעלעקטועלע שפּראַך־פאָרם, און אָפּט אַ צו אויסגעשפּראַכענע טענדענץ, פאַלט ער דאריבער צומאָל אריין אין פּרעדיק די־דאַקטיק מוז דערפאַר א. מ. קליין פּרובירן דיכטעריש־באַוועגלאַך מאַכן זיין כמעט „טעכנישן“ ענגליש (ווי ער טוט עס אין זיינע ריין לירישע לידער) און ווערן אביסל ווייניקער „באַוואוטזיניק“ פאַר זיינע טענדענצן, ווען ער דיכטעט. אינגאַנצן גענומען איז א. מ. קליין איינער פון אונזערע וויכטיקסטע דיכטער. און ווען מען דער־מאָנט זיך, אַז ער איז אַזוי יונג, און האָט שוין פאַרטיק צום דרוק אַ גרויסן באַנד לידער, ווערט עס גוט אויפן הארצן.

פרידא מייראן

פרידאַ מיראַן, די יונגע קאַנאַדיש־אידיש־ענגלישע דיכטערן, אינגאַנצן 20 יאָר אַלט, איז דערשינען אויף דער פּאָעטישער אַרענע מיט אַ געוויסן פאַרנעם און עכטקייט. זי איז הויפּטזעכלאַך די דיכטערן פון ליבע, פון טיפער עמאָציע, און גראַדנווייז אינטעלעקטועלער ראַפינירטקייט:

So long it is the waiting to see the dawn...
Your face stole into my dreams at the midnight hour,
Driving away my slumbers,
Since when, with weary eyes, I lie awake
And can think of nothing but you.

עס דויערט אַזוי לאַנג, סוואַרטן זען דעם זון אויפגאַנג...
דיין פּנים האַט אין מיין חלום זיך פאַרגנבעט אין מיטן נאַכט
און מיין שלאָף אַוועקגעטריבן.
פון דאַן, ליג איך וואַך מיט אָפענע אויגן
און טראַכט פון קיין זאַך, אויסער דיר.

און אין זעלבן ליד:

Dreaming of thee I wake from troubled sleep;
My heart beats wildly in my sighing breast,
Filled with the strife with which thou fillest me —
Hope and despair, desire and deep unrest.

חלום איך פון דיר, וועק איך פון געשטערטן שלאָף:
מיין האַרץ קלאַפּט ווילד אין מיין שמאַכטנדער ברוסט,
מיטן שטרייט וואָס האָסט מיך אָנגעפילט —
האָפנונג און פאַרצווייפלונג, באַגער און טיפער אומרו.

אין פיל פאָרמען זינגט די יונגע דיכטערן אירע ליבע מאָטיוון און יעדעס מאָל געפינט זי דאָס פּאַסנדיקע וואָרט און טרעפלאַכן פאַרגלייך און איבערהויפּט אַ קינסטלערישן ערנסט וואָס איז רירנדיק און טיף איבערצייגנד.

אָדער אינטענסיווע פלאַמיקע ליבע אויסגוסן, ווי:

Hush, do not speak,
The music of your voice
Like yearning violins,
Troubles my heart.

Turn away your eyes
No knife ever stabbed
Nor sword, nor fire burned
My soul, as do your eyes.

שאַ, רעד נישט
די מוזיק פון דיין שטימע

ווי בענקנדע פידלען
אונרואיקן מיין הארץ.

דריי אַוועק דיינע אויגן
קיין מעכער האָט ווען געשטאכן
קיין שווערד, און קיין פייער געברענט
מיין נשמה, ווי דיינע אויגן.

אָדער:

How long must I seek thee
O thou whom my soul loves,
For whom my heart sigheth
Foundly forever?

ווי לאַנג מוז איך דיך זוכן
אַ, דו, וועמען מיין נשמה ליבט,
פאַר וועמען מיין האַרץ זיפצט
צערטלאַך אויף אייביק?

אָדער:

I cannot still
The insistent cry,
The poignant hunger
Of my heart,
The aching void
The gnawing pain —
Infinite need
Of love, of you.

איך קען ניט שטילן
מיין איינגעשפאַרט וויינען,
דעם שאַרפן הונגער
פון מיין האַרץ,
די שמערצלאַכע פוסטקייט
דער נאַגנדיקער ווייטיק
אומענדלאַכן באַגער
פון ליבע, פון דיר.

און צענדליקע אַנדערע ליבע־מאָטיוון וואָס שפּרודלען מיט קראַפט, מיט פלאַמיקער שפראַך. און איך ציטיר נאָך איין ליד וואָס איז כאַראַקטעריסטיש צו אירע ליבע־מאָטיוון:

Out of the dust that we rose,
And the dust wherein we are lain,
And the yonder that no man knows,
Only our loves shall remain.

Out of the night and the strife,
The thunder, the storm and the rain
The challenge of death and of life
Only our loves shall remain.

And even out of the sky,
And the stars that are gleaming above
Valiant and splendid on high,
Nought shall remain but our love.

פונם שטויב פונוואַנען מיר שטאַמען
און פון שטויב וואוהין מיר גייען,
און פון אַרט, וואָס קיין מענטש ווייסט,
וועט אונזער ליבע נאָר פאַרבלייבן.

פון דער נאַכט און קאַמף
פון דונער, פון שטורעם און רעגן,
דער אַרויסרוף פון טויט און פון לעבן
וועלן אונזערע ליבעס נאָר פאַרבלייבן.

און אַפילו פון הימל
די שטערן וואָס פינקלען פון אויבן,
מוטיק און וואונדערלאַך אין דער הויך
וועט גאָרניט פאַרבלייבן, נאָר אונזער ליבע.

אירע סאָנעטן און פראגמענטן זענען אויך ליבע שילדערונגען, און בילדלאַכע גערדאַנקען וועגן דעם קאָמפּליצירטן, אייביק נייעם, ליכטיקן און מיט טרויער און ליידן געשפּונענעם געפיל פון ליבע. אין אַ פּאָר שורות, אמת'ע אַפאָריזמען, זינגט זי רייף און איבער־ציינגנדיק:

The witchery of moonlight lies hidden in her hair
Like golden sprites entangled in its meshes fair
And makes of him a captive whose enthralled eyes
linger there.

דער כשוף פון לבנה־ליכט ליגט אין אירע האָר באַהאַלטן
ווי גאָלדענע שאַטנס פאַרפּלאָנטערט אין נעץ־אַרטיקן געוועב
און מאַכט פון אים אַ געפאַנגענעם, וועמעס פאַרשקלאַפטע אויגן פאַרווײלן דאָרט.

אָדער:

This is the poet's alchemy, to turn
Sighs into sonnets, sorrows into song.

דאָס איז דעם דיכטערס אַלכעמיע, וואָס גיסט איבער
זיפצן אין סאָנעטן, ליידן אין געזאַנג.

אָדער:

O love, like a wine that is rare,
Thou stealest the sense with thy sweetness.

אַ, ליבע, ווי אַ זעלטענער וויין
דו גנבעסט דעם פאַרשטאַנד מיט דיין זיסקייט.

אָדער:

Now I have won. My heart lies still,
Tamed of love's ecstasy,
But O, defeat were far more sweet
Than bitter victory!

איצט האָב איך געזיגט. מיין האַרץ ליגט שטיל
באַצוואונגען פון ליבעס עקסטאַז
אָבער יאָ, נידערלאַגע וואָלט געווען פיל זיסער
איידער דער ביטערער זיג.

אָדער:

I would that thou wouldst lay thy gentle hand
Upon any fevered brow, o lovely Night,
Dark — winged and silent veiler of the skies.

איך וואָלט וועלן, זאָלסט לייגן דיין צאַרטע האַנט
אויף מיין הייסער ברעם, אַ שיינע נאַכט
מיט טונקעלע פליגלען און שטילער שלייערער פון די הימלען.

און פריש, פּאָעטיש און מוזיקאַליש, זענען אירע סאָנעטן, אַלע
דורכגעדרונגען פון אַ צאַרטקייט וואָס איז ענלאַך צו „עדנאַ־ווינסענט
מילע" דיכטונג, פון וועמען פרידא מייראן איז היבשלאַך באאיינ־
פלוסט:

O you who are both life and death to me,
Whose slightest word, whose nod, whose winning smile
Fill me with strife and sorrow even while
My heart is gladened your fair face to see,
Why do you cause me such sweet misery?
For since I gazed on you, nought could beguile
Your image from my brain, nor any wile,
Nor art restore my soul to harmony.

O blind that cannot see before your feet
A thousand treasures which my heart has, thrown
Filled with fond fancies and with musings sweet
As ever lover to beloved has shown.
But all in vain before your eyes they fleet
Like phantoms seeking for a place of home.

אַ דו, וואָס ביסט סיי לעבן סיי טויט צו מיר
וועמעס קלענסט וואָרט, וועמעס נויג, וועמעס כשוף־שמייכל
פילט מיין האַרץ מיט שטרייט און ליידן, אַפילו ווען
מיין האַרץ פרייט זיך, דיין ליכטיק פּנים זען
פאַרוואָס פאַרשאַפסטו מיר אַזאַ זיסן פיין?
ווייל זייט איך האָב דיך דערזען, קען קיין זאַך באַהאַלטן.
דיין בילד פון מיין זכרון, און קיין ווילדקייט,
אַפילו קונסט, קען ניט צוריקברענגען מיין נשמה צו האַרמאָניע.

אַ בלינדער וואָס קענסט ניט זען פאַר דיינע פיס
טויזנט אוצרות וואָס מיין האַרץ האָט געוואָרפן.

אנגעפילט מיט משוגענע פאַנטאַזיעס און זיסער פאַרטראַכטקייט
וואָס זעלטן אַ ליבהאָבער האָט אַרויסגעוויזן זיין געליבטער.
אָבער אַלץ אומזיסט פאַר דיינע אויגן וויגן זיי זיך
ווי פאַנטאָמען וואָס זוכן פאַר זיך אַן אָרט, אַ היים.

דאָס איז נישט דער ליבעס געשריי פון אַ 19 יאָריק קינד, נאָר דער רייפער געשריי פון אַ קינסטלערישער איבערלעבונג אין רייפער קינסטלערישער שפּראַך, וואָס איז באַוואוסטזיניק און זאָגט פּאַטעטיש:

Logic, thou art a goddes cold and pure,
And I a fevered mortal at thy feet,
My soul consumed in its own burning heat
Now even the gentle arts hold no allure!

לאָגיק, דו ביסט אַ געטין קאַלט און לויטער
און איך שטערבלאַכער אין פיבער ביי דיינע פיס.
מיין נשמה פאַרצערט אין איר איינגן ברענענדיקע היץ
איצט קען אַפילו די צאַרטע קונסט מיך ניט צוציען.

די זעלבע אומפאַרמיידלאַכקייט, דעם זעלבן צער מיט וועלכן זי וויקלט אירע ליבע־לידער, ברענגט זי אויך אין אירע נאַטור שילדערונגען ווי צום ביישפּיל:

The day is dead, and softly winds mourn
For the sky with grief is torn.
Come, night breezes, shroud the day
In drearest, deepest, darkest gray

For she is dead, and must be laid
Like a corpse within a grave,
Cold stars will lovely tapers be,
And winds will sing an elegy.

דער טאָג איז טויט, און לייכטע ווינטן טרויערן,
ווייל דער הימל איז מיט צער צעריסן.
קומט, נאַכט ווינטלאַך, הילט אַרום דעם טאָג
מיט עלנטן, טיפסטן, שוואַרצן גרוי

ווייל זי איז טויט, און מוז אַריינגעלייגט ווערן
ווי אַ בר־מינן אין אַ גרוב
קאַלטע שטערן וועלן די ברענענדיקע ליכט זיין
און ווינטן וועלן זינגען אַן עלעגיע.

מען פילט דעם איינפלוס פון די ענגלישע קלאַסיקער, איבערהויפּט פון בייראָן אין דעם נאָר וואָס דערמאָנטן ליד — און דאָס איז זיכער ניט קיין חסרון — פאַרקערט מייראַנס מערסטע לידער זאָגן עדות אויף קולטור, אויף ערנסטן לייענען די קלאַסישע און מאָדערנע דיכטונג און אויף דיכטערישער אינטעליגענץ. פּונקט אַזוי ווי י. י. סיגאַל איז מיט 17 יאָר צוריק געקומען ווי אַן אמתע גרויסע דערשיינונג אין דער אידישער דיכטונג, אַזוי קומט, לויט מיין מיינונג

איצט די יונגע 19־יעריקע פרידאַ מייראַן, ווי אַן אמתע קינסטלערישע דערשיינונג אין דער ענגלישער דיכטונג אין קאַנאַדע. און פּונקט ווי סאיז מיר באַשערט געווען אָנצוזאָגן דער אידישער עפנטלאַכקייט מיט 17 יאָר צוריק דאָס אָנקומען אויף דער פּאָעטישער ארענע פון י. י. סיגאַלן, אַזוי־פיל איך זיך גליקלאַך אָנצוזאָגן דער זעלבער עפנט־לאַכקייט דאָס אָנקומען פון פרידאַ מייראַן, און איך האָב קיין צווייפל ניט אַז זי וועט דער קאַנאַדער דיכטונג פאַרשאַפן אַ סאַך כבוד.

רעגינא לעאָנאָראַ שולמאַן

אין 1932 איז אונזער ליטעראַריש וועלט אַנגענעם איבעראַשט געוואָרן פונם דערשיינען פון אַ קליין ביכל לידער אונטערן נאָמען "Uncertain Glory" פון רעגינאַ לעאָנאָרא שולמאַן (אַ מאָנטרעאַלערן). דאָס ביכל איז דערשינען אין טאָראָנטאָ (אינגאַנצן אַ זאַמלונג פון 11 לידער) און איז גלייך וואַרעם אויפגענומען געוואָרן פון דער גאַנצער לאָקאַלער קריטיק. פון דער קליינער גרופּע לידער זינגט אַרויס די ברכה פון אמתן געפיל, פון דיכטעריִשער פאַרשטעלונג מיט איין וואָרט: פון אונמיטלבאַרן טאַלאַנט. נעמענדיק דעם יוגנט מאָטיוו פון פרילינג דורך דער פּריזמע פון קינסטלערישער קאָנטעמפּלאַציע זינגט זי ווי שוין געזאָגט מיט פאַרשטענדנייש:

Our love is a brief prologue, you once said,
Without the ordered sequel of a play:
Like the rose dawn of an approaching day
That lacks the splendour of a sunrise red.

נישט אַלע טעג אין פרילינג זענען גאָלדן־ליכטיק, און די ליבשאַפט אין האַרצן איז רייף, שעפּטשעט די דיכטערן אַזוי אינטים:

Yet if the dawn be beautiful, why wait
For the arrival of a day more fair
That may be full of shadows desolate?
And if today be glarious, why care
About to-morrow? Rather say that fate
Has meant our love to be a fragment rare.

נאָכן טאָג קומט די נאַכט מיט שוואַרצע סילועטן און ליכט־שאַטירונגען באַזינגט זי די דיכטערן מיט וואונדערלאַכע פאַרגלייכן:

Black silhouettes against a nacred screen,
The trees stand in a fleeting primrose glow.
Twilight has come and gone and slow
With railing cloak, Night's huddled form and lean
Kneels down beside the darkened wood. Leaf green
Has vanished as for ever. Down below
Dim lights in undulating colours flow
And into dark remoteness ebb unseen.

פרילינג, זומער און הערבסט געשילדערט אין צוזאַמענהאַנג פון פערזענלאַכע ליבע איבערלעבונגען אָדער אילוזיעס, און דערנאָך ווינטער, איז די טעמאַטיק פון אַ זעהר געלונגענעם ליד "Uncertain Glory" (לויט וועלכן ליד זי רופט דאָס ביכל), און וועלכעס ענדיגט זיך:

Thus in the winter lies the frozen stream,
Wearing a mask of still indifference,
Forgetful of the summer-night's intense
And burning stars moon-pinioned in a dream.
This calm and icy mirror does not show
How turbulent the waters are below.

די אנדערע לידער אין דערמאָנטן ביכל זענען פיינע ליבע מאָטיוון פון מאָנאטאנקייט, טראציקייט, אָדער פערזענלאכע רע־פלעקסיעס — אויך א פאָר נאטור שילדערונגען וועגן „בוימער אין זומער" אָדער „העברסט־לאנדשאפטן" א. א., פון וועלכע איך ציטיר א סטראף פון יעדן פון די לעצט־צוויי דערמאָנטע לידער:

Sudden and breathless grace —
The birch-trees gathered in a fairy ring
White-robed, with drooping heads of silver-green,
And golden, swift-poised butterflies that seem
The souls of dancing flowers that died last spring.

Chrome-yellow first
To paint the ardent beauty of the trees,
And burnt sienna; olive-black for pines,
Emerald, coral, chinese-white for birch
And flame-brown for the tawny maple trees:

Deep indigo
To mark the shadows on the distant hills,
Glints of bruised red the sunset on the lake,
Slate-blue and powdery-grey the path. What tint
Can paint the wild duck's cry, what chiaroscuro shall
Unfurl the smoke that floats 'acrid and sweet
Above the heaps of burning autumn leaves?

אזוי מאָלן מיט עכטע ווערטער־פארבן קען נאָר א געניטער מאלער ווען די נאטור אין אלע דעטאלן אירע, זענען נאָנט באקאנט, און א דיכטער וועמעס אויג און אויער דערזען און דערהערן די גאנצע פארבן־סימפאָניע פון א קאנאדישן הערבסט.

* * *

פאר מיר ליגט דער מאנוסקריפט פאר א גרעסערן בוך פון דער זעלבער דיכטערן אונטערן נאָמען "Epilogue to a Mask". אויפן ערשטן בלאט פאָלגנדער ציטאט פון דער בארימטער אמע־ריקאנער דיכטערן עדנא סט. ווינסענט מילײ'ס א ליד:

"Sorrowful dreams remembered after waking
Shadow with dolour all the candid day;
Even as I read, the silly tears out-breaking
Splash on my hands and shut the page away..."

איך קען נישט געגוי פארבינדן מילעים ציטאט מיטן אינהאלט פון רעגינא שולמאנס לירישן בוך, סיידן אן אַנדייטונג אז מים שולמאַן איז שטארק באאיינפלוסט פון דער גרויסער אמעריקאנער דיכטערן. אן און פאר זיך איז דאָס בוך א לעבנס-געשיכטע פון א דיכטערישער פערזענלאכקייט, וועלכע האָט זיך געקענט טרעפן אין די צייטן פון שעקספּירס העלדן, אָדער אין די לעצטע טעג פון היינטיקן דור. א טאָג אזא, ווען דער דיכטער קען קוים איבערלייענען די בלייכע בוכשטאבן פון א בלאט, ווען די וועלט קוקט אוים ווי א בינע וואו מען זינגט און וויינט און זיפצט און ווען מען ראנגלט זיך אין טיפע עמאָציעס. דאָס בוך הויבט זיך אָן פון די ערשטע סטרונעס פון א פריינדשאפט אין סאָנעטן פאָרם:

Thus was the first chord of friendship struck:
Melodic, resonant, encompassing
High notes and mellow.

די פאָרהאנגען פון שיקזאל האָבן זיך פאנאנדערגעטיילט ווען זיי ביידע האָבן דורכשפּאצירט דעם ישמאָלן בארג־דורכגאנג:

The curtains parted as we walked along
Through an unfolding world of green and green.
The narrow mountain path was hedged with strong
Straight growing fir trees, sinewy and lean,
The stage was set for charming comedy,
A summer idyll sweet and pastoral:
No reeds or hautboys breathing harmony
More lyric than our blackbird's madrigal.

און זיי שפּאצירן אריין אין אן „אוניווערס פון בלעטער צירונג" און דערזען (שוין איבערלאָזנדיק די סאָנעט פאָרמע) ווי אזוי:

Swiftly, swiftly,
To the movement of the wind
Bend the trees.

— — — — — — — — — — — — — — —

Airily, airily,
Slender birches dance.
A parandole.

צוריק אין שטאָדט אריין שלאָגן זיי זיך אָן אין שטאָל און שטיין

אין דער שטיקנדער היץ אין די ארבעטס־געביידעס און זי מאָלט אין א רייע סאָנעטן דעם באַקאַנטן מאָטיוו פון געזעלשאַפטלאַכער עמפּערונג:

The tortured city's arteries are taut,
Distended like the stretched hide of a drum.
Noon hour: the swinging doors release distraught
Portions of fag humanity that come
In quick succession of staccato beats
Upon the blistered asphalt of the streets.

און זי רופט אויס פּאַטעטיש:

Consider: can this glutton Moloch feed
On human strength — unnerve, emasculate,
Destroy the freshly ripened summer seed
And leave your flowering dreams inviolate?

און דער ענטפער איז די שווערע שקלאַפעריי אין די אָפיסעס, דער מעכאַנישער אינטערעס, און די טרוקענע טעג, וועלכע ישלעפּען זיך איינע נאָך די אַנדערע. סאיז גוט וואָס נאָך די טעג קומט דער אָוונט:

Breathless
Beneath the stars
We lift our wondering eyes
To the still glory of the summer skies.

Countless
They flaunt their light:
While flames of distant fire
That fill our hearts with infinite desire.

Voiceless
We walk along.
Suddenly, from afar
Flairs the full splendour of a falling star.

דער זומער רוקט זיך אין דער אייביקייט אריין; סאיז א נאַכט אין מאָנאַט אויגוסט, א שטילע, א שטיקנדיקע:

Deep brooding of a sultry August night.
On a dark hill-side; silent looking down,
We sit and watch a myriad point of light
Studding the city's shadow-woven gown.

קיין אָפּקלאַנג פון א דונער הערט מען נישט, שטילקייט שלאָפט אויפן וואַרעמען באַרג־זייט, אָבער עס פילט זיך אין דערלופטן דאָס אָנקומען פון א שטורעם, וועלכער ברעכט אויס מיט ווילדקייט, און

דער שטורם ברענגט זי מיט איר געליבטן נענטער איינער צום אנדערן און זי רופט צו אים ער זאָל צוקומען נענטער, נענטער אזוי אז דאָס הארצקלאפּן זאָל פארטויבן דאָס מערוקן פון ווינט, א נאָנט־קייט וועלכע זי שילדערט:

Deaf to the monster's angry voice we lie,
Silent within an emptiness of sound,
Immeasurably joined in time and bound
In space by an imponderable tie;
The chalice is not closer to the wine
It holds, than your exultant flesh to mine.

אין די עטלאכע סאָנעטן, וועלכע פאָלגן אין בוך, שמועסט זיך די דיכטערן דורך וועגן די פיינע אייגנשאפטן פון איר געליבטן, זיין פערזענלאכקייט, מאנכע פון וועלכע זי וויל אייביק געדענקען... א רייע פילאָזאָפישע טראכטונגען, ביי דער ענדע פון וועלכע זי דע־פינירט איר וועלט דין־ליריש:

My world is made of delicate spun glass
So fine and precious that I dare not tread
Less lightly than the morning wind on glass,
Less softly than the vapours overhead...

דערנאָך קומט דער „פאסטאָראלער אינטערליוד". זעלטענע ישילדערונגען פון דער נאטור, דער אָנפאנג פון אָוונט, דער זונען אונטערגאנג:

Now like a tender lover, evening lays
Long hands of mist across the voiceless sky,
Translucent hands, wings of a dragon fly
Drift slowly down, touching the shadowed face.

די סאמע לעצטע ליכט שאטירונגען פון צווישן טאָג און נאכט ווינקען ארונטער אויף דער ערד:

To this cool hour
I give my vanished sleep;
To this pale light
The tears I cannot weep.

און די שיינע פאָעמע ענדיקט זיך מיט שילדערונגען פון הערבסט און ווינטער נישט נאָר אין דער נאטור נאָר אויך אין אייגענעם הארצן, אין די טיפע און קינסטלערישע איבערלעבונגען פון אן אמתער דיכטערן.

אינם בוך געפינט זיך א גרויסע סעריע פארשידענע לידער:

ליבע מאָטיוון, נאטור שילדערונגען, דיכטערישע עפּיזאָדן, פילאָזאָ־
פישע פערזן און א גרויסע צאָל סאָנעטן, אלע אין דעם לירישן סטיל
פון די פריערדיקע ציטאטן. מים שולמאן איז אָן צווייפל א וויכ־
טיקע דיכטערן פון וועלכער מען האָט פיל צו דערוואַרטן.

## ווערא בלעק

ווערא בלעק איז אַ יונגע דיכטערן, געבוירן אין אוקראַינע אָבער דערצויגן געוואָרן אין מאָנטרעאל, וואָס דרוקט שוין זייט יאָרן אין דער ענגלישער און אידיש־ענגלישער פּרעסע לידער שטימונגס־פולע, שטילע, צומאָל נאַאיווע, אַזוי ווי איר שטילע, צנועהדיקע פּערזענלאַכקייט — אַליין מוזיקאַליש באַגאַבט, רופט ביי איר „באַכס פיוג" אַרויס שטימונגספולע געדאַנקען, זינגט זי אַביסל טענדענציעז:

Gone is the Master, a hundred years and more
Who through the grandeur of a quiet heart,
Would thread a song along a slender cord
And yet three others not so far apart.
Yet ere the last is bound he sets all free
In splendid counterpoint and artistry.
Thus, while the candle of his genius burns
Too bright for even happier eyes than his,
With naked hands he beats the lovely flame
Of his fair fancy ere it leaps forth again.
With scarce a breath is stilled the dying spark
A mute and nameless, thing amid the dark.

פריי איבערזעצט:

אַוועק איז דער מייסטער, שוין הונדערט יאָר און מער
וואָס דורך דער גרויסקייט פון זיין שטיל האַרץ
זאָל שפּינען אַ ליד אויף איין צאַרטער סטרונע
מיט נאָך דריי סטרונעס איינע נעבן דער אַנדערער.
דאָך, איידער דאָס סאַמע לעצטע איז פאַרבונדן, באַפרייט ער אַלץ
אין וואונדערלאַכן „קאָנטראַ־פּאַינט" און קונסט,
אַזוי, אַז אין צייט וואָס דאָס ליכט פון זיין געניע פלאַקערט
צו ליכטיק, אַפילו פאַר גליקלאַכערע אויגן ווי זיינע,
קלאַפּט ער מיט בלויזע הענט דעם שיינעם פלאַם
פון זיין פאַנטאַזיע, איידער זי רייסט זיך פאַרויס.
כמעט ווי אַן אָטעם געשטילט דער שטאַרבנדיקער פונק
אַ שטומע זאַך אַן נאָמען אין מיט פון פינצטערניש...

אָבער די מערסטע לידער אירע זענען נאַטור שילדערונגען און ליבע מאָטיוון. זעט זי גערונצלטע, ישוימיקע וואַסערן, זינגט זי:

Dancing ripples in the sun
Quiet shadows when day is done
Silver moonbeams all aquiver
Flirting with the cool, clear river.

טאַנצן שוימיקע וואַסערן אין דער זון
שטילע שאָטנס ווען דער טאָג איז פאַרביי
זילבערנע לבנה־שטראַלן, ציטערדיקע
פלירטן מיטן קלאָרען קאַלטן שטראָם.

זי מאַכט גלייך אַ פּאַראַלעל מיט יוגנט:

Youth — like silver ripples dancing
Towards cold stones and walls advancing
Bruised against Sharpcrags they sever —
Moan and fret — then break forever.

יוגנט, ווי זילבערנע וואַסערלאַך טאַנצט
אַנטקעגן קאַלטע שטיינער און ווענט
און ווערט פאַרוואונדעט פון שאַרפע שטיין־שפּיצן
צעטיילט פון קלאַג און קרעכץ — דערנאָך אויף אייביק צעבראָכן.

בילדלאַך און מיט אַן ערנסט, וואָס איז רירנד, ווירקן אירע
נאַט:ר לידער; אַט זינגט זי כמעט ווי אַ געבעט:

Broken bird with the broken wing
Let the world hear how sweetly you sing.

צעבראָכענער פויגל: מיט צעבראָכענעם פליגל
לאָז די וועלט הערן ווי שיין דו זינגסט.

A lake of gold on a summer night,
And the gold-flecked poplars that wind it about,
With te moon dust slowly sifting
And a quiet languor drifting
Past the hills.

אַ גאָלדענער טייך אין אַ זומער־נאַכט
און גאָלד־געפלעקטע טאָפּאָלן וואָס ווייען אַרום
מיט לבנה־שטויב וואָס שיט זיך לאַנגזאַם,
און אַ שטיל בענקן וואָס הויבט זיך
איבער די בערג.

און מיר האָבן דאָס קלאָר געפֿיל און באַוואוסטזיין אַז סאיז
אמתע דיכטונג. לירישׁ און אינטערעסאַנט, אַלעמאָל איינגעוויקלט
אין סימבאָלן, זענען אירע שטילע ליבע־מאָטיוון ווי:

I have tried to grasp in empty hands a beam
Of molten gold that slowly fell between
Two rugged walls.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

And so I nestle at my open door
But dare not enter now, nor evermore
Alone.

איך האָב געוואָלט נעמען אין ליידיקע הענט אַ שטראַל
פון געשמאָלצן גאָלד וואָס לאַנגזאַם רינט צווישן
צוויי רויע ווענט.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און איך נעסטל ביי מיין אפענער טיר,
נאר וואג ניט איצט אריינצוגיין, אדער ווען עס איז
אליין...

אָדער:

Remembering how I raced you from the marsh
And all but caught you by this very tree...
Would you had fallen then, wild beauty...
would that the harsh
Late-Autumn winds had spared one flower for me.

פריי איבערזעצט:

איך געדענק ווי איך האב דיך געיאגט פון זומפ
און באלד געכאפט דיך ביי דעם בוים...
הלוואי וואלסטו געפאלן דאן, ווילדע שיינקייט... הלואי די בייזע
שפעטער־הארבסט־ווינטן געשפארט איין בלום פאר מיר!

טראָץ אַ געוויסער מאָס פון נאַאיוויטעט, שפּראַך־האַרטקייט און צופיל אינטעלעקטואַליזם — געלינגט דאָך ווערא בלעק איבערצוגעבן מיט אַ צאַרטער שטילקייט אין די מערסטע לידער אירע בילדער און שטימונגען. און אַזוי ווי זי איז יונג האָט מען דאָס רעכט צו דער־וואַרטן ערנסטע פּאָעטישע אַרבעטן פון איר.

## ראָזע אַפּעלבוים

ראָזע אַפּעלבוים איז איינע פון די יונגע קאַנאַדער אידישע דיכטערנס אויף ענגליש, וועלכע זוכן נאָך אַ באַשטימטן דיכטערישן וועג, און זינגען וועגן וואָס עס מאַכט זיך. זעט זי דאָס פאַלן פון בלעטער — ניט דוקא ענדע זומער — נאָר גלאַט דאָס פאַלן פון אַ בלאַט — מאָלט זי: [1]

There is beauty in the falling leaf
With its —
Capering, coquettish, tiny twirlings
Soft, graceful little flutterings
And gay, ethereal rustlings...

Down... Down...
Down... Down...

Imortal dances weaving
Heeding neither time nor space...

### איבערזעצט:

סאיז דאַ שיינקייט אין פאַלנדיקן בלאַט
מיט די
זינקנדיקע, קאַקעטישע, קליינינקע באַוועגונגען
ווייכע, גראַציעזע קליינע פליטערלאַך
און פריילאַכע, עטערישע רוישן...

אַרונטער... אַרונטער...
אַרונטער... אַרונטער...

אונשטערבלאַכע טאַנץ־געוועבן
וואָס וויסן פון קיין צייט אָדער רוים.

אָדער אַז זי וויל באַווייזן אַז זי איז שוין אַ גרויסע, קאָקעטירט זי ניט איבערצייגנדיק, און ניט קינסטלעריש:

You say you love me
Again and again,
But haven't heard that
From other men?

זאָגסטו דו ליבסט מיך
נאַכאַמאַל און נאַכאַמאַל
אָבער, האָב איך דאָס ניט געהערט
פון אַנדערע מענער?

און ווייל זי וואַנדערט אַזוי פון איין אימפּרעסיע צו אַן אַנדערער מיט ווילן עס צו „באַשרייבן" זאָגט זי אויך צומאָל אויפריכטיק אַ פאַקט פון אַן אַרבעטער לעבן:

I bang away
My every day
— A typewriter —
For pay.

איך קלאפּ אַוועק
מײַן יעדן טאָג
— אַ שרייב־מאַשין
פאַר שכירות.

און ווייל די אַרבעט איז איר ניט ליב (פאַרוואָס?!), פילאָזאָפירט זי אין זעלבן ליד:

My mind is dry
My fingers fly
It's drudgery
Stenography.

מײַן זין איז טרוקן
מײַנע פינגער פליהען
ס'איז אַ געמיינע אַרבייט
סטענאָגראַפיע...

מיט וואָס די קונסט פון שרייבן מיט דער שנעלקייט פון דיק־טירן, איז אַ „געמיינע“ אַרבעט, ווייס איך ניט, קען איך איר דער־פאַר ניט גלויבן ווען זי זאָגט:

But ah! how every key
Responds with glee
When I write poetry.

אבער אַך! ווי אַזוי יעדער שליסל
ענטפערט מיט האַרמאָניע
ווען איך שרייב פּאָעזיע.

נאָר זעלטן געלינגט ראָזע אַפּעלבוים אַרויסשווימען פון דער דידאַקטישקייט פון טענדענציעזע, פּראָזאַאישע, „געמאַכטע“ לידער, און ווירקלאַך איבערגעבן איבערגעלעבטע, אמתע עמאָציעס אָדער בילדער, ווי צום ביישפּיל:

Our moon was the light of the lamp
In the street,
As it filtered through the lace
Curtain,
Lighting your face...
And I sat in the shadow
That you might not see me,
For my love was pain...

My love was pain that you kissed me not
And left me limp with longing

And that you would be gone
And I would wait to hear from you.

אונזער לבנה איז געווען דער שיין פון לאמפ
אויף דער גאַס,
וואס האט דורכפילטרירט דורך שפיצענע
פארהאַנגען,
לויכטנדיק דיין פנים...
בין איך אין שאטן געזעסן
זאלסט מיך ניט זען
ווייל מיין ליבע איז פיין געווען..

מיין ליבע איז פיין געווען ווייל האסט
מיך ניט געקושט
און מיך געלאזט מאַכטלאז מיט בענקעניש.
און אַז דו וועסט אַוועק
און איך וועל ווארטן צו הערן פון דיר.

פ. קאַלמאַן דער רעדאקטאָר פון „קאטאליק רעדזשיסטער" אין טאָראָנטאָ שרייבט וועגן אירע לידער: „ראָז אַפּעלבוימס פּאָעמען זענען אָריגינעל — א נייע שטימע מיט אַן אָנזאָג און געדאנקען אייגנארטיק אויסגעדריקט, ספּאָנטאַן און פריש". זי פרעגט:

What is the ratio of man to Life?
The ratio of Happiness to Strife?

און ענטפערט גלייך:

The answer, I know can't be equal
Unless, after life, there is a sequel!

און זי גיט צו צום פילאָזאָפישן ענטפער אַן אנדערן אַפאָריזם:

Hearts may be thorn with sighs and sorrow,
Then mended with a smile tomorrow!

איבערזעצט:

וואָס איז די פאַרהעלטעניש פון מאַן צו לעבן?
די פאַרהעלטעניש פון גליק צו קריג?

איך ווייס דער ענטפער קען נישט זיין גלייך
סיידן נאָכן לעבן איז פאַראַן אַ פועל יוצא

הערצער קענען צוריסן זיין פון זיפצן און ווייטיק;
דערנאָך פאַריכט זיין מאָרגן מיט אַ שמייכל.

אָדער:

Steppes, meadows, lanes and brooks —
Vistas of untouched heaven and earth
Are my books.

און אַזוי אין פיל פון אירע לידער אפאָריזמען, באַשטימטע מע־דיטאַציעס וועגן אַ געגנשטאַנד, וועגן אַ סיטואַציע, וועגן אַ פראַגע. און אַלע ליידן פון אַ געוויסער אויבנאויפיקייט, אָדער בעסער געזאָגט ליטעראַרישקייט, אָבער אַלע טראָגן אויך אויף זיך אין דערזעלבער צייט אַ מאָס פון חן און ספּאָנטאַנקייט כאָטש זי רעדט פון געוועג־לאַכע געדאַנקען ווי צום ביישפּיל:

There's a strange joy in sitting still
Hands idle, inanimate,
Eyes a — dream
Seeking not, nor searching.

A celestial Calm
Embraces the brain
Leaving fragile traces of soft feeling
A delicious touch of humor.

אין אַנדערע לידער כאָטש זי רעדט וועגן די זעלבע סאָרטן געדאַנקלאַכקייטן ווייזט זי אַרויס אמתע שפּראַך פּייאיקייטן, פיינע דעסקריפּציע און פאַרגלייכן ווי צום ביישפּיל: '

Life's a silhouette
Woven of dreams,
Soft fabrics,
Roses;
Sweet winds
And lieder.

Alluring shadows,
Lurk in places
Designed of rare.
And precious laces...

There are sparks
Of Gold and silver,
And rainbow hues...

Oh! life's a silhouette:
Beautiful and tempting
In its vagueness.

אפשר איר בעסט ליד.

איבערזעצט:

פאַרפּירערישע שאָטנס
לויערן אין פּלעצער
געמוסטערט פון זעלטענע
— און טייערע שפּיצן...

מיט פונקען
פון גאָלד און זילבער,
און רעגנבויגן פאַרבן...

אַ, דאָס לעבן איז אַ סילועט...
וואונדערלאַך און רייצנד
אין איר אונבאַשטימטקייט..

ראָזע אַפּעלבוים דאַרף אָבער פאַרשטיין אַז אַן אמתער דיכטער מוז איבערלעבן אין זיין בלוט די בילדער, וועלכע ער שילדערט, (ווערטער אַליין קענען עס נישט באַווייזן) און דאָס פילט זיך נישט פון אירע לידער. עס פילט זיך מער אויסגעטראַכטקייט אין כמעט אַלץ וואָס זי שרייבט, און דאָס איז אַ גרויסער חסרון. זייענדיק נאָך יונג און מיט אַ באַשטימטער מאָס טאַלאַנט זאָל זי פלייסיק לייענען די קלאַסישע און מאָדערנע דיכטונג און דערנאָך זיך קאָנצענטרירן פאַר קרעאַטיווער שאַפונג, ווייל, ווי שוין דערמאָנט, זענען דאָס רוב פון ראָזע אַפּעלבוימס לידער נישט קינסטלעריש, דידאַקטיש און טענדענציעז.

מאָרים זיגלער איז אַ קאָמוניסטישער יונגערמאַן, וועלכער מיינט אַז דיכטונג איז עפּעס אַ הפקרדיקער ענין, וואו מען מעג נעמען די שפּראַך אין מויל־אַריין און זי שענדן, און זי זידלען מיט גראַ־פאָמאַניע און נאָך ערגער. האָט ער דאַריבער אין יאָר 1931 אָפּגעדרוקט אין מאָנטרעאַל אַ ביכל אונטערן נאָמען „רויטע לידער" (33 זייטן) די טאָוולען אויך רויט, די לידער „פּראָלעטאַרישע מאַכערייקעס" אָן וועלכן עס איז סימן פון טאַלאַנט — גיכער די טאָג־טעגליכע „סלאָגאַנישע פּובליציסטיק־שפּראַך" פון פּראָקלאַמאַציע, פּראָפּאַגאַנדע, אַרטיקלען, סטאָמפּ רעדעס, אָבער וואָס דאָס אַלץ האָט צוטאָן מיט לידער, דיכטונג (פּראָלעטאַרישע אָדער נישט) הויב איך נישט אָן צו פאַרשטעהן.

אויף גאַסן האָט מען דאָס ביכל פאַרקויפט, „יעדער קלאַס־באַוואוסטזיניקער אַרבעטער וועט האָבן דאָס גרעסטע פאַרגעניגן לייענענדיק דאָס קליין בינטל אמתע פּראָלעטאַרישע פּערזן" איז די רעקלאַמע אינם פאָרוואָרט פון ביכל!־ אָבער די „לידער"?:

A red song I sing —  
Red of workers blood.  
Red of revolution.

וויפיל מיליאָן מאָל האָט מען דאָס שטאַרקער געזאָגט אויף געוויינלאַכע ראַדיקאַלע פּלאַטפאָרמעס די באַנאַליטעט שלאָגט צום האַרצן ווען מען לייענט אַזעלכע גראָבע געדאַנקען ווי:

Of what use was Beauty,  
Nature and God  
To an Israelite in Egypt?

אָדער:

Capitalists,  
I hate you.

Capitalists,  
I despise you.

האָט איר געהערט „אַ נייעס" וועלכע זאָל אויפציטערן דעם פּראָלעטאַריאַט?!! און אַזוי דאָס גאַנצע ביכל: פּאָזע, פּראָקלאַמאַציע, קיין איין שורה, וועלכע איז עכט, דורכגעלעבט, דיכטעריש. צוליב וואָס האָב איך וועגן ביכל געשריבן ווייל די אויפגאַבע פון מיין אַרבייט איז צו פאַרצייכענען „אַלע" דערשינענע ביכער און ביכלאַך, וועלכע פּרעטענדירען אויף דיכטונג... that's all!

## מ. קרייצער

מ. קרייצער האָט געדרוקט אין זאַמלבוך „באַגינען“ זעקס לידער אייניקע פּערזענלאַכע מאָטיוון, און אַנדערע — סאָציאַלע. אין אַלע איז דאָ אַן אָנהויב פון אַ דיכטערישן טאָן, אָבער טאַקע נאָר אַן אָנהויב. אַט זינגט ער אַן אָדע צו דער מענטשלאַכער ליידנשאַפט, הויבט ער אָן מיט אַ ביסל „פּאַרנעם“:

אַ לויב צו דיר ליידנשאַפט, וואָס גייט אויף אין מיינע בלוטן
און לאָזט מיך נישט רוען.

ער קען אָבער ניט אָנהאַלטן, און די ווייטערדיקע פערזן פון ליד, זענען אַ וואַקסנדע פאַרמינדערונג פון דעם אָנהויב. דאָסזעלבע קומט פאָר מיט די אַנדערע לידער — יעדעס ליד באַזונדער פאַרמאָגט אפשר אַ פּאָעטישע שורה וואו ניט וואו, עס פעלט אָבער איבערצייגונג. אַט זינגט ער:

נאָך גוט וואָס כהאָב אומעט אין הארצן דערצויגן
האָב איך מיט וועמען צו שפּאַנען אין גאָסן.

און ער פאַרענדיקט פּראָזאאיש:

צווישן עלעקטרישע מענטשן וואָס האָבן זייער האַרץ
שוין פאַרלוירן...!

פולער זענען פאָלגנדע פערזן:

מיר זיינען די רייטער, פון ווילדע, שטורעמדיקע טעג
מיר פרעגן קיין וועג!
מיר רייטן דורך קברים: צעקלאַפּן מצבות
און וועקן צו תחית־המתים די וועלט!
מיר זיינען די רייטער
פון פרילינג די ערשטע
מיר קענען דעם וועג!

מ. קרייצער דאַרף פאַרשטיין אַז ווערן אַ דיכטער ווערט מען ניט לייכט, אפילו ווען אַ פריינטלאַכע רעדאַקציי דרוקט אָפּ אַ פּאָר לידער אין אַ זאַמלבוך. מען מוז זיך אונטערגאַרטלען און אַרבעטן, אַרבעטן און אַרבעטן.

* * *

## א. ניסנעוויטש

א. ניסנעוויטש קומט פון איין שטעטל מיט ה. לייוויקן, און מען זאָגט מיר אַז ער האָט אונזער גרויסן לייוויקן געלערנט שרייבן לידער! (לייוויק האָט מיר דעם פאַקט אַליין באַשטעטיקט). אָבער אַליין זינגט ער מיט אַזאַ צופרידענעם טאָן:

ווי קען איינזאַם זיין אַ מענטש
אַז אויף יעדן טראָט און שפּאַן

איז אַ ברודער דאַך פֿאַראַן
מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט
גרייט צו גיין אין וועג ביינאַנד?

אָדער:

און דער שוואַרצער וואַלקן־וועג
זוימט מיט זילבער זיך ביים ברעג
און די ערד, זי קוועלט דערפֿון
און צעבליט זיך קעגן זון...

אָבער צומאָל פֿאַרטונקלט זיך דעם דיכטערס געמיט דיכטעט ער וועגן „„טונקעלע פֿאַרנאַכטן" וועלכע:

שוועבן אין דער לופֿטן
דרייען זיך אין קרייזן
לאָזן זיך אַרונטער
אויף מיין קאָפּ צו נעסטן

מיט די נעגל שאַרפֿע
פֿעסט זיך איינגעקלאַמערט
וויגן זיך פֿאַרנאַכטן
אויף די אַקסלען מיינע.

אָדער זיין ליידנס־ליד „איינער":

אויסגעטראַטן אין דעם טומל
פֿון די גאַסן אַלע שטיינער;
זיך מיט טויזנטער באַגעגנט
און געבליבן — איינער.

און פֿון נאָך אַ פּאָר לידער זיינע, געשריבן אין קאָנווענציאָנעלער פֿאָרמע באַקומט מען דעם איינדרוק פֿון אמתער איבערלעבונג, און איבערצייגונג. עס וואָלט אָבער־ געווען אַ יושר אַז ניסנעוויטש זאָל זיך באַפֿרייען פֿון פּעדאַנטישע גראַמען, און איבערהויפּט פּרו־ בירן נייערע פֿאָרמען, ווייל פֿון מאָרים ראָזענפֿעלד ביז מאַני לייב אָדער לייוויקן, האָבן זיך די דיכטערישע פֿאָרמען אַ היבש ביסל געענדערט...

## שולמית באָראָדענסקי

שולמית באָראָדענסקי, אַ גראַדואירטע שילערן פון די מאָנטרעאַלער פּרץ שולן. זינגט זי אין זשורנאַל („אידישע קינדער" 1927):

עפּעס אַ נייע נשמה האָט אין מיר זיך דערוועקט
די וועלט איז אינגאַנצן מיט שטערן באַדעקט.
עס פליען די שטראַלן אין די הייזער אַריין
און פילן אַלץ אַז מיט ליבן זונען־שיין.

ווי אַזוי עפּעס זונען־שיין ביינאַכט ווען דער הימל איז באַדעקט מיש שטערן? און אין זעלבן ליד, אַזוי נאַאיוו, גוטמיינענד:

אָך גאָט: וויפיל גוטסקייט די שטערנלאַך געבן!
זיי פילן אַז מיט גוטסקייט און שיינקייט דאָס לעבן
און הונדערטער מענטשן וואָלטן אַ פאַרמעגן געגעבן
צו קריגן עטלאַכע שטראַלן אין זיין לעבן.

אָדער:

לאָמיר גיין, לאָמיר גיין, וואו הימל איז בלוי
וואו דאָס גראָז און די בלומען באַדעקט איז מיט טוי
וואו די פויגל זינגען זייער אייביק זיס ליד
וואו דער מענטש ווערט פון אַרבייט קיינמאָל ניט מיד.

מען מערקט פון די נאַאיווע ציטאַטן אַז שולמית באָראָדענסקי האָט אַ דערציילערישע טענדענץ אין איר דיכטן, איז איר דערפאַר לייכט צו שרייבן דיכטערישע מעשהלאַך ווי:

אַ הערט נאָר ליבע קינדערלאַך
וואָס מיר האָט זיך געטראָפן,
ווען אונטער אַ בוים אין וועלדעלע
בין איך איינגעשלאָפן.

אַהין בין איך מיט הברטעס
געקומען פרי צולויפן
צו קלייבן ברוינע ניסעלאַך
און גיין אין מאַרק פאַרקויפן.

און זי דערציילט ווי זיי האָבן זיך געשפּילט, און מיד געוואָרן, און איינגעשלאָפן אונטערן בוים און געחלומט אַז אליהו הנביא איז צוגעקומען און זי געפרעגט:

וואָס טוסטו איצט דאָ אַליין אין וואַלד
דו שטיפערקע, דו מיידעלע?

און זי ענטפערט:

איך קען אייך ליבער זיידעניו
איך קען אייך, אַ נאָך ווי,
איר זייט דאָך אונזער אליהו הנביא.
(אידישער קינדערשורנאַל)

צוויי יאָר שפּעטער (נאָך אַלץ אַ שילערן פון די פּרץ שולן)

באגייסטערט פון די אידעאלן וואָס די שולע האָט איר געגעבן. זינגט זי ווידער וועגן זון און שטראַלן אָבער שוין געלייטערט אין איבערצייגנד („אידישע קינדער") 1929.

סהאט אַ ליכטיקער פרימארגן
אנגעפילט מיט פרייד מיין לעבן
סהאט אַ ליכטיקער פרימארגן
ווידער האפנונג מיר גענעבן

סהאבן זיסע מעלאדיעס
מיך דערוועקט צו העכער שטרעבן.
סהאט אַ ליכטיקער פרימארגן
אנגעפילט מיט גליק מיין לעבן.

דעמזעלבן טאָן פון איבערצייגונג געפינט מען אין כמעט אַלע אירע ווייטערדיקע לידער. ווי פאַרשידן די טעמאַטיק זאָל ניט זיין: אָט זינגט זי אין זעלבן נומער זשורנאַל:

זיידע, דו ביסט אַלט און גרוי
שוואַך און איינגעבויגן
דאָך אַ שמייכל און אַ פונק
ליגט אין דיינע אויגן.

אָדער:

דו שרייבסט מיר און איך שרייב דיר,
און מיר האבן זיך קיינמאל נישט געזען.
דו קענסט מיך און איך קען דיך
און מיר האבן זיך קיינמאל נישט געזען.

כמעט אין דערזעלבע צייט דרוקט זי אין לאָקאַלע צייטונגען ענגלישע לידער, אָבער אויך פון זעלבן נאַאיוו-דערציילערישן מין:

Listen, my dears, and a story I'll tell
Of little white fairies that live in a dell
Their shapes are so different, I have heard people say,
As different my dear as night from day.

אָדער:

In a valley near a streamlet
Side the Cedar and the Oak trees
In a tent of twigs and linen
Lived an old man kind and generous.

סיי אין אירע אידישע, סיי ענגלישע „דערציילערישע לידער" פעלט פּאָעטישער שוואונג, און זיי ליידן פון אַ צו אויסגעשפּראכע־נער טענדענץ — דאָס איז אייגנטלאַך אַ גרויסער חסרון פון כמעט אַלע אירע לידער. וועט זי מוזן ערנסט אַרבעטן זיך פון דעם צו באַפרייען — ווייל טוט זי דאָס נאָר, זיינען אירע לידער פיל געלונגענער, ווי צום ביישפּיל:

You say, your eyes have lost their play
Are lost, compared to mine
But yet, I see upon your soul
There is no trace of time.

## נעמי לענין

נעמי לענין איז געבוירן אין מאָנטרעאל אין 1907. דאָ דערצויגן און דאָ אָנגעהויבן דיכטן. אירע לידער זענען געדרוקט געוואָרן אין די י. מ. ה. א. צייטונגען. ווי אַלע יונגע מענטשן פילאָזאָפירט זי פּעסימיסטיש, צומאָל מיט אַ ביסל סאַרקאַזם, אַנדערע מאָל סענטימענטאַל־ליריש. אָט דעפינירט זי מיט פאַראַכטונג און סאַרקאַזם די באַשאַפונג פונם מאַן אין אַ ליד „און דאַן האָט גאָט געלאַכט":

In the Beginning
There was Thought,
And then the will,
And suddenly — Motion!
A writhing, seething Mass
That crawled and wriggled
Frantic at its bonds —
Ever striving to reach the Sun.
Evolved — grew upright;
Cast off the dirt,
And worm-like; called itself
A Man!

פריי איבערזעצט.

אין אָנהויב
איז געווען געדאַנק,
דערנאָך דער ווילן.
פלוצלונג — באַוועגונג!
אַ קלעביק־קאַכעדיקע מאַסע
וואָס קריכט און באַוועגט זיך
ווילד ביז צו די ברעגעס
שטענדיק שטרעבט די זון דערגרייכן
באַשאַפן — גראַד געוואַקסן
פון זיך דעם שמוץ אַרונטערגעוואַרפן,
אַ מין וואָרם — וואָס רופט זיך
מאַן.

אָדער זי דעפינירט לעבן און טויט. לעבן זאָגט זי:

Life...
An Endless Circle
Round which we vainly seek
Some peaceful exit
To a faint-remembered Elysium:
And in our search,
Grow old and weary...until
We know not why or where,
Or wherefore... and care less!

איבערזעצט:

לעבן
אַן אומענדלאַך ראָד
אַרום וועלכן מיר זוכן אומזיסט
אַ פרידלאַכן אַרויסגאַנג

צו אַ קוים־דערמאַנטן עליסעאום.
און אין אונזער זוכעניש
וואַקסן מיר אַלט און אויסגעמאַטערט... ביז
מיר ווייסן נישט פאַרוואָס, אַדער וואו,
אַדער צוליב וואָס... און עס אַרט אונז ווייניקער!

און וועגן טויט פילאָזאָפירט זי מיט דער זעלבער פעסימיסטישער קאַלטקייט ווי וועגן לעבן:

Death...
Fastens cold and claw-like hands
Upon the heart,
Congealing the blood
And like a vampire
Pounces upon the breath
Sucking it clean away,
Then for one moment
There is infinite Agony
And bleak Terror —
Then Darkness...and,
Blank Nothingness!

טויט...
פאַרגליווערט קאַלטע נעגל־הענט
אויפן האַרץ:
פאַרפרירט דאָס בלוט
און ווי אַ וואַמפיר
זיך אַנזעצן אויפן אָטעם
און עס אויסגעזויגן אינגאַנצן,
דערנאָך פאַר אַן אויגנבליק
אומענדלאַך גויסן
און קאַלטע, קאַלטע שרעק —
דערנאָך פינצטעניש... און
ווייסער גאָרנישט!

פאַרוואָס אַ יונגער מענטש באַשעפטיקט זיך מיט אַזעלכע טעמעס, מיט אַזאַ טיפן ערנסט, מיט אַ ביטער־סאַרקאַסטישן שמייכל אויף די ליפּן, ווייס איך נישט, איך דערפיל נאָר אַן עכטקייט, וועלכע רירט מיך. אַ סאַך ליבער איז מיר אָבער צו לייענען אירע לירישע פאָעמען — וועלכע אָטעמען מיט יונגקייט און וואַרעמקייט. ווי רייצנד זינגט זי:

I lie upon my back,
And look up in the sky,
And live a perfect hour
As the clouds go drifting by.
And all the petty things of life
Drop from me one by one
As I feel the wind caress my hair,
And my heart drinks in the sun.

The warm scent of buttercups
Springs up into the air,
And the squirrels chatter shrilly
As they see me lying there,
A litle breeze plays o'er the grass
And rustles trough the leaves
Melodiously blending
With the buzzing of the bees.

און אין זעלבן ליד אזוי צארט און אינטים:

Slowly the shadows lengthen
As the day begins to die
And night is born softly
From the womb of the flaming sky,
But through the darkness I can feel
All living things arround,
For the holy hush of evening
Is fraught with quiet sound.

זאָל דאָס נאָר וואָס ציטירט ליד זיין דער מוסטער לויט וועלכן נעמי לענין דאַרף זיך קאָנצענטרירן, און זאָל זי געדולדיק זיך באַקענען מיט די וויכטיקע מאָדערנע דיכטער בין איך איבערצייגט אז זי וועט זיך דערשלאָגן צו קינסטלערישקייט.

## ישראל טרוט

ישראל טרוט געהערט צו דער יונגער ראַדיקאַלער גרופּע דיכ־טער. ער שטאַמט פון רוסלאַנד און איז געקומען אין קאַנאַדע מיט עטלאַכע יאָר צוריק. זיינע ערשטע פּאָעטישע אַרבעטן האָט ער פאַרעפנטלאַכט אין רוסלטנד אין דער רוסישער שפּראַך. אידיש שרייבט ער ערשט די לעצטע 6 יאָר און נעמענדיק דעם פּאַקט אין אַכט, מוז איך צוגעבן אַז ער האָט געמאַכט באַדייטנדן פּאָרטשריט אויף דעם געביט פון אידיש דענקען און שרייבן. אויסערדעם געהערט ער אָן צווייפל צו דער יונגער גרופּע פון בעסערע דיכטער אין לאַנד. זיינע אַרבעטן אין קאַנאַדע האָט ער געדרוקט אין „קאַמף" „דאָס אידישע וואָרט" און אין פאַרשידענע פּעריאָדישע אויסגאַבן. אין אַלע זיינע לידער פילט זיך אַ גערוך פון נאַטור, וועלכע איז אים נאָנט, און די נאָנטקייט רעפלעקטירט חן אין זיינע דיכטערישע שורות. אָט זינגט ער אין זיין ליד „ניי ערד":

זיינען פעלדער געלעגן אין ווילדע געזאַנגען,
געטרוימט וועגן מונטערע כוואַליעס פון ווייצן.
האָט קיינער פאַרבלאַנדזשעט, איז קיינער געגאַנגען
אויף לייב ניט געריטן מיט מענטשלאַכע רייצן.

(די לעצטע שורה איז נישט קיין אָרגאַנישע צו די איבעריקע פונם ווערס.)

האָט פעלד זיך געאָטעמט מיט גראָז און מיט בלומען
געשלונגען געזאַנגען פון לאַנגע פאַרנאַכטן
און טייכלאַך, לבנהיקע ברייט־ווייטע רוימען
פלעגן זיך שווענקען זיך שפּיגלען און טראַכטן.

אַ טיפן סאָציאַלן באַדייט האָט דידאָזיקע פּוסטע ערד פאַרן יונגן דיכטער, ער וויל מיט יעדן פיבער פון זיין נשמה אַז זי זאָל צואַקערט ווערן פון אַרבעטנדע מענטשן, זינגט ער אין זעלבן ליד:

האָבן מענטשן דערוואוסט זיך פון פעלד און פון הימל
האָבן הערצער אַ ברויז געטאָן ווילדער און ווילדער
און פעלדער וואָס זענען אין אייביקן דרימל —
צעצינדן, צעאַקערט, צעשרויפט שוין אַצינדער.

און דער גרויסער נס געשעט:

און מענטשן דערפרייטע, און מענטשן צעהיצטע,
פאַרפלאַנצן דאַ טרערן פון פרייד און פון לידער.
מיט הענט ניט געוואוינטע, מיט אויגן פאַרשפּיצטע,
צעשענקט מען אויף וועלטן די זאַפטיקע גלידער.

פאַרטראַכט זיך ישראל טרוט וועגן אַזאַ פילאָזאָפישן ענין ווי „אייביקייט" זינגט ער קאָמפּליצירטער:

איך ווענד מיין בליק צו אייך נאָך נישט געבוירענע,
און ריר אייך אָן מיט גוטן, טיפן אויג;

(מיטן גייסטיקן אויג אודאי.)

פאַר מיינע טעג געפּייניקטע, פאַרלוירענע,
דערלויבט מיר אַפּציען פון אייער זון אַ סטויג.

ווי אַזוי און צוליב וואָס?

באַצירן וויל איך דאָס פאַרגאַנגענע מיט שפּעטער,
כאָטש טרוים איז בלויז, ניט מעהר ווי ווייטע שיין.

און מיט מאָדנעם פאַטאַליזם אין זעלבן ליד, וועלכער שטייט אין ווידערשפּרוך מיט זיין סאָציאַלער אַנשויאונג, אָבער איינדרוקס־פול אין דער זעלבער צייט:

איך גלויב נישט מעהר אין שפּיל פון ווייטע גליקן
אומזיסט די האַנט זיך ציט צום שאַרפן שווערד.
סקאַן דאַך איין ריר פון דר׳ערד צערייסן אַלע בריקן
און בלייבן וועט, וואָס בלייבן איז באַשערט..

און אַזוי, פון פאַטאַליזם צו רעוואָלוציע איז דער דואַליזם פון טרוטס נשמה, פון איין זייט רואיקע לירישע בענקשאַפט און נאַטור באַשרייבונגען, פון דער אַנדערער רעוואָלוציאַנערע חלומות נישט אַלעמאָל מיט זאָרג און קינסטלערישקייט אויפגעפּאַסט; פון איין זייט פּאַטעטישע אויסרופן, ווען אַפילו אַביסל פּובליציסטיש:

ווי אַ טייך, וואו סשיפּלן זיך גרונטלאָזע אַרומען,
שטייסטו אין די ברעגן פון דיין חלום־קעניגרייך.
וויפיל זענען פון דיין קילן שטראָם, צום צווייטן ברעג דערשוואומען?
וויפיל, האָבן זינד געהייליקט אין דיין טיפקייט, טייך?!..

אָדער:

איז שלאָפט זיך די מענטשהייט אַז טאָגיקע זאָרגן
מיט חלום באַדעקט זענען ערדישע ווייטן,
עס וואַכט בלויז די נאַטהייט און זאָרגט ווען מאָרגן
און ערגיץ פון מענטשישע אויגן פאַרבאָרגן
הענגט אַ סכנה אויף זיידענע קייטן
וואָס גייסטער פאַרבאָרגענע וועבן און גרייטן...

און פון דער צווייטער זייט גראַפאָמאַנישע דעקלאַמאַציעס ווי:

וואָס מערער גערויש, איז ווייניקער דאָך זינען
נאָך גרויס געשריי איז תמיד ווייניק טאַט!
איז ניט אומזיסט האָב איך איצט אויסגעפונען
אַז יעדער שטראַל פון זון איז מאָט..

און פיל אַנדערע „פּראָלעטאַרישע״ פלאַפּלערייען אָן וועלכן עס איז ליטעראַרישן ווערט. ישראל טרוט, וועלכער איז יונג, און האָט זיכער עפּעס וויכטיקס צו זאָגן, דאַרף זיך נעמען אין די הענט אריין, זיך דיסציפּלינירן, לייענען די וועלט־דיכטער און שרייבן מיט זאָרג פאַרן איינציקן וואָרט — פאַר דער איינציקער שורה — וועט ער זיכער עפּעס דערגרייכן.

## מים רובי פרידמאַן

מים רובי פרידמאַן איז אַ יונגע קאַנאַדער דיכטערן, וועלכע האָט אָפט אירע לידער געדרוקט אין „מאָנטרעאַל סטאַר“. אָבער פאַר מיר ליגט אַ דיקער מאַנוסקריפּט לידער, וועלכער וואַרט אויף אַ פאַרלעגער. אין ערשטן ליד, ווי אַ פאָרוואָרט, ענטפערט די דיכ־טערן אויף דער פראַגע: אין וואָס ליגט דעם דיכטערס טיפסטע צופרידנהייט? און איר לירישער ענטפער איז:

To garner words
Like polished shells,
Clear as the sound
Of crystal bells;
To see why frost
Clings to a tree,
Tracing the lines

In filigree;

— — — — — — — — — — — — — — —

To seek where apples
Grow most red,
Where squirrels find
Their winter bed;
How the curved bow
Speeds arrows bent,
There lies the poet's
Deep content.

אַן אָנדייטונג אַז די וועלט פון דיכטער איז ענג פאַרבונדן מיט דער נאַטור — גייט זי דערפאַר צו דער נאַטור שטודירן אירע שטי־מונגען און געהיימנישן; סאיז מאָנאַט דעצעמבער ביינאַכט און זי זעט פיל בולטער איידער זי פילט:

Wild the wind and wild the night
Eerie cry of bird in flight
Weird shadows thrown by twisted trees
On sombre copse and lonely leas.

Snowflakes
Are little white dreams
That ascend to Heaven,
Only to drift back to earth.

אָדער:

Swiftly as an arrow
Bent straight from the bow;
Flying down a mountain
Touching plain below.

אָדער:

Tired winter takes his benison
With falling tears of rain
Resisting with a losing strength,
Faint effort to remain.

איך האָב אָבער דאָס געפיל אז אַן אויבנאויפיקייט רעדט פון די דערמאָנטע לידער. מיר פילן נישט דעם דיכטערס קאָנטאַקט מיטן ווינטער, נאָר אַ באשרייבונג פון דער זייט, אַ לייכטע אימ־פרעסיע באשריבן אין שיינע אָבער נישט איבערצייגנדע בילדער.

אביסל ווארעמער און איבערצייגנדער זענען אַ צאָל זומער מאָטיוון ווי צום ביישפיל:

Yellow kittens drowsing
On a white-washed stair
Rows of larkspur flaunting
Beauty everywhere. —

Leafy shadows weaving
On a sunlit wall
And the silver murmur
Of a waterfall.

כאָטש זילבער מורמור פון אַ וואסערפאל האָט מען שוין אַ מיליאן מאָל געזונגען.

אָדער:

After the storm — the rainbow
After the fog — the sun,
After the dusk — the last bird's call
For day is done.

אָדער דער אמת שיינער מאָטיוו:

A wave came up the rock to woo
Embracing it with lacy arm,
A moment murmured, "I love you"
Then fluttered back in soft alarm.

אָבער די קינסטלערישסטע גרופּע לידער זענען אָן צווייפל די

װעלכע זענען אינגאַנצן פֿרײ פֿון ליטעראַרישקײט און טענדענץ װי צום בײשפּיל:

Besides the wooded stream the sheep are browsing
The sunset fades and slowly turns to gray,
The purple hills stand humbly in the distance,
Forever patient at the end of day.

אָדער דער װאונדערלאַכער סאָנעט, אַזױ ליריש, מאַלעריש און קינסטלעריש:

There is a time for singing when a star
Drops like a silver bird into the night,
When Spring pins trilliums on the breast of May,
Veiling the woods with tremulons green light,
When double rainbows think mere mortals fit
To glimpse their fleeting beauty in the sky
Below, their arches cradled in a pool
Silent and cool where yellow lilies lie;
Or when a ship driven by storm and wind
With blinding salt spray slapping at her side
At last in haven at a quiet port
Forgets awhile the ocean's restless tide.
So there is time for singing when my heart
Finds winged joy that will ere long depart.

אויב מים פרידמאַן קען זיך דערזינגען צו אַזאַ פֿײנער שטופֿע, מוז זי זיך אויסהיטן פֿון אַ געװיסער ליטעראַרישקײט און תּכלית־דיקײט, װעלכע איז כאַראַקטעריסטיש צו פֿיל פֿון אירע לידער, װײל מיט איר פֿײנעם ענגלישן שפּראַך אוצר און דיכטערישע פּעאַי־קײטן קען זי דערגרײכן צו ראַפֿינירטער קינסטלערישקײט:

צו פאַרבינדן מיט מיין פריערדיקן אַרטיקל וועגן מ מילער

אין 1927 איז אין וויניפעג, דערשינען אַ צווייטער בוך זיינער אונטערן נאָמען „סילועטן“. אַ גרויסע צאָל פון די לידער זענען לאַמענטאַציעס וועגן אַנטוישטע ליבעס, טויט, מזל, א. א. וו. סוביעקטיווע שילדערונגען געשריבן אין גרויע, טאָג־טעגלאַכע ווערטער, און האָבן נישט אונטער זיך דאָס וואָס מאַכט פון ווערטער אמתע לידער. זעלטן באַגעגנט מען אין בוך אַ טייל פון אַ ליד וואָס ווייזט אַז אונטער אַ געוויסער דיסציפּלין, וואָלט מרדכי מילער געקענט בעסער שרייבן. אָט איז דער סוף פון זיין ליד„ אין דער פרעמד“:

אין דער היים זיצט מיין מאַמע ביים פענצטער און וואַרט —
סוועט אפשר זיך יאַווען איר זון פון דער פרעמד..
מיין אויסזען באַווייזט זיך אין שטראַליקן ליכט,
דאָס האָט מיך איר דמיון אויף פליגלען געבראַכט.

זי קוקט אויף איר זון מיט פאַרבאַרגענער פרייד.
אָט נעמט זי זיך גרייטן פאַרשפרייטן דעם טיש...
דער זון איז געקומען אַ מידער פון וועג —
זי וויל עפּעס זאָגן, פעלן אוים רייד...

פאַרנעמט מען אַן אויפריכטיקן סענטימענט. אָדער „דו ווייסט“:

דו ווייסט אוודאי אַז איך ליג אַ קראַנקער אין מיין בעט.
וואָלסט צוגעקומען כאַטש, דערנאָר אַוועקגיין צוריק...
די אויגן מיינע האָלט איך צוגעמאַכט,
און אין מיין בלינדקייט זע איך דיך...
עס איז שוין האַלבע נאַכט,
עס איז שוין אַזוי שפּעט.
די שטילקייט שאַרט זיך און דער זייגער גייט
און בלייבט ניט שטיין.

דאָ איז דאָ אַ ריינער טאָן, ענלאַך צו משה לייב האַלפּערנס אַ מאָטיוו אין זיין פּאָעמע „אין דער פרעמד“. אָדער ווען מען לייענט זיין ליד „אַ בריוול“ (און מען לאָזט אוים די מיטלסטע 4 שורה׳ס) דערהערט מען אַן עכטן פאָלקס־טאָן:

ביז וואַנען איך קריג דיינס אַ בריוול,
קוק איך די אויגן מיר אוים.
דאָס האַרץ מיינס איז קראַנק שוין פון וואַרטן.
מיין ווייטיק פון בענקשאַפט איז גרוים.

בייטאַג מיט דיין נאָמען אין האַרצן,
דיין בילד אויף די ליפּן ביינאַכט.
עס לויכט מיר צוקאַפּנס מיין בענקשאַפט
עס רוט ניט דאָס ליד מיינס, עס וואַכט.

אָדער זיין ליד „זאָל זיך מיר דוכטן, (אָן די לעצטע 8 שורה׳ס) נאָר אַזוי ווי דאָס ליד איז געדרוקט געווען אין די „נאָואַנסן“ אונטער

י. י. סיגאַלס רעדאַקציע, באַקומט מען דעם איינדרוק אַז מ. מילער איז אַ דיכטער, וועלכער האָט וואָס צו זאָגן, נאָר נויטיגט זיך אין אַ רעדאַקטאָר, וועלכער זאָל נישט דערלאָזן אַז אין אַ בוך פון 100 זייטן זאָלן זיך געפינען נאָר אַ פּאָר זאַכן וואָס האָבן אַ שטיקל קינסטלערישן ווערט.

## פילים קאהען

פילים קאָהען איז געבוירן אין מאָנטרעאל אין 1916 און האָט דאָ גראַדואירט אַ מיטלשולע. ווען נאָך זייער יונג (זיבן יאָר אַלט) האָט די היגע „סטאַר“ אָפּגעדרוקט אירם אַ קינדעריש לידל:

How cold and rainy is the day
No time to run no time to play
But only watch the falling rain
Which taps on the window pane.

פריי איבערזעצט:

ווי קאַלט און רעגנדיק איז דער טאָג
קיין צייט צו לויפן און זיך שפּילן
נאָר קוקן ווי דער רעגן פאַלט
און פּייקלט אויף מיינע פענצטער.

אין מיטלשולע זשורנאַל, 1929, זינגט זי וועגן הארבסט:

The leaves are falling all around
Gorgeously colored to the ground
Yellow, red with touch of green.

און אַביסל שפּעטער זינגט זי וועגן יוגנט:

I liken youth unto a river
Whose flowing knows no end
Whose harmony goes on forever,
Rippling down the bend.

אָדער אין זעלבן ליד:

Youth is like a fleeting hour
It comes and goes so fast.

אַלץ מאָטיוון וועלכע (פאַר אַ קינד פון ארום 14 יאָר), ווייזן אָן אויף פייאיקייט.

אין די שפּעטערדיקע לידער אירע מערקט זיך צופיל טענדענץ. עפּעס זוכט מים קאָהען אַ מאָראַל צו יעדן עכטן געפיל צו וועלכן זי גיט אויסדרוק. זאָל די דיכטערן זיך פון דעם גרויסן חסרון באַפרייען, אויב זי וויל אַז אירע לידער זאָלן אַ דיכטערישן קיום האָבן.

Life is a like a book
With every page a year.

איז אַ פיינער אָנהויב פון אַ ליד, אָבער די ווייטערדיקע שורות דערפירן צו אַ מאָראַלישן פּראָצעס וואָס האָט מיט דיכטונג גאָרנישט צו טאָן. דערזעלבער חסרון איז כאַראַקטעריסטיש צו פיל פון אירע ערנסטע און הומאָריסטיישע לידער, סיי די וועלכע זי האָט געדרוקט אין דער לאָקאַלער פּרעסע, סיי אין מאַנוסקריפּט. מים קאָהען איז ערשט 18 יאָר אַלט און האָט נאָך די מעגלעכקייט צו לייענען די קלאַסישע און מאָדערנע דיכטער און זיך קאָנצענטרירן אויף אמתער קינסטלערישער דיכטונג, ווייל אַ פּינטעלע טאַלאַנט פאַרמאָגט זי.

## יצחק פאָגל.

יצחק פאָגל איז געבוירן געוואָרן אין פינסק, און איז געקומען קיין קאַנאַדע זייער יונג, יולי 1921. ווען נאָך אַ שילער אין די מאָנטרעאַלער אידישע פאָלקס שולן האָט ער אָפּגעדרוקט אין די „בלי־ענדע צווייגלאַך" 1923 אַ ליד „דער שומר" וועלכעס האָט אויף אים געצויגן אויפמערקזאַמקייט. עס איז אַ העראָאישע אָדע פאַר דעם שומר אין גליל וועלכע ענדיקט זיך:

און עס פליט דער דרייסטער שומר
אויף דעם יונגן פלינקן פערד...
נאָר די נאַכט זעט ווי עס פאַלן
העלדן אויף דער גליל ערד.

און מיט פרישע גרינע בערגלאַך
איז די גליל ערד באַדעקט
וואו די נעמען פון די העלדן
ווערן קיינמאָל אָפּגעמעקט.

אין „פאָלקס־שול בוך" 1924 געפינען זיך צוויי לידער זיינע, וועלכע ווייזן אָן אויף פאָרשריט. אין די מאָנטרעאַלער פאָלקס שולן איז ארץ ישראל זייער שטאַרק אונטערשטראָכן, רופט זיך דאָס אָפּ אין יצחק פאָגלס ליד:

איך בענק אַהין צו יענעם לאַנד
וואו ס'ליגן בערג ביים הימל־ראַנד
איך בענק אַהין צום שרון טאַל
וואו ס'מורמלען קוואַלן פון קרישטאַל.
איך בענק אַהין וואו עס הערט זיך שטיל
אין לבנה נעכט אַ ליד יליל.
איך ביינק אַהין וואו אַ שומר וואַכט
ביי לבנה־שיין; אין אַ גליל נאַכט
איך ביינק אַהין; וואוהין מזרח בליט
אַ נייע לאַנד וואו צוקונפט שמידט.

אויסער ציוניסטישע מאָטיוון האָט ער אויך געדרוקט לידער וועגן שטערן, ווינט, נאַטור און אומגעבונג דעסקריפּציע, ווי צום ביישפּיל:

האָט די שטאָט שוין; ווי אַ זקנה
צופּוסנס פונם הויקערדיקן באַרג נערוט
האָבן אירע קלויסטער צלמים זיך צעשפּילט אין רויטן גאָלט;
און שויבן האָבן זיך געטונקט אין קופּערדיקן בלוט.

און גאָסן האָבן זיך געשטויבט אין בלויען שטויב
האָט ערגיץ אויפגעבלוטיקט נאָך אַן איינציק גוסס'דיקע שויב.
און קלויסטער גלאָקן האָבן פרום צעקלונגען זיך
און אויסגעקלונגען עמיצן אַ לויב.

זיין וויכטיקסטע פּאָעמע אָבער איז אָן צווייפל „די פישער פון טשאַרנאָוו" געדרוקט אין „פאָלקס־שול בוך 1929" וועלכע איז שטאַרק באַאיינפלוסט פון קולבאַק..ס אַ פּאָעמע מיט אָן ענליכן מאָטיוו, און אויך פון א. רייזען.' פאַרוואָס האָט יצחק פאָגל אויפגעהערט שרייבן? איך האָב דאָס געפיל אַז ער האָט עפּעס וואָס קינסטלעריש צו זאָגן. זאָלן די שורות דינען ווי אַ דערמאָנונג.

# ביאגראפישע נאָטיצן

נאר אזעלכע וועלכע איך האב נאך פיל באַמיאונגען געקענט געפינען.

---

ראָזע אפעלבוים קומט פון פוילן און איז געקומען קיין קאנאדע אין יאָר 1914 ווען 6 יאָר אַלט. איר אידישע דערציאונג האָט זי באַקומען אין די מאָנטרעאַלער אידישע פאָלקס־שולן. איר ערשט ליד איז געדרוקט געוואָרן אין „מאָנטרעאַל סטאר“ אין 1930, זי האָט שפּעטער זיך געדרוקט אויסער מערערע לײדער אין דעם „סטאר“ אויך אין „מאָנטרעאַל גאַזעט“ אין „י. מ. ה. א. קלאריאָן“ און אין „באָזארטס בוך פון הײנטיקע דיכטער“.

*   *   *

וועראַ בלעק, געבוירן אין אַלעקסאַנדראָווסק, אוקראינאַ, 1904. אויסגעוואַנדערט אין קאַנאַדע מיט אירע עלטערן 4 יאָר שפּעטער. דאָ האָט זי באַקומען איר אַלגעמײנע און מוזיקאַלישע דערציאונג. זי האָט אָנגעפירט אַ קאָלום אין אַ צײטונג „די פּיפּלס זשורנאַל“ (ענגליש), און האָט פאַרעפנטלאַכט אירע ערשטע לידער אין „מאָנ־טרעאַל סטאר“, אין פעברואַר 1931.

*   *   *

פ. מאַטענקאָ געבוירן אין יעקאַטערינעסלאַוו, רוסלאַנד, 1901. געקומען קײן קאנאַדע אין 1906. דורכגעמאַכט די טאָראָנטאָר פּרײ־שולע. זײן ענגלישע דערציאונג האָט אים דערפירט צו דאָקטאָר פילאָזאָפיע. דאָס ערשטע ליד זײנס איז געווען געדרוקט אין דער וואַרהײט, דערנאָך פאַרבאַנד זשורנאַל, „טאָראָנטאָ זשורנאַל“ און זײן ביכל לידער איז אויך דערשינען אין טאָראָנטאָ.

*   *   *

י. י. סיגאַל

געבוירן אין סאַלאַבקאָוויץ (1897), פּאָדאָליע. דערצויגן אין קאָרעץ, וואָלין. אַלס אינגל פון 15 יאָר אַריבערגעקומען קײן מאָנ־טרעאַל, קאַנאַדע. זיך אָנגעהויבן דרוקן אין יאָר 1918. אַרויס־געגעבן אין משך פון דער צײט 5 ביכער לידער. רעדאַקטירט ליטעראַריש־קינסטלערישע זשורנאַלן און זאַמלביכער. מיטגעאַרבעט אין כמעט אַלע ליטעראַרישע אויסגאַבן אין קאַנאַדע און די פאַראײ־ניקטע שטאַטן, אויך אין אײראָפּײאישע, שטענדיקער מיטאַרבעטער אין „קענעדער אדלער“.

נחמיה סיגאל געבוירן אין קאָרעץ — פּאָדאָליע, 1878 (עלטערער ברודער פון דיכטער י. י. סיגאל). אלס דאָרפס־מלמד אָנגעהויבן שרייבן העברייאישע שירים. שפּעטער אויסגוואנדערט קיין קאנאדע, שווער געארבעט אין פאבריק און קראנק געוואָרן, און געמוזט פאר־לאָזן די פאבריק — האָט ער אין 1922 אָנגעהויבן שרייבן אידישע לידער אין קאנאדער זשורנאלן און צייטונגען.

* * *

יצחק פּאָגל, געבוירן אין פינסק, פּאָלעסיע, רוסלאנד. געקומען קיין קאנאדע זייער יונג, יולי 1921. באקומען זיין אידישע דערציאונג אין מאָנטרעאלער פאָלקס־שולן, און אויך אין אידישן לערער סעמינאר, ניו־יאָרק. אָנגעהויבן דרוקן לידער אין די פאָלקס־שולן זשורנאלן.

* * *

רובי פרידמאן, געבוירן אין שערברוק, קוויבעק. איר דערציאונג האָט זי באקומען אין מאָנטרעאל. צום ערשטן מאל זיך געדרוקט אין „מאָנטרעאל סטאר" אין 1929. האָט פארטיקן מאנוסקריפט פון א בוך לידער.

* * *

פילים קאָהען איז געבוירן געוואָרן אין מאָנטרעאל, דעם 6־טן דעצעמבער 1916, און האָט גראדואירט די „מאָנטרעאל הייסקול". אירע ערשטע ארבעטן האָט זי געדרוקט אין די שול־העפטן און דערנאָך אין דער לאָקאלער ענגלישער פּרעסע.

* * *

א. מ. קליין, געבוירן אין מאָנטרעאל, פעברואר 14־טן, 1909. זיין אידישע דערציאונג האָט ער באקומען אין מאָנטרעאלער תלמוד תורה און פריוואטן אונטערריכט. דאָ האָט ער אויך געענדיקט דעם מעק־גיל אוניווערזיטעט אלס אדוואָקאט. זיין ערשט ליד איז דער־שינען אין מענארא זשורנאל, 1927. דערנאָך זיך געדרוקט אין פארשידענע קאנאדער און אמעריקאנער זשורנאלן. האָט פארטיק צום דרוק א גרויסן באנד לידער.

* * *

קאצענעלנבאָגן אוריה, געבוירן 1885 אין ווילנע, וואו ער האָט באקומען זיין דערציאונג. אָנגעהויבן זיין ליטערארישע טעטיקייט מיט פאָלקס־מאָטיוון אין די דאָרטיקע צייטונגען אין 1912. געקו־מען אין קאנאדע אין 1927 און דאָ ארויסגעגעבן זיין וויכטיק בוך „דיינאָס". ער האָט זיך געדרוקט אין די לאָקאלע צייטונגען און רעדאקטירט די שריפט „אָנהויב" אין טאָראָנטאָ.

ר. רויזנבלאַט געבוירן אין באַסאַראַביע 1906. איינגעוואַנדערט אין קאַנאַדע אַרום 1910. איר אידישע דערציאַנגק באַקומען אין די היגע פּרץ־שולן און האָט אָנגעהויבן דיכטן אין די שול־העפטן צווישן 1921־1924. אין 1925 זיך געדרוקט אין דער צוקונפט און אין אַ פּאָר קאַנאַדער אידישע זשורנאַלן. איר בוך לידער איז דערשינען אין ניו־יאָרק.

*   *   *

רעגינאַ שולמאַן, געבוירן אין ווין, 1909, וואו זי האָט באַקומען איר עלעמענטאַרע דערציאונג. איינגעוואַנדערט אין קאַנאַדע אין 1920, און ווען נאָך אין מיטל־שולע (1924) האָט זי אָנגעהויבן דרוקן לידער אין „מאָנטרעאַל סטאַר“. שפּעטער האָט זי גדרוקט לידער אין פאַרשיידענע זשורנאַלן און אַרויסגעגעבן איר ערשט ביכל, און לעצטנס אויך פאַרטיק געמאַכט דעם מאַנוסקריפּט פון אַ גרויסן בוך לידער.

*   *   *

חנה שטיינבערג, געבוירן אין קאַמענעץ, פּאָדאָלסק, אין 1896, וואו זי האָט באַקומען איר דערציאונג. האָט איינגעוואַנדערט קיין קאַנאַדע אין 1914 און האָט אָנגעהויבן דרוקן אין היגע זשור־נאַלן אין יאָר 1929.

*   *   *

שלום שטערן געבוירן אין טישעוויץ — לובלינער קרייז, אין 1907, באַקומען אַ רעליגיעזע דערציאונג פון זיין טאַטן. דעביו־טירט אין „בעלעמער שטימע“, פּוילן. איינגעוואַנדערט אין קאַנאַדע פעברואַר 1927. געדרוקט ס׳ערשטע ביכל „נאָנטקייט“ אין 1929, און זיך באַטייליקט אין פיל קאַנאַדער, פאַרייניקטע־שטאַטן, רומע־נישע און פּוילישע זשורנאַלן.

*   *   *

א. ש. שקאָלניקאָוו געבוירן אין כיימעץ, מינסקער גובערניע, אין 1896, פיל געליטן און אַרומגעוואַנדערט און דערנאָך געקומען קיין קאַנאַדע. 1921 אָנגעהויבן דרוקן לידער אין י. י. סיגאַלס „ניואַנסן“ און ווינער „קריטיק“. דערנאָך מיטרעדאַקטירט און אַליין רעדאַקטירט אַ פּאָר זשורנאַלן און געדרוקט לידער אין פיל קאַנאַדער זשורנאַלן און צייטונגען. אין בוך פאָרם פאַרעפנטלאַכט „פאַר אַ ברענענדיקע זון“, לידער, אין 1921, און „לידער“ אין 1926.

# אַ דערקלערונג פון מחבר

איך האָב פריי איבערזעצט אויף אידיש די מערסטע ענגלישע לידער־ציטאַטן, מיטן אויסנאַם פון די ציטאַטן פון אייניקע ענגליש־אידישע דיכטער, וועלכע איך האָב נישט געקענט געהעריק איבערזעצן. בעט איך אַנטשולדיקונג.

איך בעט אויך אַנטשולדיקונג פאַר די דרוק־פעלערן, וועלכע האָבן זיך אין בוך אַריינגעכאַפּט, כאָטש איך האָב זיך באַמיט זיי אויסצומיידן. עס באַווייזט נאָר אַז איך בין ניט קיין קוואַליפיציר־טער קאָרעקטאָר!

מיט דרך־ארץ,

ח. מ. קייזערמאַן.

# אינהאלט:


| | זייט |
|---|---|
| א ווארט פון י. י. סיגאל | 5 |
| פארווארט פון ה. מ. קייזערמאן־וויטאל | 9 |
| פסח מאטענקא | 13 |
| ה. הירש | 14 |
| יחזקאל א. בראנשטיין | 15 |
| מרדכי מילער | 16 |
| מרדכי מילער (פארטזעצונג) | 213 |
| זאמלבוך „קאנאדע" | 18 |
| ש. נעפאם | 21 |
| י. י. סיגאל | 27 |
| א. ש. שקאלניקאוו | 53 |
| אסתר סיגאל | 61 |
| זשורנאל „רויערד" | 65 |
| שלמה האלפערן | 69 |
| ל. ראזענבערג | 69 |
| ל. בערקאוויטש | 69 |
| ש. שניידער | 70 |
| אשר רויזן | 71 |
| מאנאטשריפט „ניואנסן" | 73 |
| איידא מאזע | 76 |
| זאמלבוך „באגינען" | 88 |
| נחמיה סיגאל | 89 |
| א. ל. סעלצער | 91 |
| בנימין קאץ | 93 |
| גרשון פאמעראנץ | 96 |

| | זייט |
|---|---|
| ש. פערל | 101 |
| מ. סעגאל | 104 |
| הרב יהודה לייב זלאטניק | 109 |
| חנה שטיינבערג | 113 |
| מירל ערדבערג־שאטאן | 116 |
| יודיקא | 121 |
| נ. י. גאטליב | 129 |
| שלום שטערן | 141 |
| א. קאצענעלנבויגן | 149 |
| יעקב זיפער | 153 |
| מרדכי יאפע | 156 |
| היימאן עדלשטיין | 160 |
| אברהם מ. קליין | 167 |
| פרידא מייראן | 177 |
| רעגינא לעאנארא שולמאן | 185 |
| ווערא בלעק | 191 |
| ראזע אפעלבוים | 194 |
| מארים זיגלער | 199 |
| מ. קרייצער | 200 |
| שולמית בארארדענסקי | 202 |
| נעמי לענין | 205 |
| ישראל טרוט | 208 |
| רובי פרידמאן | 210 |
| פילים קאהען | 215 |
| יצחק פאגל | 217 |
| ביאגראפישע נאטיצן | 218 |




Bibliothèque
et Archives
nationales
Québec